STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01863

FERDINAND LASAL

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געארג בראַנדעס

פערדינאַנד לאַסאַל

איבערזעצט פון

ל. לאקסאַן און ב. ריווקין.

ערשטער טייל

לאַסאַל פאַר דער אַגיטאַציע

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יארק
1920

Copyright by
MAX N. MAISEL
New York, 1920.

אינהאַלטס־פאַרצייכניס

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 9

לאַסאַל פאַר דער אַגיטאַציע (איינלייטונג) — — — — — — — — — — — 12

1. די אידישע פאַמיליען־סביבה — — — — — — — — — — — — — 14

2. יוגענד־יאָהרען — — — — — — — — — — — — — — — — — — 18

3. לאַסאַל'ס באַקאַנטשאַפט מיט דער גרעפין האַצפעלד — — — — — 37

4. די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען וועגען העראַקליטוס „דעם דונקעלען" — — — — — — — — — — — — — — — — 51

5. לאַסאַל'ס ערשטער פּאָליטישער פּראָצעס — — — — — — — — — 64

6. דער באַגריף פון ערוואָרבענעם רעכט — — — — — — — — — — 84

7. ירושה־רעכט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 96

8. לאַסאַל אַלס דראַמאַטורג — — — — — — — — — — — — — 124

9. „דער איטאַליענישער קריעג". ביי גאַריבאַלדי — — — — — — — 151

לאסאַל פאַר דער אגיטאַציע.

פאָרוואָרט.

טיילען פון דעם דאָזיגען ווערק, אין אַן אומבעאַרבייטער פאָרם, זיינען ערשינען אין די יאָהרען 1874 און 1875 אינ׳ם זשורנאַל „דער נייצעהנטער יאָהר־הונדערט“. ביערנסטערנע ביערנסאָן אין זיין פאָרוואָרט צו „קאפּיטאַן מאַנסאַנאַ“ דערמאָנט וועגען זיי, אָנווייזענדיג אויף לאַסאַל׳ס כאַראַקטעריסטישע שטריכען. אין דייטשלאַנד איז דאָס ווערק באַלד אָפּגעדרוקט געוואָרען אין פאָרם פון זשורנאַל־אַרטיקלען נאָהענט פון צעהן טויזענד עקזעמפּלאַרען און צולעצט אין פאָרם פון אַ בוך, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרען אין אַ סך טויזענדער עקזעמפּלאַרען. דאָס בוך איז דאָרט זעהר גוט אויפגענומען געוואָרען און האָט ערוואָרבען אַ סך לעזער אויך אין רוסלאַנד.

גרייז־גראָהע דעמאָקראַטען, טוער פון 1848, האָבען מיר ווארעם געדריקט די האַנד און מיט פריינדליכע בליקען מיר באַדאַנקט פאַר מיין פאָרטרעט פון לאַסאַל׳ן — און דאָס איז דאָך די בעסטע באַלוינונג פאַר אַ שריפטשטעלער. דער איצטיגער פאָרשטעהער פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין דער בערלינער אוניווערזיטעט, פּראָפעסאָר אַדאָלף וואַגנער, האָט אין זיין צייט געשריבען אַ לויב־רעצענזיע וועגען דעם דאָזיגען ווערק. און הגם אונזערע אַנשויאונגען זיינען פאַרשידען, האָט ער דאָך מיר אָנגעטאָן דעם כבוד און האָט זיך אין זיין פאָררעדע צו דער אַרויסגעבונג פון לאַסאַל׳ס בריף צו ראָדבערטוס׳ן כאַראַקטעריזירט מיין בוך אַלס „גלענצענד“. ווי גוט ער האָט ניט געמיינט מיט דעם דאָזיגען אויסדרוק, איז ער אָבער דורכאויס ניט אין איינקלאַנג ניט מיט מיינע שטרעבונגען, וואָס איך האָב נאָכגעפאָלגט מאָלענדיג לאַסאַל׳ס פאָרטרעט, ניט מיט מיינע באַגריפען וועגען פאָרטרעט־קונסט בכלל. מיין אידעאַל

איז וועלאסקעס,*) ער איז אָבער ניט גלענצענד, נאָר וואַרהאַפטיג. פּראָפעסאָר וואַגנער האָט אָבער אין דער אייגענער פאָררעדע ארויס־געזאָגט איין מיינונג וועגען לאַסאַל׳ן, אונטער וועלכער איך בין גרייט זיך אונטערצושרייבען מיטביידע הענד. ער זאָגט, אז ווי פארשידענארטיג עס זיינען נאָך די מיינונגען וועגען דעם דאָזיגען מענשען, איז אָבער ניטאָ קיין מיינונגס־פארשידענהייט צווישען פריינד און פיינד פון דעם גרויסען סאָציאַליסטישען אגיטאַטאָר וועגען דעם, אז א דאנק זיין טעטיגקייט איז ער געוואָרען א היס־טאָרישע פערזאָן פון א „גראַנדיעזען סטיל“. זייענדיג דערין פאָל־שטענדיג איבערצייגט, האָב איך מיט זיבען יאָהר צוריק גענומען מאָלען דעם דאָזיגען פּאָרטרעט, וואָס איז ביז היינט דער ערשטער און איינציגער ליטעראַטור־פּאָרטרעט פון לאַסאַל׳ן. איצט איז דער פּאָרטרעט געענדיגט. איך האָב זיך באַמיהט אויף וויפיעל מיינע קרעפטען האָבען געטראָגען, דער פּאָרטרעט זאָל ארויסקומען וואָס עהנליכער אויפ׳ן אָריגינאַל און וואָס מעהר לעבען אין איהם אריינצוגעבען.

איך וויים, אז דער אינטערעס צום דענקער און איניציאַטאָר פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם איז אין דענעמארק זעהר אומ־באַדייטענד, און, ס׳קאָן זיין, אין גאַנץ סקאַנדינאַוויען. בכלל ווייזט דאָס דעניש פּאָבליקום ניט ארויס קיין גרויס סימפּאַטיע פאַר גייסטיגער אָריגינאַליטעט, אויב זי איז אויסער דעם געביט פון דער שעהנער ליטעראַטור. דאָך איז לאַסאַל׳ס סאָציאַליזם, וואָס האָט אין איצטיגען מאָמענט אָנגענומען די פאָרם פון שטאַט־סאָציאַליזם, אין דייטשלאַנד ווידער ארויף אויף דער טאָגעס־אָרד־נונג און רופט ארויס א ברענענדיגען אינטערעס. אָבער ניט דער סאָציאַליזם, אין וועלכער פאָרם ער זאָל ניט ערשיינען, איז די זאַך, וואָס איך וויל ארויסברענגען אין מיין ווערק. דער הויפּט־געגענשטאַנד פון מיין ווערק איז — די נייעסטע ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דעם דייטשען גייסט אין משך פון מעהר ווי א דור. און צו דעם דאָזיגען סוזשעט קאָן שוין ניט דענעמארק זיך באַ־

*) א באַריהמטער שפּאַנישער פּאָרטרעט־מאַהלער אין 17טען יאָהר־הונדערט.—(איבערז.)

ציהען גלייכגילטיג. אַ חוץ דעם, האָב איך זיך באַמיהט צו באַ־לעבען דעם שוואַכען אינטערעס, וואָס ווייזט זיך דאָרט אַרויס, דורך דעם, וואָס איך האָב פאַרבונדען אינאיינעם אידעען מיט אַ פּערזענליכקייט. דאָס איז אַ מעטאָדע, וואָס איך וועל אָן אַלע־מאָל און דאָס מאָל איז די דאָזיגע מעטאָדע מיר אויסגעקומען נאָך נאַטירליכער. באַשרייבענדיג איינצעלנע פּערזענליכקייטען שלים איך איין אין דער באַשרייבונג זייערע אַלגעמיינע אידעען. פּונקט אַזוי ווי סערען קירקעגאַר שטעלט זיך מיר פאָר אַלס אינדיווידואַ־ליזירטער טייל פון דער דענישער קולטור געשיכטע, אַזוי, נאָך מיין מיינונג, פּערזאָניפיצירט פערדינאַנד לאַסאַל אַ טייל פון דער מאָדערנער רעכטס־וויסענשאַפט און פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אין דעם דאָזיגען פאַל ציהט מיר צו, פון איין זייט, די ריין אינדיווי־דועלע ערשיינונג, „אַן ערשיינונג, וואָס איז נאָך קיין מאָל ניט געווען און וועט זיך קיינמאָל מעהר ניט ווידערהאָלען" — ווי איהם האָט אַמאָל באַצייכענט דער באַריהמטער מינכענער פאָר־טרעט־מאָלער לענבאַך, — פון דער צווייטער זייט, די גרויסע פּעסטע קולטור־אידעען פון אונזער תקופה, די אויפגאַבען, וואָס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרען אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און וואָס ווערען אַלעמאָל אויפ׳ם ניי אויפגעלעבט. נאָר אַזעלכע סוזשעטען, וואָס ברענגען אַרויס אין איין צייט אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייטען און גרויסע אידעען האַלט איך פאַר באַזונדער ווירדיג צו בעאַרבייטען, און די מעטאָדע, וואָס איך האָב ביסלעכ־ווייז אָנגענומען, קאָן אין אַ גלייכער שטופע אָנגעווענדעט ווערען סיי בנוגע דער פּערזענליכקייט גופא, סיי בנוגע די אַלגעמיינע אידעען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דער פּערזענליכקייט.

געאָרג בראַנדעס.

בערלין, סעפּטעמבער, 1881.

לאסאל פאר דער אגיטאציע.

איינע פון די גרויסע געשעהעניסען, וואס מיט זיי האט דער 19טער יאהרהונדערט אם מעהרסטען איבערראשט און פארוואונדערט איירָאפּא, איז דער פּראָצעס, דורך וועלכען העגעל'ס דייטשלאנד איז פארוואנדעלט געוואָרען אין ביסמארק'ס דייטשלאנד. אין פארשידענע איירָאפּעאישע לענדער ווערען נאָך עד היום געמאכט ניט־געלונגענע פּראָבען צו דערקלערען די דאָזיגע געשעהעניס. לויט ווי מאנכע זאָגען קומט אויס, אזוי ווי דער אלטער דור וואָלט פּלוצלונג אויסגעשטאָרבען און א נייער דור איז אויסגעוואקסען אָהן וואָרצלען אין דער ערד; לויט ווי אנדערע פארזיכערען קומט אויס, אזוי ווי דער צופלוס פון דעם מאדיאריש־סלאווישען בלוט וואָלט פארדאָרבען אָדער פארבעסערט דעם דור. פאר מאנכע איז דאָס נייע דייטשלאנד אזוי רעטזעלהאפט, ווי דער מאַן מיט דער אייזערנער מאסקע. דער אלטער פילאָזאָפישפּאָעטישער פּנים איז טאקי דער אמת'ער, אָבער אויף איהם האט זיך איצט אָנגעהאנגען דאָס פּרייסענטום, אזוי ווי די מאסקע אויפ'ן פּנים פון יענעם אומגליקליכען געפאנגענעם. זאָגען אנדערע, אז דער אלטער גוטמוטיג־ראָמאנטישער פּנים איז גאָר געווען די מאסקע, הינטער וועלכער עס האָבען זיך היפּאָקריטיש באהאלטען די אמת'ע שטריכען, וואָס זיינען איצט בולט ארויסגעקומען. פון אָט די אנשויאונגען איז איינע אזוי אומפארשטענדליך ווי די צווייטע, און ביידע שטאמען פון ניט וויסען דעם ענטוויקלונגס־גאנג פון דעם מאָדערנעם דייטשלאנד. ווער עס פאָרשט דעם דאָזיגען ענין אין דער ליטעראטור וועט קאָנען פארפאָלגען טריט פאר טריט, ווי אזוי די אידעען, די האנדלונגסארטען און די לעבענסאנשויאונגען פון דעם נייעם דור האָבען זיך אָרגאניש ענטוויקעלט פונ'ם עלטערען דור. דער אָפּגרונד צווישען העגעל'ס און ביסמארק'ס דייטשלאנד

ווערט בּיסלעכוויז פאַרשאָטען; די פּנים'ער אויף בּיידע זייטען פון אָפּגרונד הויבען אָן ארויסוויזען שטריכען פון פאַרוואַנדשאַפט. איינצעלנע אינטערעסאַנטע און בּולט'ע פיגורען, וואָס הויבען זיך קרעפטיג אַרויס פון הינטערגרונד פון דער געשיכטע באַצייכענען שוין אַן און פאַר זיך דעם איבּערגאַנג און די אינטעלעקטועלע צו־נויפגיסונג פון צוויי דורות. צווישען די דאָזיגע פיגורען איז פער־דינאַנד לאַסאַל די אינטערעסאַנטסטע און אָנגעזעהענסטע פיגור. ער איז געבּאָרען געוואָרען דעם 11טען אַפּריל אין'ם יאָהר 1825, און איז געשטאָרבּען פון אַ וואונד, וואָס ער האָט באַקומען אויף אַ דועל, דעם 31טען אויגוסט אין'ם יאָהר 1864. ער איז געווען העגעל'ס אַן אָנגעזעהענער תּלמיד, און מ'האָט איהם אין זיין צייט ניט אָהן אַ גרונד גערופען בּיסמאַרק'ס לעהרער, וואָרום אויבּ אפילו עס לאָזט זיך ניט אויפווייזען לאַסאַל'ס דירעקטער איינפלוס אויף בּיסמאַרק'ן, האָט אָבּער דער דאָזיגער גרויסער שטאַטסמאַן אין מאַנכע פּונקטען פון זיין אינערליכער און אויסערליכער פּאָליטיק גענוי ארויסגעבּראַכט די פּראָגראַם פון דעם פילאָזאָפישען אַגי־טאַטאָר.

.1

די אידישע פאַמיליען־סביבה.

ווער עס וויל קענען לאַסאַל׳ן, מוז אָנהויבען פון זיינע בראָשורען. עס איז אוממעגליך קאַלטבלוטיג צו לייענען די דאָזיגע פּראָזע. זי פאַראייניגט אין זיך אויסערגעוועהנליכעס וויסען מיט אַ פאָלשטענדיג מאָדערנער רעדנער־קונסט, אַ שטרענג לאָגישע און אַ שטרענג זאַכליכע; צווישען די שורות שפּירט איהר אַן איינגעהאַלטענע באַגייסטערונג, וואָס פלאַמט אויף פון צייט צו צייט אין פייערדיגע בוכשטאַבען. די אומבאַשרייבליכע דרייסטקייט, וואָס ער ווייזט אַרוים אין אַלע זיינע אָנגריפען, אונטערשטיצט ער פעלזענפעסט ביי יעדער פאַרטיידיגונג; זיין שפּראַך און סטיל צייכענען זיך אויס מיט אַ מערקווירדיגער אָריגינאַליטעט. פון דעקלאַמאַציע איז קיין שפּור ניטאָ. דער פאַרפאַסער ווייס אַזוי פיעל און איז אַזוי פיעל אימשטאַנד אויסצופיהרען, אַז ער דאַרף זיך ניט באַנוצען מיט דעקלאַמאַציע. איהר געפינט אויך ניט ביי איהם קיין באַלאַסט פון געלערנזאַמקייט. דאָ פיהרט דעם קאַמפּף אַ שווער־באַוואָפענטער קעמפּפער; אָבער זעלטען ווען קאָן מען באַגעגענען אַ מענשען, וואָס זאָל אַזוי לייכט טראָגען שווערע וואַפען. פון געדרוקטע קוועלען קאָן מען באַקומען ווייניג ידיעות וועגען דער פערזענליכקייט און דעם לעבען פון דעם דאָזיגען שריפטשטעלער. אָבער מיינע נסיעות איבער־דייטשלאַנד האָבען מיר צונויפגעפיהרט מיט פיעלע פערזאָנען, מענער און פרויען, וואָס האָבען פערזענליך געקאָנט לאַסאַל׳ן, און אויף זייער אורטייל קען איך בויען. ווי באַוואוסט, האָבען די אָנפאַלען אויף לאַסאַל׳ן, נאָך זיין פּלוצלונגען טויט, אויפגעהערט, און אויך די געזעלשאַפטליכע מיינונג וועגען איהם האָט זיך אינגאַנצען געביטען. היינט איז ניט קיין זעלטענהייט, אַז מען זאָל אָפען אַנערקענען זיין באַדייטונג און זיינע פער־

היגקייטען. דאגעגען, איז דאָס רוב פון די פּריוואַטע מיינונגען וועגען איהם פארהעלטניסמעסיג אומגינסטיג. זיינע פּריוואַטע באַקאַנטע האָבען איהם זעלטען גרינדליך געלייענט, האָבען זעלטען וועז אָדער קיין מאָל זיינע אנשויאונגען ניט געטיילט. זיינע שוואַכקייטען זיינען געווען אַזעלכע, אַז מ'האָט ניט באַדאַרפט זיין קיין באַזונדערער פּסיכאָלאָג זיי צו ענטדעקען, און דער גרעסטער טייל פון געבילדעטען עולם, אַזוי ווי דער גרעסטער טייל פון די פּריוואַטע באַקאַנטע צווישען די עפענטליכע טוער, לעגען שוין צו־פיעל געוויכט אויף שוואַכקייטען, וואָס וואַרפען זיך אין די אויגען, באַזונדערס אויף אַזעלכע שוואַכקייטען, וואָס אַנהענגער און פאַר־עהרער באַמערקען ניט. איך האָב ניט ערוואַרט צו הערען פון די העכערע מיטעל־קלאַסען גינסטיגע אורטיילען איבער איהם, איבער אַ מענשען, וואָס איז געשטאָרבען אין רעכטען ברען פון קאַמפּף מיט דער גאַנצער בורזשואַזער געזעלשאַפט פון זיין פאָטערלאַנד, קעמפּפענדיג כמעט אַליין קעגען דער גאַנצער פּרעסע, וואָס איז געווען קעגען איהם. איך גיב אָבער צו, אַז אַזאַ אַלגעמיינע אויפגע־בראַכטקייט, וואָס איז, נאָך מיין מיינונג, אָהן אַ שום גרונד, און נאָך אַלץ אַזאַ שלעכטע שטימונג קעגען דעם געשטאָרבענעם, האָט מיר איבערראַשט. ס'קען זיין, אַז אַ דאַנק דער דאָזיגער שלעכטער שטימונג איז שווער צו קריגען פולע ידיעות וועגען איהם. אין דייטשלאַנד איז נאָך ביז היינט ניטאָ קיין געהעריגע אויסגאַבע פון זיינע שריפטען, שוין ניט רעדענדיג וועגען אַ פולער אויסגאַבע. ס'רוב פון זיינע שריפטען קאָן מען נאָר באַציהען דורך אַ סאָציאַ־ליסטישען קאָמיסיאָנער אין לייפּציג, אַ מענש, וואָס אויף זיין געוויסענהאַפטיגקייט קאָן מען זיך גאָר ניט פאַרלאָזען, און דאָס, וואָס מ'קען דורך איהם באַציהען, איז געדרוקט אויף שרעקליך שלעכטען פּאַפּיר און מיט גראָבע גרייזען. זעלטענערע בראָשורען זיינען אפילו ניטאָ אין דער קעניגליכער ביבליאָטעק אין בערלין. ביאָגראַפישע נאָטיצען און בריף זיינען כמעט נאָך ניט פאַרעפענט־ליכט געוואָרען. נאָר אויב אפילו דאָס אַלעס, ווי כ'האָב שוין באַמערקט, ווייזט אָן אויף דער שלעכטער שטימונג, וואָס הערשט נאָך קעגען לאַסאַל'ן, מוז מען אָבער צוגעבען, אַז די דאָזיגע שלעכטע שטימונג איז ניט קיין אַבסאָלוטע. מיר האָט איבערראַשט דער

פאַקט, אַז בכלל, וואָס בעסער מ׳האָט דעם געשטאָרבענעם גע־נעקאָנט אַלץ מיט מעהר ווארימקייט, אנערקענונג און באוואונדערונג האָט מען וועגען איהם גערעדט. און דאָס רעדט שוין גאָר לטובה פון לאַסאַל׳ן. וואָרום אזוי איז שוין דער שיקזאַל פון אמת גרויסע מענשען. מאנכע מענשען פארבלענדען אונז נאָר מיט׳ן צויבער פון זייער טאַלענט אָדער מיט זייער רעפּוטאַציע, אזוי ווי דער פּאַפּסט אין רוים; אָבער וואָס מעהר מיר באקענען זיך מיט זיי, וואָס נעהנטער מיר שטעהן צו זיי, אַלץ קלענער ווערט פאַר אונז זייער באדייטונג. פארקעהרט, אמת גרויסע מענשען רופען ארויס צו זיך די גרעסטע איבערגעבענקייט ביי די, וואָס קאָנען זיי אַם בעסטען.

אָט די אַלע פארשידענאַרטיגע אורטיילען און מיינונגען האָב איך אַ פּאָר יאָהר געלאָזט קעמפּפען און פאראייניגען זיך אין מיין נשמה. אין דער אייגענער צייט האָב איך אָבער ניט אויפגעהערט גרינדליך צו פאָרשען די אורזאַך פון אָט די מיינונגס־פארשידענ־הייטען. און איצט, בעת איך פארטיף זיך אויפ׳ס ניי אין דער דאָזיגער טעמע, בילדען אין מיר אָט די אַלע אָנגעזאַמעלטע אנשוי־אונגען צוזאמען מיט מיינע פריהערדיגע און שפּעטערדיגע שטי־מונגען און איינדריקען אַ וואונדערליך פיעלשטימיגע סימפאָניע. איך קען לאַסאַל׳ן אזוי גוט, ווי מען קען איהם קענען, ניט האָבענדיג איהם קיינמאָל געזעהן און געהערט. פאַר די ליכטיגע זייטען פון זיין כאַראַקטער האָב איך די סימפּאַטיע, וואָס פאָדערט זיך כדי איהם צו פארשטעהן און איך זעה זיי באגרענצט דורך די שאָטענ־זייטען פון זיין כאַראַקטער. פאָלשטענדיג אָפּשאַצען זיין פיעל־זייטיגע טעטיגקייט בין איך ניט אימשטאַנד. דערצו וואָלט מען געמוזט זיין, אזוי ווי ער, אַ קענער אין פילאָלאָגיע, פילאָזאָפיע, יוריספּרודענץ און שטאַאַט־עקאָנאָמיע; איך וויל אָבער מאַכען אַ פּראָבע צו געבען די פּסיכאָלאָגישע גרונד־שטריכען פון זיין כאַ־ראַקטער.

זעהר פיעל האָט מען געשריבען פאַר די טעאָריען, וואָס לאַסאַל האָט אויפגעשטעלט אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען, און נאָך מעהר האָט מען געשריבען געגען זיי. מאנכע האָבען באקעמפּפט זייער ריכטיגקייט, אנדערע האָבען זייער ריכטיגקייט

באשטעטיגט. דער היצינגסטער שטרייט איז ארויסגעקומען איבער די צוועקמעסיגקייט פון זיין לעצטער פראקטישער טעטיגקייט. איך האלט זיך ניט פאר פעהיג ארויסצוזאָגען מיין אורטייל אין דעם דאָזיגען שטרייט, איך האָב אויך קיין חשק ניט אנטייל צו נעהמען אין איהם. איך וואָלט נאָר וועלען, אז איין זאך זאָל געטאָן ווערען, און פון מיין זייט וועל איך זיך באמיהען דאָס צו טאָן, נעמליך: אויפקלערען, וואָס פאר א מענש פערדינאַנד לאַסאַל איז געווען, די גרונד־שטריכען פון זיין כאראקטער, די טיפסטע אייגענשאפטען פון זיין נשמה און זיינע לייטענדע אידעען; אנט־פלעקען די גרונד־צייכענס פון זיין גייסט און די פאָרם פון זיין טאלאנט, מיט איין וואָרט, איהם כאראקטעריזירען אלס מענש, שריפטשטעלער, אָראטאָר און גרויסען פארטיי־פיהרער. דערביי וועל איך אָבער אויסמיידען ארויסצוזאָגען מיין אורטייל איבער איינע פון די שווערסטע און ברענענדיגסטע פראגען פון אונזער צייט, א זאך, וואָס פאר מאנכע איז דאָס אזוי גרינג.

דאָס לעבען, וואָס איך וויל דאָ פאנאנדערוויקלען, האָט זיך דורכגעטראָגען מיט אזא שרעקליכען אימפעט, אז די מענשען פון יענער צייט האָבען עס ניט געקענט משיג זיין. לאַסאַל'ס וויסענ־שאפטליכע ווערק זיינען ניט געווען צוגענגליך פאר געוועהנליך געבילדעטע מענשען, און זיינע בראָשורען, וואָס די ארבייטער האָ־בען געלעזען, האָבען זיי נאָר טיילווייז געקענט זיי פארשטעהן. אלס קריטישער דענקער שטעהט לאַסאַל אומבאַזיעגט. וועמען און וואָס ער האָט ניט אָנגעגריפען, אָן אינסטיטוציע אָדער א פערזאָן, האָט ניט געקאָנט קומען צו זיך פון זיינע קלעפּ. אויב אפילו אזא אָנגעזעהענער וויסענשאפטסמאן ווי ער האָט געמאכט טעות'ן אין איינצעלנע פונקטען, האָט עס ניט קיין וויכטיגע באַ־דייטונג. די צייט טראָגט אוועק די טעות'ן און דער רעשט בלייבט ביי דער מענשהייט.

.2

יוגענד־יאָהרען.

דער אַלטער גריכישער דענקער, העראַקליט, וועלכען לאַסאַל האָט אַזוי לאַנג געפאָרשט, האָט זיך באַנוצט מיט אַ סך פאַרשי־דענע סימבאָלישע אויסדריקען אויף צו באַצייכענען די גרונד התחלות פון דער וועלט: פייער, שטראָם, גערעכטיגקייט, מלחמה, אומזיכטבאַרע האַרמאָניע, פיילענבויגען און לירע. אָט די סימ־באָלישע אויסדריקען קומען אויפ'ן זינען, ווען מען זוכט אַ סימבאָל אויף צו באַצייכענען דעם לעבענס־פּרינציפּ פון פערדינאַנד לאַסאַל. אין איינעם פון זיינע בריף, וואָס איז פול מיט אומגעדולד דער־פאר, וואָס די געשעהעניסען ענטוויקלען זיך אַזוי לאַנגזאַם, גע־ברויכט לאַסאַל דעם אויסדרוק „מיין גליהענדע נשמה“. צווישען טויזענדער, וואָס געברויכען אַזא'ן אויסדרוק, קען זיין, אַז נאָר ער אַליין האָט דעם דאָזיגען אויסדרוק געברויכט אָהן איבערטרייבונג. אין דער טיפקייט פון זיין נשמה איז ווירקליך געווען עפּעס־וואָס עהנליכעס אויף פייער. זיין גליהענדע ליעבע צו וויסענשאַפט און צו קענען וואָס מעהר, זיין דורשט נאָך גערעכטיגקייט און אמת, זיין ענטוזיאַזמוס, זיין טיפעס זעלבסט־געפיהל, זיין מוט, זיין אַמביציע צו זיין באַריהמט, — דאָס אַלעס האָט געטראָגען דעם־זעלבען פלאַמענדען און פארצעהרענדען כאַראַקטער. ער האָט גע־בראַכט פאַר דער וועלט ליכט און פלאַמען; ער איז געווען אַ דרייסטער, אומדערשראָקענער פאַקעל־טרעגער, וואָס האָט זיך אַליין גערן געשטעלט אונטער דער פולער באַלייכטונג פון זיין פאַקעל, אַ פאַקעל, וואָס האָט געבראַכט קלאָרקייט. אין העראַקליט'ס וועלט האָט דער פיילענבויגען און די לירע,ביידע פאַראייניגט,

באַדייט די הערשענדע קראַפט: די לירע איז דער סימבאָל פון האַרמאָניע, ס'הייסט פון פאַרענדיגטער בילדונג, דער פיילענבויגען מיט זיין טויטליכען זונענפייל באַצייכענט טעטיגקייט און פאַר־ניכטונג. און אין לאַסאַלס גייסט האָט דער פיילענבויגען מיט דער לירע געהערשט פאַראייניגט, — די פאַרענדיגטע טעאָרע־טישע בילדונג און דער אונערמידליכער דראַנג פאַר פראַקטישער טעטיגקייט. אין דער וועלט־געשיכטע האָט מען זעלטען באַמערקט אַזאַ פאַראייניגונג פון טעאָרעטישע און פראַקטישע פעהיגקייטען אין איין פערזאָן. אָבער דער, וואָס האָט לאַסאַל'ן בעאָבאַכטעט אין אָנהויב פון זיין קאַריערע, און פאַרמאָגט נאָך דערצו סימפּאַטיע פאַר איהם און אַ וויטען בליק, וואָלט געקענט צו איהם אָנווענדען די ווערטער פון דעם אַלטען גריעכישען דענקער, מאַקסימאַס פון טירוס, וואָס לאַסאַל ברענגט אין אָנהויב פון ערשטען באַנד פון זיין ווערק וועגען הערקליט'ן: „איך פאַרשטעה אַפּאָלאָן, ער איז אַ בויגען־שיסער — אין דער אייגענער צייט אַ גאָט און אַ מוזיקאַנט, איך האָב ליעב זיין האַרמאָניע, איך האָב אָבער מורא פאַר די פיילען פון זיין בויגען".

לאַסאַל איז געבאָרען געוואָרען אין ברעסלוי. זיין פאָטער האָט זיך מיט קיין גרויסע פעהיגקייטען ניט אויסגעצייכענט, ער איז אָבער געווען אַן אַנשטענדיגער און עהרליכער סוחר, מיט'ן נאָמען היימאַן לאַסאַל; דער זוהן האָט געענדערט די אויסלעגונג פון זיין פאַמיליען־נאָמען ערשט אינ'ם יאָהר 1846, בעת ער איז געווען אין פאַריז. זיינע עלטערען זיינען געווען אידען. לאַסאַל איז זיין גאַנצען לעבען געווען געטריי און איבערגעבען זיינע על־טערן, די באַציהונגען צווישען איהם און זיין פאַמיליע, ווי דער אידישער שטייגער איז, זיינען געווען זעהר הארציגע און פאַר־טרויליכע. אין פאַרלויף פון לאַסאַל'ס גאַנצען לעבען האָט זיין מוטער מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג נאָכגעפאָלגט זיין טעטיג־קייט און אין אַלעם האָט זי מיט איהם מסכים געווען. שוין אין די קינדערישע יאָהרען האָבען זיך שטאַרק געלאָזט מערקען אין איהם די אייגענשאַפטען פון אַ פיהרער. איטליכעס מאָל, בעת איהם פלעגט אויסקומען זיך צו שפּילען מיט אַנדערע קינדער, איז ער געווען דער אָנפיהרער און אַלע שאָדענס וואָס די קינדער פלע־

גען טאָן, — צוברעכען אַ פענסטער אָדער צוטראמפּלען אַ גאָרטען — האָט מען אויף איהם אַרויפגעוואָרפען, הגם ער איז געווען גאַנץ אומשולדיג. דאָס פלעגט איהם וואונדערען. ער האָט ניט פארשטאנען, אַז דאָס שטאמט דערפון, וואָס די קינדער שטעלען איהם העכער פון זיי. אין יענעם עלטער, בעת אַלע אינגלאַך זיינען פרעך און אומדערטרעגליך, איז לאַסאַל געווען דער פרעכסטער און אומדערטרעגליכסטער צווישען אַלע אינגלאַך פון זיין עלטער. דאָס, וואָס ער אליין האָט אין זיינע שפּעטערדיגע יאָהרען אַזוי אָפט באַצייכענט אַלס זיין „חוצפה“, האָט זיך שוין אַרויסגעוויזען אין זיינע קינדערשע יאָהרען.

פערדינאַנד לאַסאַל איז אויסגעוואַקסען אין אַ אידישער סביבה פון אַ דייטשען שטעדטעל צווישען די יאָהרען 1830 און 1840. די עלטערע מיטגלידער פון יענער סביבה האָבען ניט גערעדט קיין ריינעם דייטש, און, לעבענדיג אין דער עפּאָכע פון פאַר דער אידישער עמאַנציפּאַציאָן, האָבען זיי קיין מאָל ניט פארגעסען זייער אידישע אָפּשטאַמונג, זייערע אידישע מנהגים און טראַדיציעס. ווען לאַסאַל איז געוואָרען אַ דערוואַקסענער מענש, האָט ער שטענדיג אַרויסגעוויזען אַ ברענענדיגען האַס צו די אידען פון זיין צייט. ער האָט זיי געהאַלטען פאַר די פאָרשטעהער פון מאַטעריאַליזם און קאַפּיטאַליזם און פלעגט אויף זיי שטענדיג אָנפאַלען. אָבער אין זיינע אינגעלשע יאָהרען האָט ער זעהר הויך געשעצט זיין אידישע אָפּשטאַמונג. דער בעסטער באַווייז פאַר דעם איז זיין טאָג־בוך, וואָס ער האָט געפיהרט אין עלטער צווישען פופצעהן און זעכצעהן יאָהר, און אַלע זיינע געפיהלען און שטימונגען אין אָט דעם עלטער, בעת זיין כאַראַקטער האָט זיך פאָרמירט. דעם 2טען פעברואַר פונ׳ם יאָהר 1840, — און דעמאָלט איז ער אַלט געווען נאָר פערצעהן יאָהר — שרייבט ער וועגען דעם, וואָס זיינער אַ חבר האָט זיך געוואונדערט, פאַר וואָס ער איז אַזוי היציג אַרויסגעטראָגען אַלס פאַרטיידיגער פון דער אידישער אמונה:

„אַזאַ עזעל! עפּעס אַזוי ווי מען קאָן ניט עסען טרפות און אין דער איגענער צייט זיין אַ גוטער איד!... איך רעכען זיך פאַר איינעם פון די בעסטע אידען אויף דער וועלט, כאָטש איך האַלט ניט פון די אַלע פארשיעדענע מנהגים. איך וואָלט געקאָנט, אַזוי ווי דער איד אין בול־

ווער'ס „לעליאַ", מקריב זיין מיין לעבען, נאָר ארויסצורייסען די אידען פון זייער איצטיגער שווערער לאגע. איך וואלט זיך אָנגענומען צו געהן אויפ'ן עשאַפאָט, ווען איך וואָלט נאָר מיט דעם קאָנען זיי מאַכען פאר א בכבוד'יג פאָלק. אָ, ווען נאָר איך גיב זיך איבער צו מיינע קינדערשע פאנטאַזיען, איז מיין גרעסטעס פארגעניגען צו מאָלען זיך אין מיין דמיון אזאַ בילד: זיך שטעלען בראש פון די אידען מיט כלי זיין אין די הענט און זיי מאַכען זעלבסטשטענדיג."

צום ענד פון זיין לעבען האָט לאַסאַל געהאַט א טבע צו זאָגען: „צוויי זאכען אויף דער וועלט האס איך אם מעהרסטען: א זשורנאַליסט און אַ אידען, און דאָך בין איך אי דאָס, אי יענעס". אָבער אין עלטער פון פופצעהן יאָהר האָט ער זיך געפיהלט, ווי אַ אידישער פּרינץ. דעם 21טען מאַי פונ'ם יאָהר 1840, נאָך אַ געשפּרעך וועגען די שרעקליכע רדיפות אויף אידען אין דמשק, שרייבט לאַסאַל:

„אך, ס'איז שרעקליך צו לייענען, ס'איז שרעקליך צו הערען! די האָר שטעלען זיך קאפויר, אלע געפיהלען ווערען אויפגעשטורעמט מיט צאָרן. א פאָלק, וואס פארטראָגט אזעלכע יסורים, איז באַדויערענסווערט, איז נישטיג; נאָר צוויי אויסוועגען זיינען דאָ: נקמה נעהמען אדער ליידען אונטערטעניג. אמת, שרעקליך אמת, איז אָט די פראזע אין קאָרעספּאָנדענט'ס באריכט: די אידען פון דער דאָזיגער שטאָדט פארטראָגען געדולדיג די אכזריות, וואס נאָר אָט די רעכטלאָזע און פון דער וועלט פארשטויסענע קאָנען פארטראגען אָהן א שרעקליכען ווידערשטאנד. הייסט עס, אז אפילו די קריסטען וואונדערט אונזער אָפּהענטיגקייט, אונזער שוואכקייט; אפילו זיי וואונדערען זיך, וואס מיר שטעלען זיך נישט אנטקעגען, וואס מיר ליידען בעסער אזעלכע יסורים, וואס מיר לאָזען זיך בעסער פייניגען, איידער שטאַרבען אויפ'ן שלאכטפעלד. זיינען דען די ליידען, וואס האָבען אמאָל געפיהרט די שווייצער צו אן אויפשטאנד, גרעסער געווען? איז דען ווען עס איז געווען א מעהר גערעכטע רעוואלוציע, ווי די, וואס די אידען וואָלטען געמאכט אין דמשק, ווען זיי וואלטען זיך א הויב געטאָן, אונטערגעצונדען די שטאָדט פון אלע זייטען, אויפגעריסען דעם פולווער־טורם און אומגעבראכט זיך צוזאמען מיט זייערע פייניגער? פאָלק פון פחדנים, ביזט נישט ווערט קיין בעסערן מזל! א וואָרים, אויף וועלכען מען טרעט ארויף, הויבט זיך אָן צאַפּלען, און דו בויגסט זיך אַלץ מעהר צו דער ערד. דו קאָנסט נישט שטאַרבען, קאָנסט נישט פארניכטען, דו ווייסט נישט, וואס הייסט גערעכטע נקמה, דו ביזט נישט ביכולת זיך צו באגראבען אונטער די חורבות צוזאמען מיט דיינע שונאים און אפילו אין די גסיסה־מינוטען רייסען זיי אויף שטיקער. דו ביזט געבאָרען געוואָרען צו זיין א קנעכט!"

און וועגען דעם פאלשען קלאנג, וואס האט זיך פארשפרייט, אז אידען געברויכען פאר רעליגיעזע צוועקען בלוט פון קריסטליכע קינדער, שרייבט ער דעם 30טען יולי:

„ווידער אמאל די זינלאזע מעשה וועגען דעם, אז אידען געברויכען קריסטליכעם בלוט. דיזעלבע מעשה, וואס איז פארגעקומען אין דמשק, חזר'ט זיך איבער אין רהאדעס און אין לעמבערג. אבער דאס, וואס פון אלע עקען וועלט ווידערהאלען זיך אט די באשולדיגונגען, שיינט מיר צו זיין א באוויז, אז אין גיכען וועט קומען די צייט, בעת מיר וועלען ווירקליך אנהויבען זיך צו העלפען דורך דעם, וואס מיר וועלען פארגיסען קריסטליכעם בלוט. גאט העלפט די, וואס העלפען זיך אליין. די דאמקעם זיינען גרייט, ס'פעהלען נאר די שפיעלער".

אין זיין באציהונג צו די עלטערען האט דער יונגער לאסאל ארויסגעוויזען א מערקווירדיגע ליעבשאפט און געהארכזאמקייט. ער איז זיי געווען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען און האט זיך באמיהט ניט צו פארשאפען זיי קיין צער. זיין פאטער, א געוויקסיגער שטארקער מענש מיט א קלוגען צוציהענדען פנים, איז טיילוויז געווען א פאמיליען דעספאט, א היציגער און לייכט אויפפלאמענדער, אבער זיין זוהן האט ער ליעב געהאט מיט'ן גאנצען הארצען. די מוטער, וואס פלעגט גערן זיך באקלאגען אויפ'ן שיקזאל, איז געווען טויבלאך און האט געהאט א שווערען כאראקטער. די שוועסטער פרידעריקא, דאס עלטסטע קינד, א שעהנע, לעבעדיגע מיידעל, איז שוין איינמאל געווען ניט־מזל'דיג פאר'קנס'ט, און אין יאהר 1840 איז זי געווארען א כלה פאר איהר שוועסטערקינד פערדינאנד פרידלענדער, א זעהר טיכטיגער מענש, וועלכען די פאמיליע האט אין יענער צייט ניט גענוג אפגעשעצט. לאסאל, ניט קוקענדיג דערויף, וואס ער איז נאך געווען אזוי יונג, האט גענומען א טעטיגען אנטייל אין די געשפרעכען פון די עלטערע וועגען דער שוועסטער'ס תנאים, וועגען איהרע אויסזיכטען חתונה צו האבען און וועגען דעם נדן, וואס מ'האט איהר געזאלט געבען. דערביי האט ער אזוי קאלט און פראקטיש אלץ אויסגערעכענט, גאר ניט נאך זיינע יאהרען.

פריה האט זיך אין איהם דערוועקט דאס באוואוסטזיין פון זיין אייגענעם ווערט און די אמביציע צו זיין באריהמט. ביי איהם איז דאס ניט געווען, ווי ביי אנדערע יונגע גאונים, נאר א

שאַטען אין די גרויסע פעהיגקייטען, וואָס זיי פיהלען אין זיך. די דאָזיגע שטריכען אין זיין כאַראַקטער ווירקען אָפּשטויסענד אויף שפּעטער, בעת ער איז שוין געוואָרען אַ דערוואַקסענער מענש. אין זיין טאָג־בוך פאַרשרייבט ער יעדען שמייכעלהאַפטען אויס־דרוק, וואָס ער כאַפּט אויף וועגען זיך. און פון זיינע נאָטיצען זעהט מען, אַז די דערוואַקסענע האָבען ניט נאָר געלויבט זיין שכל און זיינע חריפות, נאָר מאַנכעס מאָל פלעגען זיי איהם רופען „געניאַלער“. זיין זעלבסט־געפיהל, זיין איינגעגלויבטקייט אין זיך, האָט געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל זיך באַנעהמען מיט דרייסט־קייט, אַמאָל מיט חוצפּה קעגען יעדען, וואָס איז איהם ניט גע־פעלען געוועזן; דערמיט ערקלערט זיך אויך זיין אָפּאָזיציאָנעלע באַציהונג צו זיינע לעהרער אין וועלכע ער האָט געזעהן זיינע פער־זענליכע שונאים און זיין גאַנצע קריגערישע ריכטונג, וואָס ער האָט נאָך אַרויסגעוויזען אין זיינע קינדער־יאָהרען.

אַלס שילער איז ער געוועזן גאָר אומדערטרעגליך. אמת, ער האָט פאַרמאָגט זעלטענע פעהיגקייטען, ער איז אָבער געוועזן פויל, האָט שטענדיג געזוכט זיך אַרויסצודרעהען פון זיינע פליכ־טען, פלעגט אָפּנאַרען, פלעגט קאָפּירען די אַריפמעטישע איבונגען ביי זיינע מעהר פלייסיגע חברים און שטענדיג פלעגט ער געפינען אַלערליי אומגלויבליכע מיטלען אַרויסצודרעהען זיך פון די לעק־ציאָנען. ער טוט נאָך אָפּ ערגערע זאַכען. ניט נאָר שרייבט ער אין פאָטער'ס נאָמען פאַלשע ענטשולדיגונגען פאַר ניט קומען לער־נען, נאָר אין משך פון אַ האַלב יאָהר מאַכט ער סיסטעמאַטיש נאָך פריהער די מוטער'ס אונטערשריפט, דערנאָך דעם פאָטער'ס אויף די שלעכטע אַטעסטאַטען, וואָס ער ברענגט פון שוהל. זיין פרייע צייט פאַרברענגט ער אין שפּילען ביליאַרד און אין קאָרטען. אין דער אייגענער צייט ווייזט ער אַרויס די שטאַרקסטע און וואַרימסטע געפיהלען פון פריינדשאַפט און רעדט אַליין פון זיינע שלעכטע מעשים מיט אַ אַזעלכע פיינע און עהרליכע ווערטער:

„איך ווייס ניט, ווי דאָס קומט פאַר; יעדען שבת שפּיעל איך אין ביליאַרד, דאָס, וואָס מיין פאָטער האָט מיר שטרענג פאַרבאָטען צו טאָן, איך שרייב אַליין אונטער מיינע אַטעסטאַטען, וואָס ס'איז אויך ניט

גוט, און פונדעסטוועגען האָב איך ליעב מיין פאָטער זעהר וואַרעם, איך האָב איהם אזוי שטאַרק ליעב, ווי נאָר א קינד קאָן ליעב האָבען. איך וואָלט מיט פרייד פאַר איהם אָפּגעגעבען מיין לעבען, ווען איך וואָלט געקאָנט מיט דעם איהם ברענגען אַ וועלכע עס איז נוץ, און דאָך... נאָר דאָס אלעס שטאַמט פון מיין לייכטזיניגקייט. טיעף אין הארצען בין איך גוט.” (14טער יאנואר 1840.)

דער קאָנטראַסט צווישען זיין אינגעלשער לייכטזיניגקייט, וואָס ער דערמאָנט, און זיין אויסערגעוועהנליכען ענטוזיאַזמוס, איז גיבער שיינבאַר איידער רעאַל. זיין טעמפעראַמענט איז געווען אַ היציגער א גאַליגער. ווען דער פאָטער האָט איהם אַמאָל אָנגעשלאָגען, ווערט ער באַלד צורייצט און געהט ארויס פון הויז מיט'ן געדאַנק זיך צו נעמען דאָס לעבען. דער פאָטער, וועלכער איז איהם נאָכגעגאַנגען, כאַפּט איהם אָן אין דער מינוט, ווען ער וויל זיך אַריינוואַרפען אין טייך (29 יאַנואַר); און בעת עס ווערט אויפגעדעקט זיין שווינדעל מיט די אַטעסטאַטען, האַלט איהם אָפּ פון זעלבסטמאָרד נאָר דער געדאַנק וועגען דעם צער, וואָס ער וועט פאַרשאַפען דערמיט זיינע עלטערן. און באַלד טרייסט ער זיך מיט'ן געדאַנק, אַז די אַלע צרות און ערנידערונגען וועלען זיך איהם אויסווייזען אין די שפּעטערדיגע יאָהרען קליין און אומוויכטיג.

זיין ליידענשאַפטליכע נאַטור ווייזט זיך באַזונדערס ארויס דאַן, בעת ער ווערט אויפגעבראַכט, בעת ער האַסט און זוכט נקמה. ווער נאָר עס האָט איהם באַליידיגט אָדער אימיצען פון זיינע קרובים און נאָהענטע, שווערט ער יענעם צו האַסען און ניט צו פאַרגעסען די באַליידיגונג כל זמן ער וועט זיין נקמה ניט אויספיהרען.

שוין אין דעם פריהצייטיגען עלטער ווייזט ער ארויס אַ שרעקליכע אומגעצוימטקייט, אַ שטרעבונג זיך צו באַנוצען מיט געוואַלד־מיטלען, כדי דורכצופיהרען זיינע פּלענער; אין דער איי־געגער צייט איז ער אָבער טיף עהרליך, ווען ער גיט זיך אָפּ דין וחשבון אין זיינע שטרעבונגען און געזינונגען און אין זיינע באַ־ציהונגען צו דער וועלט אַרום איהם. די דאָזיגע עהרליכקייט איז אין אַ געוויסער שטופע מכפר יענע אומעהרליכקייט, וואָס ער ווייזט

ארוים ביי דעם אויסוואהל פון די מיטלען אויף צו דערגרייכען דאָס ציעל.

די אויפדעקונג פון לאַסאַל׳ס שווינדעל מיט די אַטעסטאַטען פון דער ליטאַנישער שול אין ברעסלוי, האָט אין איהם דערוועקט א באַגעהר אַנצוקומען אין דער האנדעל־שוהל אין לייפּציג. זיין פאָטער האָט ניט געוואָלט ער זאָל ווערען א סוחר. אַזוי ווי די הויז־פריינד און באַקאַנטע האָבען זיך אריינגעמישט אין אָט דעם ענין, — מאַנכע האָבען געהאַלטען מיט׳ן פאָטער, אַנדערע מיט׳ן זון — און די דאָזיגע מיינונגס־פאַרשיידענהייט האָט ארויסגערופען איבעררײדען און אויפרעגונג, האָט לאַסאַל איצט געהאַט די ערשטע געלעגענהייט איינצוזעהן, ווי נאַריש און ניט פּאַרטייאיש עס איז זיך צו באַשליסען אויף זאַכען אויפ׳ן גרונד פון די עצות און מיינונגען פון מענשען, וואָס וויסען ניט און פאַרשטעהען ניט די זאַכען. פּונקט אין דער אייגענער צייט האָט לאַסאַל געהאַט גע־לייענט די אַלטע פאַבעל וועגען דעם פּויער און זיין זון, וועלכע האָבען אָנגענומען די עצות פון די פאַרבייגעהער, און דער סוף איז געווען, אַז זיי זיינען געגאַנגען צו־פוס און דעם עזעל אויף זיך געטראָגען. אויף אַזאַ׳ן אופן האָט לאַסאַל באַקומען גאָר זיין ערשטע ערפאַרונג אין פּראַקטישען לעבען, וואָס ער פלעגט שטענדיג פאָרמולירען אין פאָלגענדע ווערטער: „דעם עזעל וועל איך ניט טראָגען“. די דאָזיגע פראַזע פלעגט ער אָפט ווידערהאָלען.

צולעצט האָט לאַסאַל אויסגעפיהרט און אין מאַי פון׳ם יאָהר 1840 איז ער געקומען אין לייפּציג. אָבער זיינע באַציהונגען צו די לעהרער האָבען דאָ אָנגענומען נאָך אַן ערגערען כאַראַקטער, ווי אין ברעסלוי. ער האָט אין זיי נאָר געזעהן זיינע ערגסטע שונאים וואָס מעהר ער האָט אנערקענט זיין יתרון איבער אַנדערע מענשען, אַלץ מעהר איז געוואַקסען זיין מיינונג וועגען זיך. ער ליידט אָבער פון בענקשאַפט נאָך דער היים, נאָך דער פאַמיליע, באַזונדערס נאָכ׳ן פאָטער, וועמען ער איז זעהר איבערגעבען, און נאָך דער שוועסטער, וועלכע ער האָט די לעצטע צייט זעהר ליעב געקראָגען. אין לייפּציג באַפריינדעט ער זיך מיט עטליכע חברים, מאַנכע פון זיי ווייזט ער ארוים א סענטימענטאַלע פריינדשאַפט. צווישען זיי איז דאָ איינער, ראָבערט זאַנדער, וואָס זיין שוועסטער ראָזאַליע

איז געווען לאַסאַל׳ס ערשטע ליעבע; איהר האָט דער ליעבענדער שילער, לאַסאַל, געשיקט פיעל בריעף און געדיכטען, וואָס זיינען, צום אומגליק, פארניכטעט געוואָרען נאָך איהר טויט אין׳ם יאָהר 1876.

לאַסאַל איז אָבער ניט פאַרבליבען אין דער האַנדעל־שוהל לענגער פון אגוסט 1841 יאָהר. ער האָט זיך איבערציינגט, אַז ער האָט זיך טועה געווען אין זיינע פעהיגקייטען און אַז ער טויג גאָרנישט פאַר דער ראָלע פון אַ סוחר. זיינע עלטערן זיינען דערפון ניט געווען איבערראַשט, מחמת זייער וואונש איז שטענדיג געווען, אַז זייער זון זאָל זיין אַ וויסענשאַפטסמאַן. שוין דעם 3טען אויגוסט פון יאָהר 1840 האָט ער געשריבען וועגען דעם דאָזיגען ענין אין זיין טאָג־בוך, וואו ער פאַרגלייכט זיך מיט ווילהעלם מייסטער, ווען ער שרייבט, אַז זיין האַרץ, ווי דאָס האַרץ פון ווילהעלם מייסטער, שלאָגט נאָר פאַר דער קונסט, אָבער דער אונטערשייד צווישען זיי איז דער: ווילהעלם׳ס עלטערן האָבען איהם געגויט צו ווערען אַ סוחר, ער, פאַרקעהרט, האָט זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון עסטעטישער טעטיגקייט; איצט אָבער איז ער ניט אימשטאַנד אָפּצוזאָגען זיך פון געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, וואָס זי זאָל ניט זיין, אַ עסטעטישע אָדער אַ פּאָליטישע. ער „אינטערעסירט זיך אַ סך מעהר מיט דער פריידהייט, ווי מיט די פרייזען אויף סחורה, אַ סך שטאַרקער פאַרפלוכט ער די נידער־טרעכטיגע אריסטאָקראַטען, וואָס נעמען אוועק פון מענשען דאָס העכסטע גליק, ווי די קאָנקורענטען, וואָס וואַרפען אַרונטער די פרייזען. קללות אַליין זיינען אָבער ניט גענוג״.

מיר זעהען פון זיין טאָג־בוך, מיט וואָסער געשווינדקייט אָט דאָס יונג אינגעל, וואָס קיין אכצעהן יאָהר איז איהם נאָך ניט פאַרפולט געוואָרען, ווערט אַ בחור, וואָס פאַרשטעהט פּאָלקאָם, וועלכע טעטיגקייט ס׳איז פאַר איהם פּאַסיג, און וויס, וואָסער שיקזאַל איהם שטעהט פאָר.

ער לייענט בערנע׳ן און ווערט ענציקט פון איהם, בערנע ווערט זיין אידעאַל. פון בערנע׳ס „פאַריזער בריף״ זעהט ער מיט שרעק, ווי אין דייטשלאַנד „ווערען דרייסיג מיליאָן מענשען גע־פּלאָגט פון דרייסיג טיראַנען״. ער איז מסכים מיט בערנע׳ן, ווען

ער טאַדעלט און פלוכט די דעספּאָטען, ס'איז אָבער גענוג כאַראַק־טעריסטיש, וואָס זיין געזונטער פּאָליטישער פאַרשטאַנד באַגרייפט ניט בערנע'ס קינדישע האָפנונגען אויף דער גאָהענטהייט פון בעסערע צייטען.

דעם 24טען יולי, אין יאָהר 1840, שרייבט ער וועגען דעם: „ווען ער שרייבט, אַז קיין אייראָפּייאישער הערשער קען ניט זיין אַזוי פאַרבלענדט, כדי צו גלויבען, אַז זיין אייניקעל וועט פאַר־נעהמען זיין טראָן, מוז איך, צום באַדויערען, צווייפלען דאַרין. ס'מוז זיין נאָך ערגער, איידער ס'וועט ווערען בעסער".

זעהר מערקווירדיג איז, אַז ווי גרויס ס'איז אין איהם ניט געווען דער רעוואָלוציאָנערער גייסט אין דער יוגענד, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז געניגט צום אַריסטאָקראַטיזם, און האָט געפיהלט, אַז זיין דעמאָקראַטישע טעטיגקייט איז ניכער אַ פּראָ־דוקט פון אומשטענדען, ווי אַ נאַטירליכע נייגונג. דעם 19טען יולי שרייבט ער:

„איך בין געווען אין טעאַטער. לעווע האָט אויפגעפיהרט „פיעס־קא." וואָס פאַר אַ דערהויבענעם כאַראַקטער גראַף לאַוואַניא האָט! איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס איך בין לויט מיינע איבערציינונגען אַזוי רעוואָלוציאָנער, דעמאָקראַטיש און רעפּוב־ליקאַניש, ווי יעדער אײנער פון זיי, פיהל איך אָבער, אַז איך אויף גראַף לאַוואַניא'ס אָרט וואָלט זיך באַגאַנגען פּונקט אַזוי ווי ער, און איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט באַנוגענט מיט דער לאַגע פון אַן ערשטען בירגער פון גענוא, איך וואָלט גיכער אויסגעשטרעקט מיינע הענט צו דער קרוין. און דאַרום, ווען איך רעווידיר גוט דורך די אומשטענדען, זעה איך, אַז אין אמת'ן בין איך נאָר אַ רודף כבוד. ווען איך וואָלט גע־בוירען געוואָרען אַ פּרינץ אָדער אַ פירסט, וואָלט איך געוואָרען אַן אַריסטאָקראַט דורך און דורך. אָבער אַזוי ווי איך בין אַן איינפאַכער זוהן פון אַ בירגער, האָב איך בדעה צו ווערען מיט דער צייט אַ דע־מאָקראַט."

אין זיין טאָג־בוך קאָנען מיר נאָכפאָלגען נאָך זיין אינערליכען קאַמפּף. דעם 24טען אויגוסט שרייבט ער:

„אין די באַהעלטעניסען פון מיין נשמה ראַנגלען זיך צוויי עקס־טרעמען. וואָס זאָל מיר פיהרען אין לעבען: פּראַקטישקייט אָדער טו־גענד? מוז איך געהן מיט'ן שטראָם, חנפה'נען די גרויסע לייט, דורך אינטריגען זיך דערשלאָגען פאַרטיילען און כבוד, — אָדער איך מוז, מיט דער אויפגעשפּאַרטקייט פון אַן אמת'ן רעפּובליקאַנער, זיך שטענדיג

האַלטען פאַר'ן אמת און פאַר דער גערעכטיגקייט, קיין אנדער זאַך ניט נעהמען אין אנבאטראכט, און נאָר זאָרגען וועגען דעם, אז דער אַריסטאָקראַטיזם זאָל קריגען אַ טויט־קלאַפּ? אָבער ניין, איך וויל ניט זיין א פייגלינג און חנפה'נען די הויף־לאַקייען, ווען אפילו איך בין פעהיג פאַר אזא ראָלע. איך וועל ברענגען דעם פאָלק די בשורה פון פרייהייט, אויב אפילו איך זאָל דערביי דאַרפען אומקומען".

דעם 26טען אוגוסט שרייבט ער:

„איך באַדויער זעהר, וואס איך האָב אויפגעהערט זיך צו באַשעפטיגען מיט וויסענשאַפטען. יא, איך וועל זיך איינשטעלען פאַר'ן דייטשען פאָלק און פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט און מיט פייערדיגע ווערטער וועל איך זיי וועקען צו געהן אין שלאַכט פאַר פרייהייט. איך וועל זיך ניט לאָזען איינשרעקען מיט מינעס פון די הערשער; און איך וועל זיך ניט לאָזען אונטערקויפען מיט אָרדענס און טיטלען, כדי צו פאַרראַטען די פרייהייט, ווי א צוווייטער יודאַ. ניין, איך וועל זיך ניט באַרוהיגען. כל זמן זיי וועלען ניט בלאַס ווערען פון שרעק. פון פאַריז, פונ'ם לאַנד פון פרייהייט, וועל איך, אַזוי ווי בערנע, ארויסשיקען דאָס וואָרט צו אלע פעלקער פון דער וועלט, און אלע הערשער וועלען מיט די ציין קריצען, זיי וועלען פאַרשטעהן, אז די שָעה האָט שוין געשלאָגען."

צום ערשטען מאָל נעמט ער לייענען היינע'ן און פאַרברענגט אויף איהם אַ סך צייט. „איך האָב איהם ליעב, דעם דאָזיגען היינע, ער איז מיין צווייטער „איך". ער פאַרשטעהט ניט, ווי אזוי איז היינע אוועק פון קאַמפּף פאַר דער פרייהייט, האָט פון זיין קאָפּ אַראָפּגעריסען זיין יאַקובאַנישע היטעלע און אָנשטאָט דעם אָנגעטאָן אַ פאַרוק מיט צעפּ. ער איז זיכער, אַז היינע שפּאַסט, ווען ער זאָגט: „איך בין אַ מאָנאַרכיסט, איך בין ניט קיין דעמאָקראַט", און ער פאַרשטעהט ניט, פאַרוואָס ער נעמט זיך אזוי נאָהענט צום האַרצען דעם טויט פון די נאָבעלע רעפּובליקאַנער.

אויפ'ן זיבעצעהנטען יאָהר פון זיין עלטער האָט לאַסאַל שוין פאָלקאָם זיך קלאָר געמאַכט זיינע פּלענער און זיין צוקונפט. ער לאָזט וויסען זיין פאָטער וועגען זיין פעסטען באַשלוס זיך צו לערנען. דער פאָטער פרעגט איהם, מיט וואָסער וויסענשאַפט ער האָט בדעה זיך צו פאַרנעמען. ער ענטפערט: „מיט דער גרעסטער, מיט דער אַל־אומפאַסענדסטער וויסענשאַפט אין דער וועלט, מיט יענער וויסענשאַפט, וועלכע איז ענג פאַרבונדען מיט די הייליגסטע אינטערעסען פון דער מענשהייט — מיט געשיכטע".

דער פאָטער פרעגט איהם ווייטער: צי האָט ער ניט ברעה צו ווערען א פּאָעט?

„ניין, — איז געווען דער ענטפער, — איך וויל זיך אָבער אָפּגעבען מיט פּובליציסטיק. איצט געהט אַן א קאַמפּף פאַר די הייליגסטע ציעלען פון דער מענשהייט. ביז דעם ענד פון פאַר־גאַנגענעם יאָהרהונדערט איז די וועלט געווען איינגעשמידט אין קייטען פון אַבערגלויבען. דאַן האָט די קראַפט פון גייסט ארויס־גערופען א גראַנדיעזע פיזישע קראַפט, וואָס האָט אומגעוואָרפען די פריהערדיגע אָרדנונג. דער ערשטער אויסברוך איז געווען א שרעקליכער און אַזוי האָט ער באַדאַרפט זיין. זינט יענער צייט איז דער קאַמפּף געפיהרט געוואָרען אָהן אַן אויפהער... א קאַמפּף פאַר די נאָבעלסטע ציעלען מוז געפיהרט ווערען אויפ׳ן נאָבעלסטען אופן. געוויס, צולעצט וועט אויסקומען צו פארטיידיגען דעם אמת מיט פיזישער קראַפט, וואָרום די הערשער טרייבען דערצו. אָבער איצט וועלען מיר די פעלקער ניט אויפרייצען, נאָר מיר ווען זיך נעמען זיי אויפקלערען“.

זיין פאָטער האָט לאַנג געשוויגען, דאַן האָט ער געזאָגט:

„מיין זוהן, איך לייקען ניט דעם אמת, וואָס ליגט אין דיינע ווערטער, נאָר פאַרוואָס גראָד דו מוזט ווערען א מאַרטירער? דו ביסט אונזער איינציגע האָפנונג, אונזער איינציגע שטיצע? פאַר פרייהייט מוז מען קעמפּפען, און קעמפּפען וועט מען אויך אָהן דיר... דו אַליין וועסט קיין זאַך ניט קאָנען ענדערען!“

דער יונגער לאַסאַל ענטפערט דעם פאָטער אין זיין טאָג־בוך:

„אָ יאָ, ער איז גערעכט. פאַר וואָס גראָד איך מוז ווערען א מאַר־טירער? איבריגענס, ווען איטליכער וועט אַזוי זאָגען, וואו וועט מען נעהמען קעמפּפער?

„פאַר וואָס גראָד איך מוז ווערען אַ מאַרטירער? פאַר וואָס? — ווייל גאָט האָט ארויינגעגעבען אין מיין ברוסט אַ שטימע, וואָס רופט מיך צום קאַמפּף. ווייל איך פיהל אין זיך די קראַפט, וואָס גאָט האָט מיר געשאָנקען, א קראַפט, וואָס איז צוגעפּאַסט צום קאַמפּף. ווייל איך קאָן קעמפּפען און ליידען פאַר א נאָבעלען ציעל. ווייל איך וויל ניט אָפּנאַרען גאָט, וואָס האָט מיר געשאָנקען קרעפטען פאַר א באַשטימטען ציעל. ווייל, מיט איין וואָרט, איך קאָן ניט אַנדערש.“

דאָס, וואָס לאַסאַל האָט שפּעטער אין שפּאַס אָנגערופען זיין

חוצפה, ווייזט זיך דאָ ארויס אַלס זעלבסט־באַשטימונג, אַלס הייליגונג פאַר אַ לעבען פון קאַמפף.

אָבער דאָ שטויסען מיר זיך אָן אויף איין ראַסענצייכען פון זיין גייסט, אויפ'ן גרונדשטריך פון זיין טעמפעראַמענט, אויף יענער אייגענשאַפט, וואָס שפיר האָט זעהר טרעפענד כאַראַקטעריזירט מיט'ן וואָרט חוצפה. חוצפה דריקט אויס גלייכצייטיג דאָס ניט פאַרלירען זיך אין אַ געפעהרליכער לאַגע, עזותקייט, פרעכקייט, אומפאַרשעמטקייט און מוט, און קאָן פאַרשטאַנען ווערען אַלס עקסטרעם, צו וועלכען שרעק און געצוואונגענע אונטערטעניגקייט קען גרינג ברענגען אַ ראַסע, וואָס איז צוויי טויזענד יאָהר געפייניגט געוואָרען און האָט פלוצלונג אויפגעלעבט אונטער דער השפעה פון דער קולטור. צום ביישפיעל: ווען לאַסאַל האָט זיך פאַרטיידיגט אויף איינעם פון זיינע קרימינעלע פראָצעסען און דער פאָרזיצענדער האָט איהם עטליכע מאָל געסטראַשעט אַוועקצונעמען ביי איהם דאָס וואָרט, הערט ער איהם ניט און מאַכט ווידער חוזק פון פראָקוראָר. און נאַכדעם ווי מען פאַרווערט איהם צו ריידען, באַשטעהט ער אויף זיין רעכט אָנצוגעהן מיט דער פאַרטיידיגונגס־רעדע און הויבט אויף די פראַגע וועגען דעם, צי האָט דער פאָרזיצענדער געהאַט דאָס רעכט אַוועקצונעמען ביי איהם דאָס וואָרט. אָט דאָס הייסט חוצפה. די דאָזיגע חוצפה, ביי געוועהנליכע מענשען פון דער אידישער ראַסע, נעמט אַמאָל אָן אַ אפשטויסענדען כאַראַקטער פון צודרינגליכקייט, פון וועלען שפּילען אַ אומבאַרעכטיגטע ראָלע, און ביי אַנדערע — אַ קאָמישע פאָרם פון דרייסטקייט אָהן בושה. אָבער ביי לאַסאַל'ן, וואָס ביי איהם אין דער נשמה זיינען געווען פאַרבאָרגען אַזעלכע גרויסע פעהיגקייטען, איז דאָס נאָר געווען יענער עלעמענט, פון וועלכען ס'האָט זיך ענטוויקעלט זיין דראַנג צו אַקטיוויטעט און וואָס האָט שטענדיג צוגעגעבען אַ קאָליר צו אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן. זיין דראַנג און זיין פעהיגקייט צו אַקטיוויטעט זיינען ניט געווען ריין אַנגלאָזאַקסישע אָדער אַמעריקאַנישע — דער אונטערנעמונגס־גייסט וואָס זוכט נאָר פראַקטישע צילען, וואָס שטרעבט כסדר נאָר צו פראָדוצירען און צו אָרגאַניזירען. דאָס איז געווען אַ טעטיגקייטס־דראַנג, וואָס זוכט אַ ווידערשטאַנד, וואָס האָט געקענט לעבען און

אַטעמען נאָר אין דער אָפּאָזיציע. איינער פון די דייטשע פּאָעטען, וואָס האָט לאַסאַל'ען נאָר איין מאָל געזעהן אויף אַ קאָנצערט, האָט מיר געזאָגט: „ער האָט אויסגעזעהען, ווי לויטער ווידער־שטאַנד; אָבער אויף זיין שטערען איז געלעגען אַזאַ טהאַט־קראַפט, אַז קיינער וואָלט זיך ניט געוואונדערט, ווען ער וואָלט זיך אַ טראָן ערובערט". ס'הייסט, אַז אין דער טיפקייט פון זיין נשמה איז געווען פאַרבאָרגען אַ ענערגיע, אַ טהאַט־קראַפט, וואָס זוכט אויף שטערונגען און איז זיי גובר, און וואָס נוצט אויס פאַר'ן נצחון אַלע מיטלען, וואָס זיינען געלעגען אין זיין געמיט: קאַלט־בלוטיגקייט, קאָמפּפּלוסט, עהרגייץ, אַמביציע צו הערשען, זיכערקייט אין זיך אין אַ ענטשיידענדען מאָמענט.

ווען ער איז צום ערשטען מאָל געזעסען אין געפענגניס, אין עלטער פון 23 יאָהר, האָט ער ניט נאָר ניט אָפּגעהיט די געפענג־ניס־רעגלען, נאָר ער פלעגט אַרויסגעבען אייגענע פאַראָרדנונגען צו די אויפזעהער פון געפענגניס, און ווען זיי האָבען געפּרובט באַשטעהן אויף זייער אַטאָריטעט, פלעגען פאָרקומען שטורמדיגע סצענעס. געוואָהר ווערענדיג, אַז זיין שוועסטער האָט זיך משתדל געווען מ'זאָל איהם באַגנאַדיגען, האָט ער באַלד אָוועקגעשיקט צום קעניג אַ שריפטליכע ערקלערונג, כדי זיך צו באַוואָרענען געגען יעדער מיספאַרשטענדניס. אין דעם דאָזיגען יונגען מאַן איז געווען עפּעס־וואָס, וואָס דערמאָנט צעזאַר'ן, די דערשראָקענע בירגער האָבען אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ קאַטילינאַ'ן.*) ער איז באַשאַפען געוואָרען פאַר מאַכט, ער איז נעשטעמפּעלט געווען צו זיין אַ הערשער, נאָר אַזוי ווי ער איז געבאָרען געוואָרען ניט קיין פּרינץ און ניט קיין מאַגנאַט, נאָר אַ זוהן פון מיטעלקלאַס און דערצו נאָך פון אַ ערנידעריגטער ראַסע, איז ער געוואָרען אַ דענקער, אַ דעמאָקראַט און אַן אַגיטאַטאָר, כדי אויף דעם דאָזיגען וועג צו דערגרייכען די פּאָזיציע פאַר וועלכער ער איז באַשאַפען גע־וואָרען. נאָך אינגעלוויז האָט שוין דאָס לאַסאַל פאַרשטאַנען. און ווען אפילו ער האָט עס צולעצט ניט קלאָר פאַרשטאַנען, דאַרף

*) קאַטילינאַ איז דער נאָמען פון אַ פאַרשווערער קעגען דער רוי־מישער רעפּובליק. — (איבערז.)

מען אַלענפאַלס ניט פאַרגעסען, אַז פּיעלעס, וואָס פאַר'ן באַוואוסטזיין איז אַ ציעל, איז פאַר דער נאַטור נאָר אַ מיטעל, און די נאַטור אין איהם האָט געפאָדערט מאַכט, אָנגעזעהענקייט און אפילו גלאַנץ און בייפאַל, וואָס פאַלט אוים אויפ'ן גורל פון באַדייטענדע פיהרער פון אַ קלאַס אָדער פון אַ פאָלק. אין דער איינענער צייט האָט די נאַטור איהם באַשטימט פאַר די רייהען פון די עקסטרעמע לינקע און האָט איהם באַשאָנקען מיט דעם געפיהל, אַז ער מוז נקמה נעמען פאַר דער אומפרייהייט און פאַר די אומגערעכטיגקייטען, וואָס האָבען געהערשט הונדערטער יאָהרען. ווי אַזוי האָט ער נאָך דעם געקענט זיך ניט פיהלען אַלס רעוואָלוציאָנער און אַלס פיהרער אין דערזעלביגער צייט? די דאָזיגע נייגונגען זיינען געקומען אונטער'ן איינפלוס פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט און לאַסאַל איז באַשאַפען געוואָרען פאַר וויסענשאַפטליכער טעטיגקייט; אָבער די גאַנצע מאָדערנע וויסענשאַפט, לויט איהר תוך, ארבייט אין דער ריכטונג פון ראַדיקאַלען פאָרטשריט און וואָס מעהר דער מענש איז דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון דער וויסענשאַפט, אַלץ מעהר געצוואונגען פיהלט ער זיך ארויסצואווייזען אַ ווידערשטאַנד געגען אַלץ, וואָס האַלט זיך אויפ'ן אַטאָריטעט פון טראַדיציע.

ווי פריה דאָס אינגעל לאַסאַל איז ניט רייף געוואָרען, האָט די דאָזיגע רייפקייט אין איהם ניט דערשלאָגען דאָס קינד. ער האָט ניט באַלאַנגט צו יענע מענשען, וואָס זיינען קיינמאָל קיין קינדער ניט געוועזען; ער האָט באַלאַנגט צו יענע, וואָס באַהאַלטען שטענדיג אין דער נשמה עפּעס-וואָס קינדישעס. פון שפּילהאַגען'ס ריין פּאָעטישער באַשרייבונג פון דעם העלד אין „רייה און גליד" דאַרף מען ניט דרינגען, אַז לאַסאַל איז געוועזען אַ בלאָס אינגעל, שטיל און שטענדיג סעריעז, ווי לעאָ איז געוועזען! אַלס רייפער מענש האָט ער ארויסגעוויזען אַ סך געפיהל און אַ סך הארציגקייט, ער איז אָבער באַזעסען וועניג זעלבסטבאַהערשונג אין פּריוואַט לעבען. זיין ערביטערונג און זיין אַמביציע צו הערשען האָט ער נעגעבען פולע פרייהייט און אין אַ מינוט ארום איבערראַשט ער אייך מיט זיין ליבענסווירדיגקייט; ער האָט געקענט זיין קינד און זיך ערלויבען קינדישע גענג, ווי קיין אַנדערער.

צו זיינע קינדישע געגנג געהערט זיין ליעבע צו אַלץ, וואָס גלאַנצט, און זיין ליידענשאַפט צו גלענצען. ער, דער דעמאָקראַט, פלעגט זיך שטענדיג קליידען ווי אַ דענדי מיט עלעגאַנץ און מיט גרויס געשמאַק. זיינע צימערן האָבען געמוזט זיין איינגעריכט מיט געשמאַק און אויסגעצירט. אין זיין וואוינונג האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען ניט נאָר עלעגאַנץ, נאָר אויך דעקאָראַציע. אין אָנהויב פון די פופציגער יאָהרען האָט לאַסאַל צוויי מאָל באַזוכט דעם אָריענט און האָט געבראַכט פון דאָרט אַ סך טעפּיכער און קונסטזאַכען אויף צו שעמערירען זיין וואוינונג. ער איז געווען אַביסעל אַן אַקטיאָר, ווי ס'איז ניט זעלטען דער פאַל מיט הער־שער־נאַטורען, ווי נאַפּאָלעאָן און בייראָן, צוםביישפּיעל. ווען זיינע פריינד פלעגען קומען צו איהם אויף באַזוך, פלעגט מען דערלאַנגען צום טיש די שענסטע און בעסטע מאכלים, וואָס מ'האָט נאָר געקענט קריגען אין בערלין, וואו ער פלעגט אין דער זעלביגער צייט אַרויסטרעטען אלס פאַרטיידיגער פון די ארבייטער. דערין ליגט אָבער ניט קיין דירעקטער ווידערשפּרוך, ווי מ'קאָן אין פלוג מיינען, נאָר אַ קאָנטראַסט, וואָס מ'קאָן אָפט באַגעגענען אין רייכע און קאָמפּליצירטע נאַטורען, ביי אַ יאַקאָבינער, וואָס איז באַגאַבט מיט אַ לעבעדיג געפיהל פאַר שעהנקייט, ביי אַ סאָל־דאַט פון דער רעוואָלוציע, וואָס קעמפּפט מיט פּראַכטפולע וואָפען, ביי אַ מענשען, וואָס איז נאָך ניט אינגאַנצען אַרויס פון די קינדער־הייט'ס יאָהרען. אין לאַסאַל'ס גייסט איז געווען עפּעס־וואָס העכסט מאָדערנעס און אין דער אייגענער צייט עפּעס־וואָס אין העכסטען גראַד קלאַסישעס, און דאָס קלאַסישע אין איהם איז געווען פון אַ דאָפּעלטען מין. ער איז געווען אַ אַלקיביאַדעס*) לויט זיין דורשט נאָך גענוס און לויט זיין פעהיגקייט זיך צו צופּאַסען צו אַלע אומשטענדען; ער האָט זיך געקענט פיהלען ווי ביי זיך אין דערהיים צווישען געלערטע, ווי צווישען רעוואָ־לוציאָנערען, אין געפענגניס, ווי אין אַ באַל־סאַלאָן. „אין זיין יוגענד איז ער געגאַנגען אין געפענגניס מיט דערזעלביגער גלייכ־

---

*) דער נאָמען פון אַ פּאַרצייטיגען העלדישען פעלדמאַרשאַל אין גריכענלאַנד. — (איבערז.)

גילטיגקייט, ווי אַנאַנדערער געהט אויף אַ באַל״. ער איז אויך געווען אַ פּאַרצייטיגער רוימער לויט זיין כח הרצון, ענערגיע, פּאָליטישען שאַרפבליק און לויט זיין טאַלאַנט צו עראָבערען און צו אָרגאַניזירען.

זייענדיג באַגייסטערט פאַר דער אַלטער קלאַסישער וועלט, האָט ער גענומען שטודירען אין די אוניווערסיטעטען פון ברעסלוי און בערלין פילאָלאָגיע און העגעל׳ס פילאָזאָפיע. העגעל׳ס דיאַלעקטישע מעטאָדע האָט ער אָנגענומען מיט דער גרעסטער ענציקונג. אין דער אייגענער צייט האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט די רעוואָלוציאָנערע אידעען פון דעם יונגען דייטשלאַנד. ווען ער האָט פאַרלאָזט דעם אוניווערסיטעט, האָט ער געלעבט אַלס אומאפּהענגיגער פּריוואַט-מענש ביים רהיין, און האָט שטודירט אין דיסעלדאָרף גריכישע פילאָלאָגיע און פילאָסאָפיע, ער האָט אויך שטודירט דיזעלביגע געגענשטאַנדען אין פּאַריז, ווען ער האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטען אין׳ם יאָהר 1845.

אין פּאַריז האָט דער צוואַנציג-יאָהריגער לאַסאַל זיך באַקאַנט מיט העגריך היינע, און מ׳קען קריגען אַ הויכען באַגריף וועגען דער געניאַליטעט פון דעם דאָזיגען יונגען סטודענט, בעת מען זעהט, ווי שטאַרק ער האָט איבערראַשט און צוגעצויגען היינע׳ן, דעם מאָדערנעם אַריסטאָפאַנוס, וואָס איהם איז גאָרניט אַזוי לייכט געווען צו פאַרבלענדען. אויסער דעם באַקומט מען אַ הויכע מיינונג פון דיכטער׳ס פּסיכאָלאָגישען שאַרפבליק, ווען מען לייענט וואָס ער שרייבט און ווי אַזוי ער שרייבט וועגען לאַסאַל׳ן, וועלכער האָט נאָך זיין ענטוויקלונג און נאָך זיינע יאָהרען, אין פאַרגלייך מיט איהם, געמוזט איהם פאַרקומען אַלס קינד. ענערגיש, ווי געוועהנליך, האָט לאַסאַל אַנטייל גענומען אין קראַנקען און פאַרלאָזטען דיכטער, ער האָט איבערגענומען דעם סכסוך וועגען זיינע ירושה-ענינים. זיין מעכטיגעם אויפטרעטען לטובה פון דיכטער׳ס אינטערעסען אין דייטשלאַנד האָט צוגעצויגען אויך אַנדערע איינפלוסרייכע פּאַרטייִדיגער אין אָט דעם ענין, וואָס איז אַזוי וויכטיג געווען פאַר׳ן דיכטער. אין היינע׳ס בריף צו לאַסאַל׳ן, וואו ער רופט איהם בכסדר „מיין ליבסטער טייערער פריינד, מיין טייערסטער וואָפענברודער״, באַגעגענט מען אַזעלכע פראַזען:

„היינט וועל איך מיר באַשרענקען דערמיט, וואָס איך וועל אייך דאַנקען. קיינער האָט נאָך פאַר מיר אַזוי פיעל ניט געטאָן, ווי איהר. אויך האָב איך נאָך ביי קיינעם ניט געפונען אַזוי פיעל ליידענשאַפט און קלאָרקייט אין האַנדלונג. געוויס האָט איהר דאָס רעכט צו זיין פרעך. אַנדערע פאַרבאַפּען נאָר דאָס דאָזיגע געטליכע רעכט, די דאָזיגע הימלישע פּריווילעגיע. אין פאַרגלייך מיט אייך בין איך דאָך נאָר אַ באַשיידענע פליעג."

אין אַנאַנדער אָרט שרייבט ער:

„לעבט וואָהל און זייט איבערצייגט, אַז איך האָב אייך אונאויסשפּרעכליך ליעב! עס פרעהט מיך זעהר, וואָס איך האָב אין אייך קיין טעות ניט געהאַט; נאָר צו קיינעם האָב איך נאָך ניט געהאַט אַזאַ צוטרוי, ווי צו אייך, איך, וועלכער איז דורך ערפאַהרונג, ניט בטבע, מיסטרויליך. ווי נאָר איך באַקום אַ בריעף פון אייך שטייגט אויף מיין מוט און איך פיהל מיך בעסער."

עס איז כמעט ריהרענד צו זעהן, ווי דער דאָזינגער 46-יאָהריגער מאַן, דער גרויסער דיכטער, אַ צובראָכענער פון אַזוי פיעל יסורים, זוכט שוץ ביי אַט דעם יונגען מאַן, וואָס איז געווען ווי פון אייזען אויסגעשמידט, וואָס צוואַנציג ווינטערס האָבען זיין ווילען אומבויגזאַם געמאַכט און האָט נאָך געהאַט מוט מיטצוהעלפען די, וואָס האָבען אַרום איהם געליטען און זיך באַקלאָגט. היינע, וואָס האָט געזוכט הילף ביי לאַסאַל'ן, איז — די אַנטילאָפּע, וואָס האָט זיך געשטעלט אונטער דער שוץ פון דעם יונגען לייב! פון אַ אָנדייטונג אין אַ בריעף צו פערדינאַנד'ס פאָטער זעהט מען, אַז לאַסאַל האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר היינע'ן אַלס אָפענער אַטעאיסט. היינע „וואָלט געוועלט זעהן זיין געזיכט", ווען ער וועט הערען, אַז ער, דער טויט-קראַנקער דיכטער, האָט זיך אומגעקערט צו גאָט. פון אַנדערע אָנדייטונגען אין שפּאַסהאַפטע באַמערקונגען זעהט מען, אַז ווען לאַסאַל איז געווען אין פּאַריז, איז ער געווען ניט אומגעפערליך פאַר פרויענהערצער און ווייט ניט גלייכגילטיג דערצו, וואָס פרויען זיינען צו איהם געווען גענייגט. צום גליק איז געבליבען אַ בריף פון היינע'ן צו וואַרנהאַגען פאָן ענזע, וואו מיר געפינען אַ פולע באַשרייבונג פון פערדינאַנד לאַסאַל. די דאָזיגע באַשרייבונג איז ניט נאָר אינטערעסאַנט אַלס פּראָדוקט פון דעם פיינסטען שריפטשטעלער, וואָס דייטשלאַנד האָט דעמאָלט פאַרמאָגט, נאָר די באַשרייבונג האָט אַ דאָפּעלטען ווערט דערפאַר, וואָס

אין איהר זעהען מיר לאַסאַל'ן ווי ער איז געווען, איידער די וועלט האָט זיך וועגען איהם דערוואוסט, און אויך פריהער, איידער ער איז אויפגעטרעטען אין דער ליטעראַטור. אָט איז דער בריף:

„מיין פריינד, הערר לאַסאַל, וואס וועט אייך ברענגען דעם דאָזיגען בריעף, איז אַ הויך באַגאַבטער יונגער מאַן, מיט דעם גרינדליכער געלערזאמקייט, מיט דעם ברייטסטען וויסען, מיט דעם גרעסטען שאַרפזיין, וואס איך האָב ווען עס איז געזעהן. זיין גרויסע פעהיגקייט קלאָר צו מאכען זאכען, איז ביי איהם פאראייניגט מיט א ווילענסקראפט און מיט געשיקטקייט אין האנדלונג, וואס איבערראשט מיר פשוט, און אויב נאָר זיין סימפאטיע צו מיר וועט ניט אויסגעלאָשען ווערען, ערוואַרט איך פון איהם פיעל הילף אין מיין ענין. אלענפאלס איז אזא פאראייניגונג פון וויסען און קענען, פון טאַלאַנט און כאראקטער, פאר מיר א פרייודיגע ערשיינונג... הערר לאַסאַל איז באמת אַ מענש פון דער נייער צייט, וואס וויל ניט וויסען פון יענער באַשיידענהייט און זעלבסט־אפזאָגונג, מיט וואס מיר, מעהר אדער וועניגער היפּאָקריטיש, פלעגען זיך ארומטראגען און וועגען וואס מיר פלעגען כסדר פלוידערן. דער דאָזיגער נייער דור וויל געניסען און גילטען אין דער רעאַלער וועלט. מיר, די אַלטע, האָבען זיך הכנעה'דיג געבויגען פאר דער אומזיכטבאַרער וועלט, מיר האָבען געדורשט נאָך קוסען פון שאָטענס און נאָכ'ן דופט פון בלויען בלימעל, מיר האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון זיך אליין. פונדעסטוועגען זיינען מיר אפשר גליקליכער געווען פון יענע הארטע גלאַדיאַטאָרען, וואָס געהען אַזוי שטאָלץ אין טויטליכען קאַמף".

ס'אַרא ווערטער! אין יעדער שורה זעהט איהר דעם דורכדרינגליכען בליק פון קינסטלער, די האַנט פון מייסטער, דעם אָפּלאַבער, און אין דער שלום־פראַזע — דעם צוקונפטס־בליק פון ווייטזעהער.

.3

לאסאל'ס באקאנטשאפט מיט דער גרעפין האצפעלד.

דעם 11טען אגוסט פון יאהר 1848 איז פאר'ן קרימינאל גע־ריכט אין קעלן געשטאנען א יונגער מאן, א שטאלצער, א אנ־ציהענדער, וועלכער איז אנגעקלאגט געווארען דערפאר, וואס ער האט מאראליש אנטייל גענומען אין דער גנבה פון א געלט־קעסטעלע. אין די געריכטליכע דאקומענטען איז דער דאזיגער יונגער מאן אזוי באשריבען: פערדינאנד לאסאל, 23 יאהר אלט, א פריוואטמענש, 5 פוס מיט 6 צאל הויך, מיט ברוינע געקרויזטע האר, מיט א גרויסען שטערן, מיט ברוינע ברעמען, מיט טונקעל־בלויע אויגען, די נאז און דאס מויל פראפארציאנעל, מיט רונדע קינבאקען, מיט א לענגליך פנים, זעהר א שלאנקער. דער יונגער מאן, וועלכען מ'האט אזוי באשריבען, האט אין יענעם טאג גע־האלטען א פארטיידיגונגס רעדע, וואס א עהנליכע צו איהר איז נאך ניט געהערט געווארען אין קרימינאל געריכט. מ'האט איהם באשולדיגט, אז מיט צוויי יאהר פריהער האט ער אנגערעדט צוויי יונגע לייט, אפענהיימען און מענדעלסאנען, צו גנב'ענען א געלט־קעסטעלע. די דאזיגע צוויי יונגע לייט האבען באלאנגט צו זעהר רייכע און אנגעזעהענע פאמיליען, און ביידע, אזוי ווי ער, האבען גענומען א טיכטיגען אנטייל אין גט פראצעס פון די האצפעלד'ס, לטובה פון דער גרעפין סאפיע האצפעלד. אט די צוויי יונגע לייט האט עם לאסאל אנגערעדט אוועקצו'גנב'ענען ביי גראף האצפעלד'ס געליבטער א געלט־קעסטעלע, וואו ס'איז געלעגען א דאקומענט, לויט וועלכען דעם גראף'ס געליעבטע האט באדארפט באקומען פון איהם א יעהרליך געהאלט פון אכט טויזענד טאלער. אפענ־היים איז געווען א פריישער באראטונגס־ריכטער, — א שלעכטע

רעקאָמענדאַציע אין דעם דאָזיגען פאַל, ער איז אָבער געווען אַ יורש פון צוויי אָדער דריי מיליאָן טאַלער און זיינע מאָטיווען צו גנבה האָבען דארום ניט געקענט ווערען פאַלש אויסגעטייטשט. אין דעצעמבער פון יאָהר 1846 איז ער באַפרייט געוואָרען, הגם דאָס קעסטעלע האָט ער גענומען. פונדעסטוועגען, אין יאַנואר פון יאָהר 1848 האָט אַ געריכט פון געשוואָרענע פאַר'משפט מענדעלסאָנ'ען אויף פינף יאָהר געפענגנים פאַר גנבה, הגם ער איז נאָר געווען אָנגעקלאָגט אַלס אַנטיילנעמער. איצט האָט מען פון לאַסאַל'ן געפאָדערט דין וחשבון אין דעמזעלביגען ענין. אָבער ער איז אַרויסגעטראָטען ניט ווי אַ באַשולדיגטער, נאָר ווי אַ באַשולדיגער. אַנשטאָט זיך צו פאַרטיידיגען, האָט ער בלויז אין דער הקדמה פון זיין רעדע זיך ערלויבט עטליכע שטעכעדיגע באַמערקונגען וועגען דעם, וואָס מען באַשולדיגט איהם אַלס „אינטעלעקטועלען איניציאַטאָר” פון דער גנבה. דאַן האָט ער פאַרבונדען זיין פּראָצעס מיט דער גרעפינ'ס פּראָצעס און מיט דער גאַנצער ענערגיע פון אַ יונגען פאָלקס־אָראַטאָר, מיט'ן גאַנצען פאָרטייל פון אַ געבאָרענעם ערָאבערער, איז ער אָנגעפאַלען אויף די הויך־געשטעלטע שונאים פון זיין קליענטין. באַשרייבענדיג די מאַטערניסען, וואָס די גרעפין האָט אַריבערגעטראָגען, האָט ער פאָרטגעזעצט:

„די פאַמיליע האָט געשוויגען. אָבער, ווי זאָגט מען, דאָרט, וואו מענשען שווייגען, הויבען שטיינער אָן ריידען. בעת אַלע מענשליכע רעכטען ווערען געטראָטען מיט די פיס, בעת די שטימע פון בלוט שווייגט אפילו און דער הילפלאָזער מענש ווערט פאַרלאָזט אפילו פון זיינע ליבליבע קרובים, דאַן מעג מיט רעכט אַרויסטרעטען דער ערשטער און לעצטער קרוב פון דעם באַליידיגטען מענשען — דער מענש. איהר אַלע וויסט און מיט אויפגעבראכטקייט האָט איהר געלייענט די שרעקליכע געשיכטע פון דער אומגליקליכער הערצאָגין פּראַסלין. ווער פון אייך וואָלט זיך ניט אונטערגעאיילט איהר צו העלפען אין דער שעה, בעת זי האָט זיך געראַנגעלט מיט'ן טויט? אַלזאָ, מיינע הערען, איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: דער דאָזיגער פאַל איז צעהן מאָל שרעקליכער, ווי דער פאַל מיט דער הערצאָגין פּראַסלין. וואָרים וואָס איז אַ שעה זיך ראַנגלען מיט'ן טויט אין פאַרגלייך מיט די מאַטערנישען, וואָס ציהען זיך אין פאַרלויף פון צוואַנציג יאָהר! וואָס זיינען וואונדען פון אַ מעסער אין פאַרגלייך מיט אַ לאַנגזאַמען טויט דורך ראַפינירטער גרויזאַמקייט, מיט די אונגעהייערע ליידען פון אַ פרוי, וואָס טאָג פאַר טאָג

אין פארלויף פון צוואנציג יאהר האָט מען איהרע טייעוסטע רעכטען מיט די פיס געטראטען און זי געמאכט צו שפּאָט און צו שאַנד אין אלעמענס אויגען, כדי זי נאָכדעם צו באליידיגען אומבאשטראָפט!”

דער יונגער מאַן, וואָס האָט אויף זיך נעהאט אזא מאָדנעם פּראָצעס און האָט אין יענעם טאָג ארויסגעוויזען אזעלכע ריטער־ליכע געפיהלען, איז אַלט געווען צוואַנציג יאָהר, בעת ער האָט זיך באַקאַנט אין בערלין מיט דער גרעפין האצפעלד (געבאָרענע פיר־סטין). זי איז דעמאָלט אַלט געווען ניין און דרייסיג יאָהר, זי איז נאָך אָבער געווען שעהן און אימפּאָנירענד. טיף געריהרט פון איהרע אומגליקען, האָט ער זיך פאָרגעשלאָגען אלס איהר פאַר־טיידינער. א מאַיעסטעטישע פיגור, א גראַציעזע, מיט אָפּגע־טאָקטע גלידער, מיט געדיכטע רויטליך־גאָלדענע האָר, מיט שעהנע מאַנערען, געלאַסען אין באַנעמונג, איינפאַך און קלוג אין רעדען, — דאָס זיינען געווען די וואפען פון אָט דער פרוי, וועלכע מ׳האָט באַטראַכט אלס געפערליכע פארפירערין. אָבער ניט אזוי איהר שענקייט, ווי איהר אומגליק האָט טיף גערירט די נשמה פון דעם ליידענשאַפטליכען קריגערישען יונגען מאַן. איהר מאַן און שוועסטערקינד, גראַף עדמונד פאָן האַצפעלד, מיט וועלכען זי האָט חתונה געהאַט אין עלטער פון פופצעהן יאָהר, האָט פון אָנהויב אָן זי געהאַסט און גראָב באַהאַנדעלט. ער איז געווען דער רייכסטער מיטגליעד פון דער מעכטיגער פאַמיליע האַצפעלד, האָט פארמאָגט פינף מיליאָן טאַלער און האָט געהאַט די פּריווי־לעגיען פון דעם העכסטען פרייסישען אדעל־קלאַס. ס׳פארשטעהט זיך, אז ער האָט דערפאַר געהאַט מעהר מעגליכקייט, ווי אַנאַנדער מאַן, זיך צו ערלויבען בנוגע זיין פרוי וואָס זיין הארץ האָט גלוסט, ניט אכטענדיג אויפ׳ן געזעץ. אין וואָס אייגענטליך איז באַשטאַ־נען איהר חטא נעגען איהם — איז שווער צו וויסען, אַלענפאַלס האָט מען איהר שולד גאָרניט נעקענט פארגלייכען מיט זיין גע־מיינער נקמה, מיט זיינע שמוציגע, קליינליכע פארפאָלגונגען. ער האָט זי געהאַלטען פארשלאָסען אין זיין פאַלאַץ ביים רהיין, בעת זי איז קראַנק געווען, האָט ער קיין דאָקטאָר ניט גערופען און זי איז געבליבען אָהן מעדיצין. ער האָט בשתיקה פון איהר אוועק־גענומען די קינדער, וועלכע זי האָט ליעב געהאַט, ווי א צאַרטע

מוטער קען נאָר ליעב האָבען. ער האָט זי איינגאַנצען איבערגעלאָזט
אָהן מיטלען צום לעבען, בעת ער אַליין האָט ניט נאָר פאַרשווענדט
זיין פאַרמעגען אויף הולטאַיסטווא, ער האָט אויך געצאָהלט פאַר־
שידענע שרייבערלעך, זיי זאָלען וועגען איהר פאַרשפּרייטען אַלערליי
רכילות. די גרעפין האָט קיין עלטערן ניט געהאַט; איהרע
ברידער און די אַנדערע קרובים האָבען פאַרנומען אַן אָנגעזעהענעם
אָרט אין דער געזעלשאַפט און האָבען מעהר געזאָרגט וועגען דעם,
אַז עס זאָלען אויסגעמיידט ווערען סקאַנדאַלען, ווי וועגען קומען
איהר צו הילף. ניט איין מאָל האָט די פאַמיליע געמאַכט שלום
צווישען מאַן און ווייב און אפילו דער קייזער אַליין האָט איינמאָל
צווישען זיי שלום געמאַכט און אַרויסגעקראָגען פון גראַף אַ צוזאָג
מענשליך צו באַהאַנדלען די ווייב, ער האָט אָבער זיין וואָרט ניט
געהאַלטען.

איז נאָר געבליבען איין וועג אויסצופּראָבירען, אַ זעהר צוויי־
פעלהאַפטער ביי די דאָזיגע אומשטענדען — דער געריכט־
ליכער וועג.

אין דערזעלבער צייט האָט דר. מענדעלסאָן, וואָס איז געווען
פאַרמישט אין דער געשיכטע מיט דעם קעסטעלע, לאַסאַל'ן פאַר־
געשטעלט פאַר דער גרעפין, און ס'איז קיין ספק ניט, אַז דער
דאָזיגער שענער יונגער מאַן, מיט די אומגעוועהנליך־שעהנע טונקעל־
בלויע אויגען, האָט אויף דער גרעפין געמאַכט אַ גוטען איינדרוק.
לאַסאַל'ס אַ פריינד האָט מיר געזאָגט, אַז אין עטליכע טעג אַרום
נאָך דער באַקאַנטשאַפט מיט דער גרעפין, איז לאַסאַל אַוועק צום
גראַף און האָט איהם אַרויסגערופען אויף אַ דועל. בעת דער הויכ־
געבאָרענער יונקער האָט גדלות'דיג אַריינגעלאַכט דעם „נאַרישען
אידישען אינגעל" אין פנים אַריין, האָט דאַן לאַסאַל ערנסט באַ־
שלאָסען אַריינצונעמען אין זיינע הענט דעם פּראָצעס פון דער
גרעפין. אין איינעם פון זיינע בריף שרייבט ער אַזוי וועגען אָט
דעם ענין:

„כ'האָב צו זיך אַליין געזאָגט: זאָל קיינער ניט האָבען דאָס רעכט
צו זאָגען, אַז דו האָסט געוואוסט פון אַלעם דעם און דאָך האָסטו דער־
לאָזט, אַז די דאָזיגע פרוי זאָל געפייניגט ווערען, אַז קיינער זאָל זיך
פאַר איהר ניט איינשטעלען. ווען דו אַליין זאָלסט זיך אַזוי פאַרהאַל־

טען אין אזא פאַל, וואָס פאר א רעכט וועסטו האָבען צו מאכען פאר־וואורפען אנדערע פאר זייער עגאָאיזם און פויגהייט?

„איך בין געווען אַ יונגער מאן פון צוואנציג יאָהר. איך האָב נאָר וואס געענדיגט די אוניווערזיטעט, וואו איך האָב שטודירט פילאָזאָפיע. איך האָב קיין באגריף ניט געהאַט פון יוריספרודענץ. אבער קיין זאך האָט מיר ניט געקאָנט אָפּהאלטען. איך האָב געזאָגט דער גרעפין, וועל־כע האָט לגמרי ניט געוואוסט, וואס אָנצוהויבען צו טאָן: איהר ווייסט, אז ווען איהר וועט פארפיהרען א פּראצעס, וועט אייער גאנצע פאמי־ליע זיך אפּטרייסלען פון אייך, אלע וועלען ארויסטרעטען קעגען אייך. אָט אזוי ווי זיי האָבען אייך פריהער געזאָגט. אָבער איהר ווייסט אויך גאנץ גוט, אז קיין ממשות'דיגע הילף קאָנט איהר פון זייער צד ניט דערוואַרטען, אז אויף אלץ וועלען זיי אייך נאָר ענטפערען מיט אל־געמיינע פוסטע ווערטער. אויב איהר האָט ביי זיך פעסט אפּגעמאכט צו זיעגען אדער אומצוקומען, וועל איך ארייננעהמען אייער פּראצעס אין אָט דער יונגער און קרעפטיגער האַנט און איך שווער צוקעמפען פאר אייך ביז מיין טויט.

„זי האָט געגלויבט, אז די גערעכטיגקייט איז אויף איהר זייט. זי האָט געגלויבט אין איהר קראפט און אין מיין ענערגיע. מיט'ן גאנצען הארצען האָט זי מיין פאָרשלאג אָנגענומען. און איך, א יונגער און הילפלאָזער איד, האָב זיך געשטעלט אַנטקעגען אלע כחות, וואס האָבען אָנגעווארפען אן אימה."

לאַסאַל האָט באַגלייט די גרעפען קיין דיסעלדאָרף און האָט אוועקגעגעבען ניין יאָהר פון זיין לעבען און גאָר זיינע קרעפטען אויפ'ן קאמפף צו באַשיצען איהר פארמעגען און איהר געזעל־שאפטליכע לאגע.

ס'פארשטעהט זיך, אז זיינע עלטערן האָבען אין ערשטען מאָמענט געהאַט גרויס עגמת נפש, וואָס זייער זוהן צוברעכט די קאַריערע, וואָס איהם שטעהט פאָר, כדי צו ווערען דער פארטיידיגער פון א מענשען, וואָס איז אינגאנצען פרעמד.

אלס פילאָלאָג האָט ער ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען; אזעלכע מענער, ווי בעק און אלעקסאנדער הומבאָלדט האָבען פאָראויסגעזאָגט דעם יונגען געלערטען (דעם וואונדער־קינד, ווי הומבאָלדט האָט איהם אָנגערופען) די גלענצענדסטע צוקונפט, און דער מוטער האָט זיך זעהר געוועלט, אז דער זוהן זאָל זיין א פּראָפעסאָר. אָבער גאָר אין גיכען האָט זי זיך באַרוהיגט, באַ־זונדערס בעת מ'האָט איהר געגעבען צו פאַרשטעהן, אז פערדינאַנד,

אלס איד, וואָלט קיינמאָל ניט געקענט ווערען קיין פּראָפעסאָר אין אַ אוניווערסיטעט. שווערער פון אַלץ איז געווים פאַר איהם אליין געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך אָפּגעריסען פון זיינע ווי־סענשאַפטליכע באַשעפטיגונגען, וואָס ער האָט אָנגעהויבען. זיין גרויס ווערק וועגען הערַאקליט'ן, וואָס איז שוין כמעט געווען אויסגעאַרבייט אין אָנהויב פון 1846, איז צוליעב דעם פּראָצעס פון דער גרעפין ערשט ערשינען אין'ם יאָהר 1859. אין זיין פאַרטיידיגונגס־רעדע האָט ער וועגען דעם געזאָגט:

„אויך מיין בליק, מיינע הערצען, איז שטענדיג געווען געציעלט אויף די אַלגעמיינע אינטערעסען און אַנגעלעגענהייטען, אָבער איך, קאָן זיין, האָב אפשר געדאַרפט זיך פאַרטראַכטען וועגען דעם, צי איך דאַרף איבעררייסען מיינע באַשעפטיגונגען אויף יאָהרען און פאַרווענדען מיין גאַנצע פעהיגקייט, כדי צו העלפען בלויז איין מענשען אין זיין שווערען גורל, ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס עס איז האַרצרייסענד פאַר אַ מענשען, וואָס האָט אַ הארץ, צוצוזעהן, ווי אַן אַנדער מענש, וועלכען ער האַלט פאַר אַ גוטען און איידעלען, פאַלט הילפלאָז אין אַ ציוויליזירטער וועלט אונטער דעם דרוק פון געוואַלט. איך האָב אָבער געזעהן, אַז דער דאָזיגער ענין שפּיגעלט אָפּ גאַנץ העל אַלגעמיינע שטאַנדפּונקטען און פּרינציפּען. איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט, אַז די גרעפין איז דער קרבן פאַר איהר קלאַס, איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט, אַז קיין אַנדערער, וואָס איז ניט געווען אין דער גדלות'דיגער לאַגע פון אַ פירסט און אַ מיליאָנער, וואָלט געוואַגט, אדער האָט געוואַגט, אזוי צו באַליידיגען דעם מאָראַלען באַוואוסטזיין פון דער געזעלשאַפט אָהן ריזיקע. איך האָב פון זיך ניט באַהאַלטען די שווערקייט פון מיין אונטערנעהמונג. איך האָב אויסגעצייכענט געזעהן, וואָס פאַר אַ שווערע אויפגאַבע עס איז אויפ־צוקלערען אָט די אַלטע, היסטאָריש געוואָרענע אומרעכט. איך האָב גע־וואוסט, אַז ווען עס וועט קומען צו אַ פּראָצעס, וועל איך אויף דעם דאָ־זיגען ענין מוזען פאַרווענדען מיין גאַנצע טעטיגקייט, מיין גאַנצע ענער־גיע, איך וועל צוליעב דעם מוזען איבעררייסען אויף אַ לאַנגער צייט מיינע פּערזענליכע באַשעפטיגונגען און אַרבייט. איך האָב געוואוסט, ווי שווער עס איז צו באַזיגען אַזאַ פאַלשען שיין, אַזאַ פאַלשע אויסער־ליכקייט. איך האָב געוואוסט, אַז ראַנג, איינפלוס און רייכקייט זיינען פורכטבאַרע געגנער, און נאָר זיי קאָנען אַלעמאָל געפינען בונדעס־גענאָ־סען אין די רייהען פון דער ביוראָקראַטיע; און, ועל כולם, האָב איך אויך געוואוסט די געפאַהר אין וועלכער איך פּערזענליך שטעל זיך. איך האָב עס געוואוסט, דאָס האָט מיר אָבער ניט אָפּגעהאַלטען. איך האָב באַשלאָסען ארויסצושטעלען דעם אמת געגען דעם שקר, דאָס רעכט געגען דעם ראַנג, די מאַכט פון גייסט געגען דער מאַכט פון געלד. שטערונ־

גען, קרבנות און געפאהר האָבען מיך ניט געשראקען. נאָר ווען איך וואָלט אפילו געוואוסט, וואָסערע אומווירדיגע און געמיינע פארלוימ־דונגען עס וועלען פארשפרייט ווערען וועגען מיר, אויף וואָסער קאָ־פויערדיגען אופן עס עלען אויסגעטייטשט ווערען די רייגסטע מאָטיווען און אויף וויפיעל מען וועט גלויבען די אַלע געמיינע שקרים, — דאכט זיך מיר איצט, אז אויך דאָס וואָלט ניט געענדערט מיין באַשלוס, נאָר איך וואָלט געפּרובט געוואָרען צו א שווערערען, שמערצליכערען קאַמף."

אומשטענדען, אַנצוהערעניסען אין דער אנקלאַגע און פאר־שיידענע קלאַנגען, וואָס האָבען זיך אַרומגעטראָגען, האָבען לאַ־סאַל'ן געצוואונגען צו דערמאָנען וועגען דעם, וואָס מ'האָט איהם באַשולדיגט, אז ער איז אין אינטימע ליעבעס־באַציהונגען מיט זיין קליענטין. „קיין זאַך", — האָט ער געזאָגט, — „גלויבט מען ניט אזוי געמיינשאַפטליך, ווי די דאָזיגע באַשולדיגונג. פּראָ־טעסטירען געגען דעם וואָלט געווען לעכערליך". ער באַציהט זיך אָבער אויף דעם, וואָס די עדות האָבען געזאָגט וועגען דער דאָזיגער אנגעלעגענהייט איהם לטובה און אויף זיינע אייגענע בריף, פון וועלכע מען זעהט דאָס געגענטייל:

„מיינע הערען, א סך אָנגעזעהענע מענער פון דער דאָזיגער שטאָדט, וואס ווינשען מיר גוטעס, וועלכע האָבען געזאמעלט ידיעות וועגען מיי־נע פארהעלטניסען, גלויבען ניט, אויפ'ן גרונד פון זייערע ידיעות, אז איך בין פעהיג אזוי צו האנדלען אוים אייגענגוץ. די דאזיגע מענער האָבען מיר אליין אויסגעדריקט זייער איבערצייגונג, אז צווישען מיר און דער גרעפין, מוזען זיכער עקזיסטירען אינטימע ליעבעס באַציהונ־גען; און ווען איך האָב זיך ערלויבט זיי צו פרעגען אויף וועלכען גרונד גלויבען זיי דערין, האָבען זיי מיר אפען געענטפערט: מיר האָ־בען קיין שום גרונד ניט, נאָר מיר גלויבען דערין, ווייל אנדערש איז אוממעגליך צו דערקלערען אזאַ גרויסען קרבן, וואס ווערט געבראכט פאר א פרעמדער זאך! די דאזיגע מענער, מיינע הערען, איך גיב עס צו, האָבען געאורטיילט ווי מענשען, וואס קענען די וועלט, ווי ערפאהרענע מענשען. זיי האָבען אָבער פארזעהן איין זאך —— מיין יוגענד, זיי האָבען פארזעהן, אז הגם אונזער צייט קאָן אָנגערופען ווערען א צייט פון עגאָאיזם, פון אייגענגוץ, אבער די יוגענד איז אין אלע צייטען גע־ווען און וועט זיין די צייט פון אונאייגענגוציגקייט, פון באגייסטערונג און גרייטקייט צו אָפּפערן מיט זיך."

אין די דאָזיגע ווערטער איז דאָ א געוויסער טאָן פון עהר־ליכקייט און אמת, וואָס נאָרט ניט אָפּ אין וועלכע באַציהונגען לאַסאַל איז ניט געווען מיט דער גרעפין, האָט ער ניט געקענט, אַלס

עהרליכער מענש, אָפען זיך מודה זיין, אז צווישען איהם און איהר עקזיסטירען ליעבעס־באַציהונגען. אָבער דער אופן, אויף וועלכער ער האָט עס אָפּגעלייקענט, איז, נאָך מיין מיינונג, א קלאָרער באווייז, אז וואָסער כאַראַקטער זייערע באַציהונגען האָבען שפּעטער ניט אָנגענומען, אָבער פון אָנהויב האָט ער זיך אריינגעוואָרפען אין דעם דאָזיגען פּאַקטישען קאַמף ניט דער־פאַר, מחמת ער איז געווען באַגייסטערט פאַר דער גרעפין, נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, ווייל א ריין־גייסטיגער דראַנג, וואָס איז גובר אלע איבערלייגונגען, האָט איהם אין קאַמף געצוויגען, דער דראַנג צום נצחון פון רעכט איבער מאַכט.

לאַסאַל׳ס באַציהונגען צו דער גרעפין אין די נאָכקומענדע יאָהרען האָבען געגעבען זיינע געגנער א געלעגענהייט אלץ מעהר אָנצופאַלען אויף איהם און אויף זיין מאָראַליטעט. וועגען דעם אמת׳ען כאַראַקטער פון זייערע באַציהונגען האָט קיינער, זעלבסט־פאַרשטענדליך, גאַרנישט געוואוסט. אלענפאַלס האָבען זייערע באַציהונגען שפּעטער אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון פריינדשאַפט, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען אונטער אומגעוועהנליכע אומשטענ־דען, צווישען א יונגען מאַן און א פרוי, וואָס איז פיעל עלטער פון איהם. אין לאַסאַל׳ס שפּעטערע יאָהרען האָט די גרעפין זיך פאַרהאַלטען צו איהם, ווי א צווייטע מוטער, און זי פלעגט איהם אלעמאָל רופען אין געשפּרעך, אזוי ווי אין איהרע בריף, ניט אנדערש ווי „קינד“.

לאַסאַל׳ס באַהויפּטונג, אז אין דעם דאָזיגען איינצעלנעם פאַל האָט ער געזעהן פאַרקערפּערט אלגעמיינע שטאַנדפּונקטען און פּרינציפּען, קענען מאַנכע באַטראַכטען נאָר אלס א שפּיצעל פון לאַסאַל דעם אָראַטאָר. אָבער אזא מיסטרויען וואָלט זיכער געווען גרונדלאָז. וואָרים דאָס איז דאָך דער בולט׳ער שטריך פון גרויסע מענשען, וואָס זיי זעהען אין דעם איינצעלנעם פאַל, אויף וועלכען זיי שטויסען זיך אָן, ניט א צופעליגע געשעהענים, ווי טויזענדער אנדערע וואָלטען אין איהם געזעהען, נאָר אַן אלגע־מיינעם שיקזאַל. זיי שפּירען, עס ווערט פאַר זיי פּלוצלונג אנט־פּלעקט, ווי גרויס עס איז די צאָהל פון די אומגליקליכע, וואָס ליידען פון דיזעלביגע אומגערעכטיגקייטען; הינטער דעם אומרעכט זוכען

זיי די סאָציאַלע סיבה פון׳ם אומרעכט און זיי צילען זייערע אנגריפען אויף דער סיבה, וואו אַנדערע וואָלטען נאָר אין זינען געהאַט דעם, וואָס האָט דעם אומרעכט געטאָן. לאַסאַל האָט דארום זיכער געמיינט דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, בעת ער האָט אין זיין רעדע אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז אין יענע טעג (1848), בעת דער בנין פון שקר, צביעות און אונטערדריקונגען וועט אומעטום איינפאַלען, וועט דער טאָג־שיין פון דעם אמת לויכטען „איבער דעם גורל און איבער די ליידען פון׳ם איינצעלנעם, וואָס איז ווירקליך אין יעדען אינדיווידועלען פאַל עהנליך צו אַ קליין וועלטעלע, וואָס שפּיגעלט אָפּ אין זיך די אַלגעמיינע, ביז צום קבר שרייענדע ליידען און אונטערדריקונגען; דער ליכטיגער טאָג פון דעם אמת וועט אויך וואַרפען זיין שיין אויף די עהרליכע באַמיהונגען און שטרעבונגען צו באַשיצען די מענשליכע רעכטען פון ביילײדיגונגען, ניט אַכטענדיג אויף קיינע קרימינעלע און אַנדערע פאַרפאָלגונגען".

די רעדע פון וועלכע מיר האָבען געבראַכט עטליכע ציטאַטען, איז דאָס ערשטע ליטעראַרישע ווערק פון לאַסאַל׳ס פעדער. דער אינטערעס פון דער דאָזיגער רעדע באַשטעהט דערין, וואָס זי גיט אונז די מעגליכקייט זיך צו באַקענען מיט די גרונד־שטריכען פון זיין כאַראַקטער, בעת ער איז נאָך געווען אַ בחור׳ל. איך האָב שוין אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער אויפריכטיגקייט פון געפיהל, וואָס ווייזט זיך אַרויס אין איהר. די זעלבּיגע אויפריכטיגקייט ווייזט זיך אַרויס אין סטיל און ס׳איז אונמעגליך איהר נאָכצומאַכען. אַ פעסטער גלויבען אין נצחון פון רעכט איבער מאַכט ליגט טיף אין זיין נשמה, וואָס איז דער יסוד פון זיין וואַרימער יוגענדליכער באַגייסטערונג. דאָס איז ביי איהם פאַראייניגט מיט דעם באַוואוסטזיין פון זיין זעלבּסט־באַדייטונג: לאַסאַל גלויבט ניט אַזוי פיעל אין דער מאַכט פון גייסט בכלל, ווי אין דער מאַכט פון זיין אייגענעם גייסט, וואָס קען זיך שטעלען אַנטקעגען אַלע שוועריגקייטען און זיי גובר זיין. אין זיין רעדע איז דאָ ריטערליכקייט און קאַמפּפלוסט און איהר פאָרם אַנטפּלעקט עפּעס־וואָס פון דעם טאַלאַנט פון אַן אַדוואָקאַט איינצונעמען אַ פּאָזיציע, אויפ׳ן העכסטען אופן אויסצונוצען אַ סיטואַציע, זעהר

בולט צו שילדערן, ווי אזוי עס ווערען באַליידיגט מענשליכע רעכ־טען און אַז. וו. און דאָך איז דאָס כמעט צופיעל געזאָגט. ווען אפילו אין זיין רעדע האָט זיך באַמערקט עהנליכעס, איז עס גע־ווען אין אַזאַ אומבאַדייטענדער מאָס, אַז העכסטענס האָט עס איהר גאָר צוגעגעבען אַן אויבערפלעכליכען קאָליר. אָבער דאָס, וואָס ווייזט זיך יאָ גאַנץ בולט אַרויס אין זיין רעדע, איז די אייגענשאַפט, וואָס איז טיף געווען איינגעוואָרצעלט אין לאַסאַל'ן: — די ריקזיכטסלאָזיגקייט, די אומגעצאַמטקייט. ריקזיכטסלאָזיגקייט איז אַ ריין מאָדערנער אידעאַל. אין איינעם פון ביסמאַרקס'ס בריף צו זיינעם אַ פריינד פון די גייסטליכע, וואו ער ענטפערט יענעם אויף זיין פאַרוואורף אין ריקזיכטסלאָזיגקייט, געפינען מיר פאָלגענדע פאַלשטענדיג אויפריכטיגע און זעהר באַלערענדע שורות: „אַלס שטאַאַטסמאַן בין איך קיינמאָל ניט גענוג ריק־זיכטסלאָז, נאָך מיין געפיהל, בין איך גיכער פייג". די ריקזיכטס־לאָזיגקייט (וואָס דאַרף ניט באַטראַכט ווערען ווי אַ סינאָנים פאַר גראָבקייט, אומבאַרמהערציגקייט און אַז. וו.), איז אַ אידעאַל פון די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען. דאָס איז אָבער ניט געווען דער אידעאַל פון אונזערע פאָטערס. ווי אָפט האָבען זיי ציטירט האַמלעט'ס ווערטער: „די יוגענדליכע ענערגיע און ענטשלאָ־סענהייט פאַרגעהט אין קרענקליכער נאָכדענקונג".

וואָסערע פעהלערען דער הייגטיגער דור זאָל ניט האָבען, אָבער האַמלעט'ס ווערטער זיינען פאַר איהם ניט צוגעפּאַסט. דאָס, וואָס מיר באַשליסען, פיהרען מיר אויס. געהן גראַד צום ציעל אָהן מורא פאַר אויסערליכע שטערונגען און זיין גרייט זיך צו באַנוצען מיט די מיטלען, וואָס די אומשטענדען באָטען אָן, איז אַריין מאָ־דערנע טוגענד אין זינד. די זאַך, וואָס האָט לאַסאַל'ן צום ערשטען מאָל געבראַכט אויפ'ן אַנקלאַגע־באַנק, איז געווען פון דעם סאָרט, וואָס נאָר אַ פריהע ענטוויקעלטע ריקזיכטסלאָזיגקייט האָט איהם דערין געקענט פאַרפלאָנטערען. אָנרופען גנבה דעם פאַרזוך אוועק־צונעמען אַ דאָקומענט, וואָס איז נוגע געווען דער גרעפינ'ס אינ־טערעסען, וואָלט געווען לעכערליך און נאַריש. אָבער אַ מענש, וואָס איז געוואוינט זיך צו פאַרטראַכטען איבער דעם אויסוואַהל פון מיטלען, וואָלט זיך פון אַזאַ פּלאַן מיט שרעק אָפּגעטרייסעלט.

און ווען אפילו לאַסאַל האָט זיך דערביי דירעקט ניט באַטייליגט האָט ער דאָך אָבער אינדירעקט אַנטייל גענומען אין׳ם טאַט דורך דעם, וואָס ער האָט די אַנדערע צוויי באַאיינפלוסט דאָס צו טאָן. ווי גרויס זיין מאָראַלישע קראַפט איז געווען, זעהט מען פון דעם באַשולדיגונגס־אַקט, וואו עס שטעהט אויסדריקליך, אַז הגם ער איז געווען דער איננסטער צווישען די גרעפינ׳ס פּאַרטיידיגער, פונדעסטוועגען האָבען זיינע חברים אונטערטעניג איהם געהאָרכט.

זינט דעם יאָהר 1846 האָט לאַסאַל גענומען פיהרען דעם פּראָצעס פון דער גרעפין. אָנגעהויבען האָט ער דערמיט, וואָס ער האָט געגען גראַף פאַרפיהרט אַ גאַנצע מאַסע פּראָצעסען. אויב לאַסאַל איז פריהער, לויט זיין פאַך, קיין יוריסט ניט געווען, האָט ער איצט מיט אומגעוועהנליכער ענערגיע גענומען שטודירען רעכט, און ער האָט זיך ערוואָרבען אויף דעם דאָזיגען געביט גרויס וויסען. אין משך פון עטליכע חדשים איז ער שוין געווען בכח צו באַשטעהן געגען יעדען אַדוואָקאַט.

אין דער אייגענער צייט האָט ער אויך אָנגעווענדט אַנדערע מיטלען. מיט דער זיכערקייט, וועלכע האָט אין איהם אָנגעדייט דעם צוקונפטיגען אַגיטאַטאָר, ווענדט ער זיך צו דער דעמאָקראַטישער פּרעסע, און דורך איהר האָט אַ טויזענד־שטימיגע עכאָ אָפּקלונגען אין זיין שטאָדט. ער האָט איננאַנצען רואינירט דעם גראַף׳ס רעפּוטאַציע אין דער געזעלשאַפט. ווי נאָר דער לעצטער האָט אויסגעזוכט אַ מיטעל, וואָס מיט איהם האָט ער גערעכענט צו פאַרניכטען זיין ווייב, איז זיין מיטעל פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין לאַסאַל׳ס געשיקטע הענט אין אַ געוועהר געגען איהם.

אין יאַנואַר פון יאָהר 1847 האָט דער גראַף מעהר זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט דעם, וואָס ער האָט ביי איהר אוועקגענומען אַלע מיטלען אויף אויסצוהאַלטען זיך מיט די קינדער, און דארום האָט זי געמוזט פאַרקויפען איהרע ציהרונג און לעבען אויף דעם געלט. ער האָט זיך באַמיהט, דורך הונגער, זי צו צווינגען זיך אונטערצוגעבען, און ער האָט דארום געזוכט צו שאַדען איהר פערזענליכען קרעדיט. ער האָט, צום ביישפּיעל, געשריבען צום אייגענטימער פון האָטעל אין דעיץ, וואו די גרעפין האָט געוואוינט, אַז ער זאָל מעהר זי ניט האַלטען אין האָטעל, מחמת ער וועט

פאַר איהר ניט צאָהלען. האָט יענער איהם געענטפערט, אז ווען ער, אַלס אײגענטימער פון האָטעל, וויל אויסהאַלטען די ווייב און קינדער, וואָס ער, דער גראַף, צווינגט אויסצוגעהן פון הונגער, איז דאָס זיינע אַ פּערזענליכע זאַך און קיינער האָט קיין רעכט ניט זיך אַריינצומישען. לאַסאַל האָט אָבער פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיך צו באַנוצען מיט'ן גראַף'ס נאַרישקייטען. די צייטונגען אין טריר, אין מאַנהיים און אין ברעסלוי האָבען די דאָזיגע געשיכטע באַלד אויפגעכאַפּט און האָבען געפאָדערט, אַז דער עולם זאָל שטעלען דעם גראַף צום שאַנד־קלאָץ דורך דעם, וואָס מען וועט צונויפקלייבען פאַר דער גרעפין אַ פאָנד, כדי זי זאָל קענען געווינען דעם פּראָצעס געגען איהם. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מיטליידסלאָזע מלחמה אָהן אַן אויפהער אָהן אַ שטילשטאַנד, אַ מלחמה אויף לעבען און טויט, אַ מלחמה, אין וועלכער לאַסאַל האָט צוגעקראָגען אַלץ מעהר און מעהר מיטהעלפער צווישען דער פּאָלקספּאַרטיי און איהר פּרעסע. נאָר איין פריינד, וואָס אויף איהם האָט לאַסאַל אויסגערעכענט, איז איהם צו הילף ניט געקומען. דאָס איז געוועזען העגריך היינע, וועלכער האָט געשוויגען, וואַרשיינליך דערפאַר, ווייל גראַף האַצפעלד'ס געליעבטע, באַראָנעסין מייענדאָרף, וועלכע האָט פריהער אין פּאַריז געשפּיעלט די ראָלע פון אַ רוסישער שפּיאָנקע, איז געוועזען אין פריינדליכע באַציהונגען מיט דער פירסטין ליווען, גיזאָ'ס אַ געליעבטע. און ווי עס איז באַוואוסט, האָט היינע — ווי דאָס רוב עמיגראַנטען, וואָס האָבען זיך באַוועצט אין פראַנקרייך אין דער צייט פון דער יולי'ער מאָנאַרכיע — באַקומען אַ פּענסיע פון גיזאָ.

די אַרבייט אַרום די אַלע פּראָצעסען איז געוועזען אַ קאָלאָסאַלע. עס זיינען געוועזען אַזוי פיעל שטערונגען אויפ'ן וועג, אַז לאַסאַל, אַזאַ אומפאַרגלייכליכער אַרבייטער, וואָס האָט אין יאָהר 1848 גערעכענט פאַרטיג צו ווערען אין אַ פּאָר יאָהר, האָט פאַרבראַכט אויף די פּראָצעסען כמעט צעהן יאָהר פון זיין לעבען. ניט זייענדיג קיין יוריסט לויט זיין פאַך, האָט ער אויפ'ן פּראַקטישען וועג זיך ערוואָרבען אַזוי פיעל וויסען אין יוריספּרודענץ, אַז ער האָט אָנגעשריבען אַ זעהר ווערטפאָל יורידיש ווערק. אַ יוריסט, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט זיך גערעכענט אין דייטשלאַנד פאַר'ן בעסטען

אדוואָקאַט, נאָכדעם ווי ער האָט שטודירט דעם פּראָצעס, האָט פּריוואַט ערקלערט, אַז קיין פּראָפעסיאָנעלער אדוואָקאַט וואָלט בעסער ניט געקענט פיהרען דעם פּראָצעס. לאַסאַל האָט דעם דאָזיגען פּראָצעס פאַרגעבראַכט אין 36 געריכטען. נאָר אַזאַ שטאַרקער ווילען, ווי ער האָט געהאַט, האָט געקענט אויסהאַלטען אַזאַ לאַנגען, אומאויפהערליכען קאַמפּף. דערצו נאָך איז ער פאַר דער זעלביגער צייט געווען אַרעסטירט אַלס מיטשולדיגער אין דער דערמאָנטער גנבה, דערנאָך איז ער געזעסען אַ פאַר׳משפט׳ער דערפאַר, וואָס ער האָט אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק צו באַשיצען מיט וואַפען אין די הענט די קאָנסטיטוציע געגען דער מלוכה־איבערקערענים פון יאָהר 1848. אומדערשראָקען האָט לאַסאַל פאָרטגעזעצט צו פיהרען דעם פּראָצעס פון געפענגניס; נאָכדעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרען, האָט ער זיך צום פּראָצעס גענומען נאָך מיט מעהר ענערגיע, דערווייליגע האָט ער אָבער אוועקגעלייגט אין אַ זייט פילאָסאָפיע, פּאָליטיק, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אַלע זיינע שטודיען, אַלע זיינע לעבענספּלענער, ביז ער וועט באַפרייט ווערען פון דעם אומדאַנקבאַרען עסק, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען. ביז דעם יאָהר 1848 זיינען די אורטיילען פון די געריכטען פאַר איהם בכלל געווען לטובה. נאָכ׳ן יאָהר 1848, נאָך דעם נצחון פון דער רעאַקציע, איז ניט אוועק ניט איין טאָג, אַז לאַסאַל זאָל ניט פאַרלירען איינעם פון די פיעלע פּראָצעסען, וואָס ער האָט אָנגעפיהרט. עס האָט אויף איהם געהאָגעלט מיט נידערלאַגען. אָבער לאַסאַל איז באַלד געקומען צו זיך, ער האָט אין זיך געפונען נייע קרעפטען, האָט אויסגעזוכט נייע מיטלען, הגם צולעצט האָט ער זיך אַליין ניט געקענט דערקלערען, ווי אַזוי ער האָט סוף כל סוף געזיעגט. צולעצט, אין אויגוסט 1854, איז זיין געגנער, דער גראַף, מיד געוואָרען פון „נאַרישען אידישען אינגעל", און ער האָט זיך אונטערגעגעבען. לאַסאַל האָט איהם צוגעדריקט צו דער וואַנט און האָט איהם דיקטירט אַ פרידענס־אָפּמאַך אויף באַדינגונגען, וואָס זיינען פאַר׳ן גראַף געווען זעהר שענדליך און דערנידעריגענד. קיין אורטייל איז ניט געמאָלדען געוואָרען, נאָר אַן אָפּמאַך איז געשלאָסען געוואָרען, און לאַסאַל האָט געוואונען דאָס, צו וואָס ער האָט געשטרעבט, שוין אַרייג־

גערעכענט א פירסטליכען פארמעגען פאר דער גרעפין. כל זמן דער פּראָצעס איז אָנגעגאנגען, האָט ער זיך מיט דער גרעפין געטיילט די אומבאַדייטענדע סומע, וואָס ער האָט יעהרליך באַקומען פון זיינע עלטערן, ווייל די גאנצע צייט פון פּראָצעס איז זי געווען אָהן שום מיטלען. דערפאַר אָבער האָט זי זיך שריפטליך פאַרפּליכט, אין פאַל אז זי וועט דעם פּראָצעס געווינען, איהם ארויסצוצאָהלען א יעהרליך געהאַלט פון פיער טויזענד טאַלער. אויף אזא׳ן אופן האָט לאַסאַל געקענט אָהן זאָרג וועגען חיונה זיך פאַרנעמען מיט א ריין וויסענשאַפטליכער טעטיגקייט, וואָס ברענגט גאָרנישט אריין.

4.

די וויסענשאפטליכע פארשונגען וועגען הערַאקלי־טוס „דעם דונקעלען".

קודם כל האט לאסאל זיך ווידער גענומען צו זיין ארבייט וועגען הערַאקליט'ן, וואס ער האט לאנג צוריק געהאט אנגעהויבען. ווי דאס ווערק איז געדרוקטערהייד, וועט פאר דעם אויפמערקזא־מען לעזער ניט שווער זיין צו דערקענען, אז דאס איז געשריבען געוואָרען אין צוויי פארשיידענע פעריאָדען. לאסאל דער דער־וואקסענער מענש האט רעדאגירט און ארויסגעגעבען דאס, וואס לאסאל, דער בחור'ל האט ענטדעקט אין זיינע פארשונגען. ס'איז קלאָר, אז א היסטאָרישע אויפפאסונג פון זאכען האט אין פארלויף פון יאָהרען ביי איהם פארנומען דעם אָרט פון זיין פריהערדיגען שטרענג מעטאפיזישען און ריין העגעליאנישען בליק אויף זאכען. פונדעסטוועגען גיט דאס בוך א פארהעלטניסמעסיג ריכטיגע בילד פון לאסאל'ס וויסענשאפטליכען לעבען אין זיינע אינגערע יאָהרען. דאס ווערק — „די פילאזאָפיע פון הערַאקליט דעם טונקעלען" — איז א שטודיום אין העגעל'שען גייסט, א שטודיום, וואס באלאנגט צו דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע. אין לאסאל'ס כאראקטער זיינען געוועזען אייגענארטען, וואס האבען געמוזט שטארק איהם ציהען צו העגעל'ס פילאָזאָפיע, וועלכע איז געוועזען די הערשענדע אין זיינע יונגע יאָהרען, נעמליך: זיינע נאטירליכע דיאלעקטישע פעהיגקייטען און זיין דראנג צו געפינען א וועלכען איז שליסעל, וואס מיט איהם זאָל ער קענען פאר זיך עפענען דעם וועג פון יענעם פארשטענדניס און וויסען, וואס הייסט מאכט. וואס האט די העגעל'שע פילאָזאָפיע ניט צוגעזאָגט איהרע אָנהענגער? אויב לאסאל האט אין הערַאקליט'ן געפונען א באזונדערען אינטערעס, ערקלערט זיך דאס פריהער פון אלץ מיט זיין ליידענשאפטליכער

גענייגטקייט אויסצופּרובען זיינע קרעפטען אין א שווערען קאמפּף, זיך צו שטעלען אנטקעגען גרויסע שטערונגען, וואָס יעדען אנדערען וואָלט עס אָפּגעשראָקען. זינט דעם גרויען אַלטערטום האָט העַ־ראקליט געהאט א ביינאָמען — „דער טונקעלער". פון זיינע שריפטען זיינען נאָר פארבליבען עטליכע צושפּרייטע פראגמענטען, און כדי זיי צו פארשטעהן און פארפאַלקאָמען, איז נויטיג געווען צו וויסען גרינדליך די גאַנצע קלאַסישע ליטעראטור. דאָן האָט דער ענטוזיאסטישער העגעליאנער קענטיג געהאט א באזונדערען חשק צו שילדערן א דענקער, וואָס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַלס פאָרלויפער פון העגעל'ן גופא און וועלכער איז געבליבען אומפארשטאַנען נאָר צוליעב זיין גייסטיגער פארוואנדשאפט מיט'ן מאָדערנעם דענקער. און צולעצט האָט דער יונגער שטורמדיגער אפּאָסטאָל פון דער געגענווארט זיך געפיהלט צוגעצויגען צו א ריזינע פיגור פון אַלטערטום, וואָס א סך פון זיינע כאראקטעריס־טישע שטריכען זיינען עהנליך געווען צו די אייגענשאַפטען און נייגונגען, וואָס לאסאַל האָט געשפּירט אין זיך. זאָגט מען דאָך וועגען העראקליט'ן, „אז ער זאָל האָבען ארויסגעטריבען יעדען שטילשטאַנד און יעדע רוהיגקייט פון דער וועלט, וועלכע איז פאר איהם געווען נאָר אבסאָלוטע באוועגונג". מיט וואָסער צופרי־דענהייט לאסאַל רופט אויס אין איין אָרט: „מען זעהט, אז העראקליט איז געווען וויט פון יענער גלייכגילטיגקייט, וואָס מאכט אזוי לאַנגווייליג די עטיש־פּאָליטישע ארגומענטען פון די שפּעטערדיגע סטאָיקער. שטורם איז געווען אין דער דאָזיגער נאַטור!"

כמעט אין לאסאַל'ס אַלע ווערק געפינען מיר א פּראָטעסט געגען דעם, וואָס מען וויל באטראכטען יעדע באזונדערע וויסענ־שאפט אָדער יעדען איינצעל־צווייג פון וויסען אין גייסטלאָזער אָפּגעזונדערטקייט, און אין דעם דאָזיגען פּרט ווייזט זיך ארויס זיין מיטגעבאָרענע פעהיגקייט אויפצוכאַפּען דאָס גאַנצע, דאָס אַלגעמיינע און דאָס גרויסע. און דאָס דאָזיגע ווערק הויבט זיך אָן מיט דער באהויפּטונג, אז איצט, בעת מ'האָט אויפגעהערט צו באטראכטען די געשיכטע אַלס זאמלונג פון איינצעל־ערשיינונגען און פאסירונגען, ווען דער געדאַנק גופא ווערט באטראכט אַלס

היסטאָרישער פּראָדוקט, און די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע — אלס שילדערונגען פון א אונאויפהערליכער זעלבסט־ענטוויקלונג פון געדאַנק, וועט מוזען קומען די צייט, ווען די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע וועט פונקט אזוי ווייניג אויפגעפאסט ווערען און דארגעשטעלט ווערען אלס אַפּגעזונדערטער, זעלבסטשטענדיגער צווייג פון וויסען, ווי די געשיכטע פון רעליגיאָן, קונסט, פון מלוכה אָדער סאָציאַלע פאָרמען פון לעבען. אָבער פון דעם געוויכט, וואָס ווערט דאָ געלעגט אויף א היסטאָרי־שער ענטוויקלונג, דאַרף מען ניט דרינגען, אז לאסאל׳ס שטאַנדפונקט אין דעם דאָזיגען ווערק איז ווייניגער העגעליאַניש און מעהר מאָדערן, ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט. די הקדמה, וואו דער דאָזיגער היסטאָרישער שטאַנדפונקט ווערט אזוי באַטאָנט, באַלאַנגט אָהן ספק צו איינעם פון די טיילען פון׳ם בוך, וואָס זיינען גאָר צום סוף פאַרפאַסט געוואָרען. בכלל איז דער שטאַנדפונקט א ריין ספּעקולאַטיווער, א מעטאַפיזישער. אויב אפילו דער ווי־מענשאפטליכער געדאַנק ווערט דאָ באַצייכענט אלס היסטאָרישער פּראָדוקט, ווערען אָבער באַטאָנט די פאָרמען, אין וועלכע דער געדאַנק ווערט באַגריפען, פאַר אייביגע מעטאַפיזישע וועזענס, וואָס שאַפען די געשיכטע מיט זייער זעלבסטבאַוועגונג און מיט זייער ענדערונג. די פילאָזאָפען ווערען היסטאָריש ניט איינגע־אָרדענט לויט דעם סכום פון זייער אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג, נאָר לויט דעם פּלאַץ, וואָס די קאַטעגאָריע, דער באַגריף, וואָס דער אָדער יענער פילאָזאָף רעפּרעזענטירט, פאַרנעמט אין דער סיס־טעמע. העראקליט ענטשפּרעכט „דעם ווערען״, פאַרמענידעס — „דעם זיין״; דערפון ווייסען מיר שוין פאָראויס, אז פאַרמענידעס, ווי הויך ער שטעהט ניט אלס גייסט איבער הערקליט׳ן, ווערט ער געשטעלט פאַר איהם און נידעריגער פון איהם.

דערפון דאַרף מען אויף קיין אופן ניט דרינגען, אז איך וויל זאָגען, אז לאסאל האָט ניט פאַרשטאַנען הערקליט׳ן. פאַרקערט. גראָד די העגעליאַניש־מעטאַפיזישע מעטאָדע האָט אם בעסטען געפּאסט אין א פאַל, ווען מ׳האָט געדאַרפט פאַרשטעהן א דענקער, וואָס זיין שטאַרקייט און אָריגינאַליטעט איז באַשטאַנען אין א הויך ענטוויקעלטער דיאַלעקטיק. אין דעם דאָזיגען פונקט וויל איך

זיך ניט פאַרלאָזען אויף זיין אייגענעם אורטייל. איך וויל דאָ דערום ברענגען אַ מיינונג פון אַ מענשען, וואָס איז אויף אַט דעם געביט אַן אויטאָריטעט — פּראָפעסאָר פון פילאָלאָגיע אין דער בערלינער אוניווערסיטעט, שטיינטהאַל. ווען איך האָב איהם געפרעגט אויף ווי ווייט לאַסאַל האָט, לויט זיין אַנזיכט, פאַר־שטאַנען הערקליט׳ן, האָט ער מיר געגעבען אַזאַ כאַראַקטעריסטי־שען ענטפער: „געוויס האָט ער איהם פאַרשטאַנען. אַ גע־וועהנליכער פילאָזאָף וואָלט קיינמאָל הערקליט׳ן ניט פאַרשטאַנען און דאַרף איהם גאָרניט פאַרשטעהן. מען קען אָבער ניט לייקענען, אַז לאַסאַל האָט איהם פאַרשטאַנען, און אַז לאַסאַל׳ס בוך איז אַ אויסגעצייכענטע מיכטיגע ארבייט".

אין דער אויפפאַסונג און דאַרלייגונג פון הערקליט׳ס מע־טאַפיזיק שפירט מען די האַנט פון דעם פאַלשטענדיגען העגעליאַ־נער: די איינהייט פון די גרויסע געגענזאַצען, דאָס זיין און דאָס ניט־זיין, דער באַגריף פון „ווערען", וואָס בילדעט דעם איבערגאַנג פון דעם ניט־זיין צום זיין, איז דאָס געטליכע געזעץ. די נאַטור אַליין איז נאָר די פאַרקערפּערטע באַקאַנטמאַכונג פון דעם דאָזיגען געזעץ, וואָס בילדעט איהר אינערליכע נשמה, די באַקאַנטמאַכונג, אַז די סתירות זיינען האַרמאָניש פאַראייניגט. דער טאָג איז נאָר די באַוועגונג צו ווערען נאַכט, די נאַכט איז נאָר די באַוועגונג צו ווערען טאָג, דער זונענאויפגאַנג איז נאָר אַן אומאויפהערליכער זונענאונטערגאַנג און אַז. וו. דער וועלט־אַל איז נאָר די זיכטבאַרע פאַרווירקליכונג פון דער דאָזיגער האַרמאָניע פון קאָנטראַסטען, וואָס דרינגט דורך אַלעס, וואָס עקזיסטירט און רעגירט מיט אַלעס, וואָס עקזיסטירט. דאָס איז אַזוי אין העגעל׳שען גייסט, אַז הייבערג אַליין וואָלט בעסער זיך ניט געקענט אויסדריקען אָדער בעסער אַנווענדען די טערמינאָלאָגיע פון יענער פילאָזאָפישער שיטה אויף צו דערקלערען, ווי אַזוי הערקליט׳ס לעהרע שטאַמט אָפּ פון דער עלאַטישער שוהלע. אין זיין ווערק וועגען הערקליט׳ן זאָגט לאַסאַל:

„פאָלגליך, אַז דאָס ריינע אוניווערזאַלע זיין איז לויט׳ן עצם אַ פאַרניכטונג אָדער אַ פאַרלייקענונג פון יעדען רעאַלען זיין, וואָס מען קען אויפנעהמען מיט די חושים, אָדער אַ ריינעס ניט־זיין. ווארים דאָס

רעאַלע זיין איז נאָר א דעפיניטיווע און קוואַליטאַטיווע זיין. די פאַרענטפערונג פון דער דאָזיגער סתירה, דאָס עקזיסטירענדע ניט־זיין, איז דער קערנדעל פון העראַקליט'ס פילאָזאָפיע און באַשטימט מיט זיך איהר גאַנצע טיעפקייט (סיק)! דערוויל קאָן מען זאָגען, אז די דאָזיגע פילאָזאָפיע באַשטעהט אין דעם איינציגען זאַץ: נאָר דאָס ניט עקזיסטירענדע עקזיסטירט."

ווען הייבערג, וואָס איז געווען א שטאַאטס־ראַט בעת ער איז געשטאָרבען, וואָלט אויף יענער וועלט ביי זיך געקענט פועל'ן איינצושטימען מיט אזא מוטוויליגען רעוואָלוציאָנער, ווי לאַסאַל, וואָלט ער דורך די וואָלקענס לאַסאַל'ן דערלאַנגט די האַנט און איהם באַדאַנקט פאַר אזא אויסטייטשונג. ווייטער דערקלערט לאַסאַל גאַנץ פינקטליך, ווי אזוי איז דאָס פאָרגעקומען, וואָס העראַקליט, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס דער גרונד־פרינציפּ פון זיין לעהרע איז אזא אבסטראַקטער, העכער פון אונזערע חושים, רופט ער אָן פון דעסטוועגען זיינע גרונד־באַגריפען מיט נעמען, וואָס זיינען גענומען פון דער מאַטעריעלער וועלט.

אויב די מעטאָדע, וואָס לאַסאַל ווענדט אָן ביי זיין היסטאָריש־פילאָזאָפישער פאָרשונג איז ריין העגעליאַניש, ווערט אָבער פון דער אַנדערער זייט אויך גאַנץ דייטליך, אז דער הויפּט אינטערעס אין דעם געגענשטאַנד פון זיין פאָרשונג איז פאַר איהם געלעגען דאַרין, וואָס אין העראַקליט'ן האָט ער געזעהען די פאָרגעשטאַלט פון זיין גרויסען לעהרער. ווען העגעל וואָלט געבאָרען געוואָרען צום סוף פון'ם זעקסטען יאָהרהונדערט פאַר אונזער צייט־רעכענונג אין אַזיאַטישען גריכענלאַנד, וואָלט ער געוואָרען העראַקליט. וועגען העראַקליט'ן האָט מען שוין אין אַלטערטום באַמערקט, אז ער, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט די קאָנטראַסטען אַלס אור־פרינציפּ פון דער וועלט, איז אַליין ניט געווען איינפאַרשטאַנען מיט דער גרונדלאַגע פון קאָנטראַסט, פון ווידערשפּרוך. העראַקליט, אין אַן אויסדרוק, וואָס דערמאַנט שפּינאָזאַ'ס פאַנטהעאיזמוס, האָט ערקלערט, אז פאַר גאָט איז אַלעס געווען שעהן און גערעכט, אָבער די מענשען האָבען אָנגענומען איין זאַך פאַר אומגערעכט און די אַנדערע זאַך פאַר גערעכט. און אויך ביי העראַקליט'ן געפינען מיר די פילאָזאָפישע ניינונג, וואָס אין דער בליהונגס צייט פון דעם העגעליאַניזם איז געווען אזוי הערשענד,

געמליך, צו זאָגען ביי יעדער געלעגענהייט אומאַנגענעמע אמת'ן, וואָס דעם מענשען'ס געזונטער פאַרשטאַנד האָט זיי ניט געקענט אָננעמען. לאַסאַל אליין באמערקט: די מאָדערנע פילאָזאָפיע האָט כסדר אונטערגעשטריכען דעם פאַקט, אז גראָד דאָס באַקאַנטסטע און אַלטעגליכסטע, וואָס איטליכער מיינט, אז ער ווייס פון זיך אליין, זיינען דאָס פונקט יענע זאַכען, וואָס וועגען זיי ווייס מען אַמווייניגסטען און וואָס דער שכל קען זיי ניט באַנעמען. אין אמת'ן אָבער, איז הערַאקליט געווען דער ערשטער באַקאַנט צו מאַכען אַן אמת ספעקולאַטיווע אידעע און פאַלגליך אויך דער ערשטער, וואָס האָט געמאַכט דיזעלביגע באַהויפּטונג וועגען דער אוממעכטיגקייט פון דעם ניט־ספּעקולאַטיווען דענקען און פון דעם סוביעקטיווען פאַרשטאַנד.

„הערַאקליט'ס עטיק" — זאָגט לאַסאַל — „קאָנצענטרירט זיך אין איין אידעע, וואָס זי אליין איז אין דער זעלביגער צייט דער אייביגער גרונד־באַגריף פון דער מאָראַל: אין דער איבערגעבענהייט צו די אוניווערסאַלע אינטערעסען."

די דאָזיגע חקירה צייכענט זיך אויס אי מיט'ן גריכישען אי מיט'ן מאָדערנעם גייסט; לאַסאַל קען זיך אָבער ניט אָפּזאָגען אין דעם פאַרגעניגען ביי דעם אויספיהר פון דעם דאָזיגען געדאַנק אָנצוּואַווייזען, ווי אָט דער געדאַנק פון די אַלטע גריכישע פילאָזאָפען שטימט מיט העגעל'ס שטאַאַטספּילאָזאָפיע.

לאַסאַל זאָגט:

„גלייך צו דעם, ווי אין דער העגעל'שער פילאָזאָפיע ווערען די געזעצען אויפגעפאַסט ווי א פאַרווירקליכונג פון דעם אוניווערסאַלען ממשות'דיגען ווילען, הגם ביי אזא באַשטימונג ווערט גאַנץ ווייניג גענומען אין באַטראַכט דער פאַרמעלער ווילען פון סוביעקט אדער פון מעהרערע סוביעקטען, אזוי איז אויך דאָס אוניווערסאַלע ביי הערַאקליט'ן זעהר דערוייטערט פון דעם ערפאַהרונגס באַגריף וועגען דעם גאַנצען וועלט־אַל."

אָבער דאָ האַנדעלט זיך ניט נאָר וועגען דער אַנאַלאָגיע מיט העגעל'ן, נאָר אויך וועגען דעם, וואָס הערַאקליט'ס באַגריף איז אין איינקלאַנג מיט לאַסאַל'ס האַרציגסטע פּאָליטישע איבערצייגונגען. פון זיין פריהסטער יוגענד אָן האָט ער געזעהן אין דער אידעע וועגען שטאַאַט די פאַרווירקליכונג פון מאָראַל, רעכט און

פאַרשטאַנד. די באַגייסטערונג פאַר דער דאָזיגער אידעע, דער גלויבען אין דער מיסיאָן פון שטאַאַט צו זיין ניט נאָר אַ באַשיצענדע מאַכט, נאָר אויך אַ פאַקטאָר פון רעכט און קולטור, געהט דורך אַלע זיינע שריפטען. די דאָזיגע אידעע ווייזט זיך אַרויס אין זיינע וויסענשאַפטליכע אַרבייטען, ווי מיר האָבען עס געזעהען פון דער ציטאַטע וועגען הערַאקליט׳ן, און נאָך שטאַרקער, הגם נאָר שטעלענווייז אויפבליצענד, ווייזט זי זיך אַרויס אין זיין גרויסען יורידישען ווערק („סיסטעם דער ערוואָרבענען רעכטע״, 603, 11, 47, 1) ; צולעצט ווערט זי פּראָקלאַמירט אין זיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַגיטאַציאָנס־בראָשורען, וואו ער פאַלט ליידענשאַפטליך אָן אויף דער טעאָריע פון דער מאַנטשעסטער שוהלע און וואו ער ווייזט אַרויס יענע איבערצייגונגס קראַפט, וואָס האָט איהם געמאַכט אַזוי פּאָפּולער און אַזוי פורכטבאַר אַלס רעדנער און שריפטשטעלער.

דער קאָנטראַסט צווישען הערַאקליט׳ן און לאַסאַל׳ן אין דעם דאָזיגען פּונקט איז נאָר דער: פון הערַאקליט׳ס שטאַאַטס־טעאָריע קען מען גוט באַגרייפען, ווי אַזוי ער, טראָץ זיין רעספּעקט פאַר דאָס אוניווערסאַלע, האָט געמוזט אַרויסטרעטען אין דער שאַרפסטער אָפּאָזיציע צו דער הערשאַפט פון די מאַסען אין זיין שטאָדט עפעזוֹאָס ; ס׳איז אָבער אַ סך שווערער צו פאַרשטעהן ווי אַזוי לאַסאַל האָט געקענט קומען פון זיין עהנליכען מיט הער־ראַקליט׳ס און העגעל׳שען גרונד־באַגריף וועגען שטאַאַט, צו פּראַק־טישע שליסע, וואָס שטאַמען גיכער פון רוסאָ, ווי פון העגעל׳ן. אָבער אין דער דאָזיגער אינטערעסאַנטער פּערזענליכקייט האָט זיך באַמערקט אַ אינערליכע צושפּאַלטענקייט, וואָס מען באַגעגענט אָפט ביי גייסטיג אויסגעצייכענטע מענשען. לויט זיין אינסטינקט און לויט דער קראַפט פון זיינע יוגענדליכע באַגריפען איז לאַסאַל געוועזען אַ פאַרגעטערער פון דער אינטעליגענץ, פון דעם פאַרנונפט, און אַ ליידענשאַפטליכער געגענער און פאַראַכטער פון דער עפענט־ליכער מיינונג און פון דער מערהייט. דאַגעגען, לויט זיין איבער־צייגונג און לויט דער קראַפט פון זיינע פּאָליטישע און פּראַקטישע פּרינציפּען איז לאַסאַל געוועזען, ווי באַוואוסט, אַ אויסגעפּרעגטער דעמאָקראַט, אַ זיגרייכער און אויסגעהאַלטענער פּאַרטיידיגער פון

אַלגעמיינעם שטימרעכט, אַ פאַרקעמפּפער פאַר אַזאַ פאָרם פון מאַסענהערשאַפט, וואָס די געשיכטע האָט נאָך ניט געזעהן. אַ גייסטיגער אַריסטאָקראַט און סאָציאַל־דעמאָקראַט! דאָס מענש־ליכע האַרץ קאָן אומפאַסען נאָך גרעסערע קאָנטראַסטען, ווי די דאָזיגע, אָבער מען קען זיי ניט טראָגען אין דער נשמה אומבאַ־שטראָפט. וואָס איך באַריהר דאָ, איז דער קאָנטראַסט אין דער וועלט פון געדאַנקען, וואָס איז פונקט יענער קאָנטראַסט, וואָס האָט ריין אויסערליך זיך אַרויסגעוויזען, ווען לאַסאַל, אין אַ עלע־גאַנטען קאָסטום, אין פיינע וועש און אין לאַקירטע שיך, האָט געהאַלטען אַ רעדע אין אַ קרייז פון פאַבריק אַרבייטער, שוואַרצע פון רויך מיט פאַרהאַרטעוועטע הענט.

נאָר אויב אין דעם דאָזיגען פּרט איז אויך געווען אַ געוויסער קאָנטראַסט צווישען לאַסאַל'ן און דעם גריכישען דענקער, וואָס ער האָט באַוואונדערט, פיהלט מען אָבער באַלד אויך די עהנליכ־קייט צווישען זיי, ווען מען לייענט די באַשרייבונג פון העראַקליט'ס פערזענליכקייט מיט זיין אומגלויבליכען זעלבסטגעפיהל און מיט זיין פאַראַכטונג צו מענשען. וואָסער פאַרשטעלונג וועגען דעם אייגענעם ווערט האָט געדאַרפט האָבען אַ מענש, וואָס האָט, אַזוי ווי הערַאקליט, מעהר ווי איין מאָל געזאָגט, „אַז דאָס רוב מענשען האָבען קיין שכל ניט, נאָר ער אַליין האָט שכל, און אַז אַלע אַנדערע האַנדלען ווי אין שלאָף”. אָדער בעת ער האָט גערעדט וועגען זיינע מיטבירגער ניט נאָר בכלל, אַז זיי פאַרדינען מען זאָל זיי הענגען, מחמת די מאַסען עסען ווי בהמות, נאָר אפילו ביי אַ באַשטימטען איינצעלנעם פאַל, בעת מ'האָט אַרויסגעטריבען זיין פריינד הערמאָדאָראָס, האָט ער באַמערקט:

„די עפהעזיער, ווי נאָר זיי ווערען דערוואַקסען, דאַרף מען זיי אַלעמען דערווערגען, און די ניט־מינדיגע אַרויסטרייבען פון שטאָדט דערפאַר, וואָס זיי האָבען אַרויסגעטריבען הערמאָדאָראָס'ן, דעם אויס־געצייכענטסטען צווישען זיי, אויפ'ן גרונד פון דער פאָלגענדער חקירה: ביי אונז דאַרף קיין אויסגעצייכענטער ניט זיין און ווען אַזעלכער איז יאָ דאָ, זאָל ער זיין ערגיץ אַנדערשוואו און ביי אַנדערע.”

די דאָזיגע ווערטער זיינען אָהן ספק אָפטמאָל געקומען לאַ־סאַל'ן אויפ'ן זינען אין די לעצטע יאָהרען פאַר זיין טויט, בעת ער איז אומעטום פאַרלוימדעט און געהאַסט געוואָרען, בעת איהם

איז פֿאַרגעשטאַנען יאָהרענלאַנג צו זיצען אין געפֿענגנים, פֿאַרפֿאָלגט פֿון מאַגיסטראַט בעאַמטע און פֿון דער פּרעסע, בעת ער האָט באַגעגענט גלייכגילטיגקייט ביים גרעסטען טייל פֿון יענע, וואָס ער האָט געוואָלט העלפֿען און וואָס ער האָט פֿאַר זיי מקריב געווען זיין רוה. איך גלויב ניט צו מ׳קען ערגיץ־וואו געפֿינען אַ בעסערען פֿאַרגלייך צו העראַקליט׳ס פֿאַרצווייפֿלונגספֿולע און זעלבסטבאַוואוסטע אויסדריקען, וואָס דערמאָנען אונז די ביטערקייט און מענשענפֿאַראַכטונג פֿון טימאָן פֿון עטהענס, ווי לאַסאַל׳ס גלענצענד געשריבענע „מעלאַנכאָלישע מעדיטאַציאָן", וואָס שליסט זיין שריפֿט „קאַפּיטאַל און אַרבייט".

„און די דאָזיגע אַבסאָלוטע טעמפּקייט פֿון דער בורזשואַזיע אין דעם לאַנד פֿון לעסינג און קאַנט, שילער און געטהע, פֿיכטע, שעלינג און העגעל! האָבען ווירקליך די דאָזיגע גייסטיגע העלדען נאָר ווי אַ חברותא זשוראַוולעס דורכגעשוועבט איבער אונזערע קעפּ? איז דען פֿון דער גראַנדיעזער גייסטיגער אַרבייט, פֿון דער אינערליכער וועלט־ענדערונג, וואָס זיי האָבען געבראַכט דערצו, גאָרנישט, אַבסאָלוט גאָרנישט איבערגעגאַנגען צו דער נאַציאָן? באַשטעהט דען דער דייטשער גייסט ווירקליך נאָר פֿון אַ רייהע איינזאַמע אינדיווידועןן, וואָס איטליכער פֿון זיי נעהמט טריי איבער דעם חלק ירושה פֿון זיינע פֿאָרגענגער און זעצט פֿאָרט זיין איינזאַמע, פֿאַר דער נאַציאָן פֿרוכטלאָזע אַרבייט, אין ביטערער פֿאַראַכטונג פֿון די אָרומיגע? וואָסער קללה האָט ניט דערלאָזט די בורזשואַזיע צו ירשה׳נען פֿון די געוואַלטיגע קולטור־אַרבייטען, וואָס זיינען געטאָן געוואָרען אין איהר סביבה, אַז פֿון דער דאָזיגער גאַנצער בילדונגס־אַטמאָספֿערע איז קיין איינציגער טראָפּען באַפֿרוכטענדער טוי נישט געפֿאַלען אויף איהר מאַרך, וואָס ווערט אַלץ מעהר פֿאַרטריקענט? דער בירגער פֿייערט דעם אַנדענק פֿון אונזערע דענקער — ווייל ער האָט זייערע ווערק קיינמאָל ניט געלייענט. ער וואָלט זיי פֿאַרברענט ווען ער וואָלט זיי געלייענט. ער רוישט וועגען אונזערע דיכטער, ווייל ער קאָן ציטירען פֿון זיי עטליכע פֿערזען אָדער ער האָט געזעהן און געלעזען די אָדער יענע פּיעסע פֿאַרפּאַסט פֿון זיי, אָבער אין זייערע וועלטאַנשויאונגען האָט ער זיך קיינמאָל ניט אַריינגעטראַכט."

ס׳איז דאָ נאָך אַן אַלגעמיינע אייגענאַרט ביי הערַאקליט׳ן און לאַסאַל׳ן, וואָס איז די לעצטע צווישען זיי, נעמליך: דער ליידענשאַפֿטליכער דראַנג נאָך רוהם, צו זיין באַריהמט און באַוואונדערט ביי אַנדערע, טראָץ זייער זעלבסטגעפֿיהל און גאוה. הערַאקליט האָט עס אַרויסגעזאָגט די אָפֿט ציטירטע ווערטער:

„די גרעסערע שיקזאַלען באַקומען דעם גרעסערען גורל". און אין אַנאַנדער שטעל האָט ער נאָך קלאָרער געמאַכט דעם דאָזיגען זאַץ, בעת ער זאָגט: „דער המון און יענע, וואָס האַלטען זיך פאַר קלוגע, פאָלגען נאָך די פּאָעטען פון פאָלק און ריכטען זיך נאָך די געזעצען, ניט ווייסענדיג, אז דער המון איז שלעכט, אז ווייניג זיינען נאָר גוט, און די בעסטע קלייבען אויס איינס אַנשטאָט אַלעם — די אומאונטערבראָכענע באַריהמטקייט פון שטערבליכע". באַריהמטקייט איז פאַר הערַאקליט'ן געווען יענע גרעסטע באַלוינונג, וואָס דער גרעסערער שיקזאַל (דער גרעסערער מענש) קען באַקומען. זיין ליעבע צו באַריהמטקייט איז ביי איהם געווען ניט נאָר אַ אינסטינקטיווע, וואָס ליגט אין בלוט, נאָר אויך אַ באַגרינדעטע אויף פילאָזאָפישע חקירות און באַווייזען. „באַריהמטקייט", — זאָגט לאַסאַל, — איז אין דער ווירקליכקייט אַ געגענזאַץ צו אַלץ, וואָס עקזיסטירט, אַ געגענזאַץ צום אומיטעלבאַרען רעאַלען עקזיסטענץ און צו זיינע איינצעל צילען. דאָס איז — דאָס זיין פון מענשען אין זיין ניט־זיין, אַ פאָרטזעצונג פון לעבען נאָכדעם ווי דער גוף הערט אויף צו עקזיסטירען, און איז דערפאַר אַ דערגרייכטע און ווירקליך געוואָרענע אומענדליכקייט פון דעם מענשען". און ער איז דערצו מוסיף מיט באַגייסטערונג: „אָט דאָס איז דער גרונד, פאַר וואָס דער רוהם האָט אַזוי מעכטיג דערגריפען די נשמות פון גרויסע מענשען און האָט זיי אויפגעהויבען איבער די קליינע און באַגרענצטע צילען. דערפאַר זינגט פּלאַטען וועגען רוהם, „אַז ער קומט נאָר האַנט אין האַנט מיט'ן מלאך המות, וואָס עקזאַמענירט דעם מענשען"; דאָס איז אויך דער גרונד, פאַרוואָס הערַאקליט זעהט אין רוהם, אין באַריהמטקייט, די עטישע פאַרווירקליכונג פון זיין ספּעקולאַטיווען פּרינציפּ".

מען אָזאַ אָפּשאַצונג פון עהרע און רוהם שטימען מיט הערַאקליט'ס מעטאַפיזישער סיסטעמע, דאָך קען מען ניט געפינען אַ שטאַרקען לאָגישען ווידערשפּרוך און וועלען פאַראייניגען דעם וואונש ארויסצורופען באַוואונדערונג ביי אַנדערע מיט דער טיפער פאַראַכטונג צום אורטייל פון אָט די אַנדערע. אָבער מען דאַרף גאָרניט פיעל קענען די וועלט, אום צו ווייסען, אַז דאָס, וואָס לאָגיש לאָזט זיך ניט פאַראייניגען, קען פרידליך עקזיסטירען

אין דער מענשליכער נשמה. אויך ביי לאַסאַל'ן זעהען מיר, אז די גאוה, וואָס איז ביי איהם קיינמאָל ניט געמינערט געוואָרען, וואָס האָט קיינמאָל איהם ניט געלאָזט זיך בויגען, האָט זיך ביי איהם ענג געפּאָרט מיט א געוואַלטיגען באַגעהר צו קריגען קאָמפּ־לימענטען, צו הערען ווי מען ריהמט איהם און צוזאַמענגעמען די שמייכעלהאַפטע אויסדריקען, וואָס ער האָט וועגען זיך געהערט. איך וואָלט געוואָלט, אַז מיינע ווערטער זאָלען ניט פאַלש פאַר־שטאַנען ווערען. קיין זאַך איז ניט נאַטירליכער, קיין זאַך איז ניט מענשליכער, ווי זיך צו פרעהען, בעת מען הערט וועגען זיך א גוטע מיינונג פון די בעסטע מענשען. א מענש, וואָס איז דערצו גלייכגילטיג, וועט ניט לייכט ווערען א שריפטשטעלער, וועט ניט לייכט קענען ארויסטרעטען אין אַן אַנדער ריכטונג. מ'קען וויי־טער געהן און זאָגען: פאַר א שריפטשטעלער און פאַר אַן אָראַ־טאָר איז א געוויסע מאָס אנערקענונג גראָד א נויטווענדיגקייט, איז די באַדינגונג, אָהן וועלכער ער, אַלס אַזעלכער, קען ניט אָטעמען. אָבער ווען דער שטראָם איז געגען איהם, אָדער ער אליין געהט געגען שטראָם, ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט לאַ־סאַל'ן, — קען ער זיך באַנוגענען מיט פּריוואַט־אויסדרוקען פון אנערקענונג און דאַרף מיט ווידערווילען און אין גאַנץ זעלטענע פאַלען זיי אָנגעבען אַלס באַווייז, אז מען אנערקענט איהם. אָבער לאַסאַל האָט קיינמאָל ניט געקענט ביישטעהן פאַר אַזא נסיון, אַזוי וויט האָט זיין שטאָלץ ניט דערגרייכט. ער באַרופט זיך אויף פּריוואַט־אַנערקענונגען ניט אין פּאַסיגען פּלאַץ און מיט ווייניג טאַקט. דאָס איז ביי איהם מעהר ווי אַן אָראַטאָרישער אָנשטעל, דאָס איז ביי איהם א נאַטירליכע זאַך. איך מיין ניט אָנצודייטען אויף דעם, וואָס ער האָט פון צייט צו צייט מיט אַזא אַפּלאָמב און זעלבסטגעפיהל אויסגעדריקט דאָס, וואָס איז געווען לויטער אמת, אָדער בעת ער האָט געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין דילעטאַנט, נאָר א באַדייטענדער, אָנגעזעהענער געלערטער, וואָס האָט געשאַ־פען ווערק, וואָס וועלען לאַנג פאַרבלייבען, און איין הויפּט ווערק, וואָס איז עפּאָכעמאַכענד. דאָס האָט ער מיט באַגרינדעטען רעכט געקענט זאָגען און געדאַרפט זאָגען, בעת פון אַלע זייטען האָבען זיך אויף איהם געשאָטען ליגענס און פאַרלוימדונג. איך מיין פיעל מעהר זיין אומגליקליכע לוסט צום גערויש און צו די קליינ־

געריי פון דער עהרע, צו איהרע פויקען און טראמפייטען, וואס ער האט געפאדערט און ערווארט אפילו ביי אומבאדייטענדע געלעגענ־הייטען. אט, צום ביישפיעל, האט ער זיך באריהמט פאר אר־בייטער דערמיט, וואס ער האט אין א ליטעראַרישער סאטירע אנגעגריפען דעם מיטעלמעסיגען ליטעראטור־היסטאריקער יוליאן שמידט, — „ביי דעם רוישענדען בייפאל פון די גרעסטע געלערטע און דענקער אין דייטשלאנד, וואס דאנקען מיר דערפאר מינדליך און אין בריף".*) די ארויסגעבונג פון אט דעם דערמאנטען זעהר וויציגען און איבערמוטיגען, אבער דורכאוים פארמלאזען פאמפלעט ווערט ביי איהם פארוואנדעלט אין א גייסטיגע גרויסע טאט. און ווי טיף דער דאזיגער כאראקטער־שטריך איז אין איהם זעהט מען ערשט גוט, ווען מיר בעאבאכטען ווי אזוי אט דער שטריך קומט ארויס אין לאסאל'ס פרייער דיכטונג, ביי זיין ליבלינגסהעלד אולריך פאן הוטען, אין זיין דראמע „פראנץ פאן זיקינגען". מיט א פאטהאס, וואס קומט ארויס פון דער טיפקייט פון לאסאל'ס נשמה, שילדערט אולריך, וואס ער האט געפיהלט, בעת „די פינ־סטערע טיראניי פון גלויבען" האט אין דייטשלאנד ווידער אויפ־געהויבען דעם קאפ, בעת די פעסטגעשלאסענע רייהען פון דער פאר־טיידיגער פון פינסטערקייט האבען רעוואלטירט נעגען דער ניי־ערוואכטער וויסענשאפט, און קעלן, „דער דייטשער צענטער פון דעם נידעריגען קלעריקאליזם", האט פראקלאמירט רייכלינען פאר אן אפיקורוס און זיינע שריפטען פאר אפיקורסות'דיגע. ביז אט דעם ארט איז אלעס גוט, אפילו דער פאטעטישער כאראקטער פון דער שילדערונג איז אם פלאץ; נאר צולעצט — דער אומגליק־ליכער דראנג ארויסצורופען אפלאדיסמענטען:

און איצט ווייס איך שוין צו וואס איך בין געבארען,
און פאר וואס איך בין אזוי פארהארטעוועט.
איך בין אין שמעלצטיגעל פון גרויסע נסיונות געוועז.
מיין בלוט האט מיט פייער אין מיר געווילדעוועט,
און וואהנזיניג, עפעס מיט א וואהלוסט
האב איך אין גרויסען קאמף זיך ארייגעווארפען,

---

*) לאסאל, די פעסטע, די פרעסע און דער פראנקפורטער אבגע־ארדנעטענטאג.

ווי א וועל, וואָס רייסט זיך וואהנזיניג אין ים.
דונערן פון צאָרן און ענטריסטונג
זייגען אויף די שונאים׳ס קעפּ געפאלען,
און זיי פארוואונדעט האָב איך מיט׳ן גיפט פון מיין סאַטירע.
און ווען אלע האָבען הארציג אפּלאָדירט
און גאַנץ אייראפא האָט הויך אזוי געלאכט,
האָב איך אין מיינע פאַראָדיען אומערביטליך
צום שאַנד־קלאָץ די נישטיגע געשטעלט.
נאָר דערוועקט האָב איך מיט דעם
א גאַנצע וועלט מיט האס,
און אין א פויסט־קאמף מיט דיזער וועלט
ראנגעל איך זיך ברוסט־צו־ברוסט
אויף לעבען און אויף טויט.

איצט, נאָך דעם דאָזיגען אנאליז, וועט זיך דער לעזער אפשר וועניגער וואונדערען, ווי אויפ׳ן ערשטען בליק, פארוואָס לאַסאַל האָט פארבראכט אזא באדייטענדען טייל פון זיין יוגענד אויף צו פאָרשען א דענקער, וואָס איז אזוי ווייט פון אונז לויט דער צייט און קולטור. דער לעזער האָט באמערקט, אז דער דאָזיגער דענקער, ניט נאָר לויט זיינע לאָגישע פעהיגקייטען און דיאלעקטישער מעטאָדע, נאָר אויך לויט זיין לעהרע, וואָס שטעלט אזוי הויך דעם שטאאט און פאָדערט זעלבסט־אויפאָפּפערונגען לטובה פון דעם כלל, און לויט זיינע פערזענליכע אייגענשאפטען, טוגענדען און פעהלערן, איז ער אין א איבעראשענדען גראד ענליך צו זיין יונגען פאָרעהרער, וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען אין עטליכע טויזענד יאָהר ארום נאָכ׳ן טויט, לויט׳ן כח פון דעמזעלביגען געזעץ, וואָס האָט פארשאפט סאָקראטעס׳ן אזא ליידענשאפטליכען נאָכפאָלגער, ווי סערען קירקעגאַר.

5

לאסאל'ס ערשטער פּאָליטישער פּראָצעס.

איך האָב שוין דערמאָנט, אז צו יענער פּעריאָדע פון לאסאל'ס לעבען, ווען ער איז פארנומען געווען מיט שטודירען הערעקליטען און מיט פיהרען די פּראָצעסען פון דער גרעפין האצפעלד, געהערט אויך לאסאל'ס ערשטער ארויסטריט אויף דער פּאָליטישער סצענע — מיט אלע זיינע פאָלגען.

א פּאָר חדשים נאָך'ן קעלנישען פּראָצעס געפינען מיר לאסאל'ן ווידער אויף דער באשולדיגונגס-באנק, דאָס מאָל אין דיסעלדאָרף, געפינען מיר איהם, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק — „אזוי אנגע־שטעסט מיט קרימינעלע קלאגען, ווי א קריענער'ס פאנצער מיט פיילען". די גרויסע סאָציאל - פּאָליטישע באוועגונג פון יאָהר 1848 האָט איהם מיט געוואלט אפּגעריסען פון זיינע פּריוואטע קאמפען. כאָטש יונג אין יאָהרען, איז ער דאָך געווען איינער פון די איינפלוסרייכסטע און טעטיגסטע מיטגליעדער פון דער דאמאלס צאהלרייכער רעפּובליקאנישער פּארטיי אין דייטשלאנד. כאָטש יונג אין יאָהרען, איז ער דאָך געווען א פיהרער. ער האָט ארא־זשירט פּאָליטישע פארזאמלונגען און גערעט אויף זיי; ער האָט געלאָזט אויסקלעפּען אפּישען אויף די גאסען-ווינקלען, וואָס האָבען גערופען צו באוואפענטען ווידערשטאנד, ווען די פּרייסישע רעגירונג האָט אין נאָוועמבער 1846, ברעכענדיג די קאָנסטיטוציע, ערקלערט די נאציאָנאלע פארזאמלונג פאר אויפגעלעזט. ער האָט זיך אזוי פארהאסט געמאכט ביי די אָפיציעלע הערען מיט דער אפערע פון דער גרעפין האצפעלד, ער האָט אזוי אנגעשראָקען זיי מיט זיין ענטשלאָסענער, מוטיגער האלטונג, אז ווי נאָר די קאָנטר-רעוואָלוציע האָט געוואונען די אויבער-האנד, איז לאסאל ארייגעווארפען געוואָ־

רען אין געפענגנים, און מיט פארשידענע קונצען און דריידלאַך האָט מען פארצויגען די אונטערזוכונג און זיין פאַרלויפיגען ארעסט אויף איבער א האלב יאָהר.

די רעדע וואָס לאַסאַל האָט געהאַלטען פאר זיינע ריכטער *), איז נאָך מיין מיינונג, דער מערקווירדיגסטער מוסטער פון מוט און באַרעדזאמקייט, וואָס די געשיכטע קען אָנווייזען ביי א מאַן פון אזא יוגענדליכען עלטער. ווען מען וויים עס ניט, וואָלט מען עס גאָר ניט געקענט גלויבען, אז די רעדע איז געהאַלטען געוואָרען פון א יונגען מאַן פון 23 יאָהר; אין דער רעדע איז לאַסאַל באמת שעהן. ער שטעהט דאָ פאר אונז א באגייסטערטער, א דורכגע־לויכטענער מיט דער איידעלסטער, ריינסטער התלהבות, וואָס קען נאָר אָנפילען א מענשליך הארץ, און מיר צווייפלען דערביי ניט אויף א האָר אין דער עכטקייט און טיעפקייט פון זיין געפיהל. ער פאַכעט מיט דעם קלינג פון וואָרט מיט אזא קראפט און עלעגאַנץ. וואָס לאָזט זיך גאָר ניט איבערשטייגען, און מען פיהלט אז ער פאַראַדירט ניט מיט זיין בריה׳שקייט, זוכט אונז ניט צו פארבלענ־דען מיט קונצען. ער דערהויבט זיך דאָ צום ערשטען מאָל, א ליכטיגער, א שיינענדער, ביז צו דעם פולען שוואונג פון זיין גייסט. די רעדע האָט אין זיך די פרישקייט, די פארביגקייט פון דער ערשטער יוגענד, דאָך איז זי ניט יוגענדליך צעבלאָזען אָדער צעשוואומען. אָבער ווי קען מען שילדערן א פּאָליטישע רעדע, וואָס מען איז ניט זיכער, אז דער לעזער איז באקאַנט מיט איהר, בעת איהר גאַנצע קראפט איז גלייכמעסיג פארטיילט איבער איהר גאַנצער לענג, אזוי אז מען מוז וויסען דאָס גאַנצע, כדי אָפּצושעצען זי לויט איהר ווערט. מען קען און מען מוז, נאַטירליך, בריינגען אייניגע ציטאַטען, אָבער מיט דער וואַרנונג, אז די ציטאַטען גיבען בלויז א שוואַכען באגריף וועגען דער רעדע, וואָס שפּריצט מיט לעבען. אַן עמער וואַסער פון א כוואַליע איז שוין מעהר ניט קיין כוואַליע!

לאַסאַל הויבט אָן זיין רעדע מיט דער העכסט כאראקטעריס־טישער ערקלערונג, אז ער וועט זיך אייגענטליך ניט פארנעמען

---

*) אייגענטליך האָט ער די רעדע ניט געהאַלטען, נאָר אָפּגעדרוקט.

מיט פאַרטיידיגונג — דאָס האָט שוין געטאָן זיין אַדוואָקאַט — נאָר מיט אַן אַנקלאַגע; ער וועט אַנטגעגענשליידערען אַן אַנקלאַגע דעם פאַרברעכען, וואָס מען קלייבט זיך באַגעהן געגען איהם און פאַר וועלכען ער האָט געניגענדע באַווייזע אין באַשולדיגונגס־אַקט.

נאָך כאַראַקטעריסטישער איז די ווייטערע ערקלערונג לאַסאַל׳ס: ער וועט שטענדיג מיט פרייד צוגעבען, אַז ער, אין זיין טיעפּסטער איבערצייגונג, שטעהט דורכאויס אויף אַ רעוואָלוציאָנערען שטאַנדפּונקט, אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנער אויס פּרינציפּ, אָבער ער וועט די פאַרטיידיגונג ניט פיהרען פון דעם שטאַנדפּונקט, ווייל די רעגיערונג וועט זעלבסטפאַרשטענדליך, דעם שטאַנדפּונקט ניט אַנערקענען. מען קען, זאָגט ער, אַ געגנער ערנסט ניט טרעפען, ניט פאַרוואונדען, ווען זיין שטאַנדפּונקט איז פּונקט דער היפּוך פון זיינעם. די וואָפען באַגעגענען זיך ניט און די קלעפּ פאַלען אין דער לופטען. אַ געגנער מיט אַ גרונד־פאַרשי־דענעם שטאַנדפּונקט קען מען אפשר באַזיעגען, אויפוויזענדיג די פאַלשקייט פון זיינע גרונד־געדאַנקען, אָבער מען קען איהם ניט פאַרשעהמען, שטעכען איהם די אויגען מיט זיין אייגענעם פאַרראַט צו די פּרינציפּען, פאַר וועלכע ער שטעלט זיך איין — אויפריכטיג צו אויף צופליסענס. און אין די אינטערעסען פון מיין אַטאַקע, כדי וואָס בעסער צו טרעפען אין ציעל, וועל איך מיך אַראָפּלאָזען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אויף וועלכען דער פּראָקוראָר, אַלס דער פאַרשטעהער פון דער רעגיערונג אין אַ קאָנסטיטוציאָנעלען שטאַאַט. מוז אומבאַדינגט כאָטש לפנים וועגען שטעהן, וועל איך מיך אַראָפּ־לאָזען אויף דעם קאָנסטיטוציאָנעלען שטאַנדפּונקט, און פון דעם שטאַנדפּונקט אַרויס וועל איך פיהרען מיין פאַרטיידיגונג“.

לאָמיר זיך צוערשט אָפּשטעלען אויף דעם אויסדרוק: „רעוואָלוציאָנער אויס פּרינציפּ“, וואָס מיר באַגעגענען אַזוי אָפט ביי לאַסאַלען און וואָס ווערט פון איהם אַזוי אָפט פאַרטייטשט און דאָך פון אַנדערע אַזוי שלעכט פאַרשטאַנען; אין אַ געוויסען זין ווייזט דער אויסדרוק אָן אויף דעם סאַמע קערן פון לאַסאַל׳ס פּאָליטישער און סאָציאַלער וועלט־אַנשויאונג *). יעדעם מאָל,

*) פאַרגלייך אין באַצוג צו דעם אויסדרוק פאָלגענדע שטעלען: „די

ווען מען רופט איהם אַן „רעוואָלוציאָנער", ענטפערט ער, אז דעם אמת פון דעם פאָרוואורף האָט ער, אָהן שוין פּניות, צוגעגעבען שוין הונדערטער מאָל, ווען נאָר עס האָט זיך געמאכט א פּאַסענדע געלעגענהייט — סיי אין דער עפענטליכקייט, סיי אין זיינע ביכער, און אין זיינע רעדעס און גאנץ אָפט אפילו אין די געריכטען. די פראגע איז נאָר, וואָס מען דאַרף פארשטעהען אונטער דעם אויס־דרוק. אין זיין „רעדע פאר די געשוואָרענע", זוכט ער ארויסצור־ברייננגען דעם פאקט, אז די רעגיערונג האָט אפילו פארלאָרען די „פארפוילטע קרומע קוליע פון רעכט". ער זאָגט דאָרטען:

„אין לעבען פון די פעלקער איז דער שטאנדפונקט פון רעכט א שלעכטער שטאנדפונקט, ווייל דער געזעץ איז שטענדיג בלויז דער אויסדרוק, דער געטריבענער ווילען פון דער געזעלשאפט, און קיינמאָל ניט איהר האר. ווען דער ווילען און די באדערפנישען פון דער געזעלשאפט ענדערען זיך, געהערט שוין דער אלטער געזעצען־קאָדעקס אין מוזעאום פון דער געשיכטע און זיין פּלאַץ פארנעמט א נייער אויסדרוק, א נייע פארקערפערונג פון געזעלשאפטליכען הייגט".

און דערפאַר אויך שרייט לאסאל אויס, זיך ווענדענדיג צו די ריכטער, אין אַן אנדער טייל פון דערזעלבער רעדע:

„זאָלען די רהיינישע געריכטען אָפען זיך פּראָקלאַמירען אלס רעוואָלוציאָנערע טריבונאַלען — און איך וועל זיין גרייט זיי צו אנערקענען און אָפּצוגעבען זיי דין וחשבון אין מיינע האנדלונגען. אלס רעוואָלוציאָנער אויס פרינציפּ, ווייס איך, ווי אַזוי א זיעגרייכע מאכט, וואָס טרעט ארויס אָפען, ניט פאַרשטעלט, קען זיך באַרעכ־טיגען. אָבער קיינמאָל וועל איך ניט דורכלאָזען אָהן פּראָטעסט, ווען אונטער דער שיין־הייליגער מאסקע פון רעכט באגעהט מען די בלוטיגסטע געוואלט־טאטען; איך וועל קיינמאָל ניט דולדען, ווען אונטער דעם שוץ פון געזעץ שטעמפעלט דעם געזעץ אלס פארברעכען און דעם פארברעכען אלס געזעץ!"

רעדע פאר געשוואָרענע", 1848, זייטען 32, 49; „דאָס ארבייטער־פּראָ־גראַם", זייט 13; „דער האַנד־פאַראַם פראָצעס", זייט 12; „די ווי־סענשאַפט און די ארבייטער", זייט 41.

ווי שטאַרק די דאָזיגע ווערטער זאָלען ניט אָפּשלאָגען מיט לאַסאַל'ס אייגענער פּאַרליעבע פאַר געוואַלטזאַמע מיטלען, דאָך האָט לאַסאַל, דורך זיין גאַנצען לעבען, קיינמאָל ניט פאַרפעהלט צו באַטאָנען די ריין וויסענשאַפטליכע באַדייטונג פון דעם אויסדרוק „רעוואָלוציע", ווי ער געברויכט איהם. זיינע רעדען זיינען איבער פילט מיט שפּאָטישע באַמערקונגען אויפ'ן חשבון פון יענע לייט, וועלכע קענען ניט לעזען אָדער הערען דאָס וואָרט „רעוואָלוציע", און עס זאָל זיי תיכף זיך ניט פאָרשטעלען, ווי א המון לאָזט זיך אויף זיי מיט „אויפגעהויבענע מיסט־גאָפּלען". „רעוואָלוציע מיינט איבערקערעניש, און אַן איבערקערעניש קומט פאַר יעדעס מאָל, ווען אַן עקזיסטירענדער צושטאַנד טרעט אָפּ זיין פּלאַץ פאַר א נייעם פּרינציפּ — אַלץ איינס, צי געוואַלט ווערט אָנגעווענדעט, אָדער ניט — די מיטלען האָבען דאָ גאָרנישט צו זאָגען. פאַר־קערט, א רעפאָרמע מיינט, אַז א געוויסער געזעלשאַפטליכער צו־שטאַנד, איינהאַלטענדיג זיין גרונד־פּרינציפּ, ענטוויקעלט זיך צו ווייכערע, גערעכטערע, קאָנזעקווענטערע פאָרמען. און ווידער זיינען דאָ די מיטלען פון קנאַפּער וויכטיגקייט. א רעפאָרמע קען דורכגעפיהרט ווערען דורך מרידה און בלוט־פאַרגיסונג און א רעוואָלוציע אין טיעפסטען פרידען".

די שרעקליכע פּויערים־מלחמה, וועגען וועלכער לאַסאַל פּלעגט אַלע מאָל זאָגען, אַז זי האָט אַפּסאָלוט גאָרנישט געהאַט אין זיך פון רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, איז אין עצם געווען א פּאַרזוך ארויסצורייסען א רעפאָרמע מיט דער מאַכט פון וואַפען. בעת די ערפינדונג פון דער שפּין־מאַשין אין יאָהר 1775, און די פריעד־ליכע ענטוויקלונג פון די מאָדערנע אינדוסטריען בכלל פּלעגט לאַסאַל תמיד באַצייכנען אַלס א ריזיגע רעוואָלוציע. דער עיקר איז דאָ, ווי אין פיעלע אַנדערע פעלע, דאָס ריכטיגע פאַרשטענדניס.

קיין דענקענדער לעזער וועט ניט צווייפלען, אַז לאַסאַל האָט דאָס טיעף דורכגעפיהלט, ווען ער ערקלערט אין א געוויסען פּלאַץ:

„ווי קענט איהר עס גלויבען, אַז אַזא מענש ווי איך, וועלכער האָט מיט דער וויסענסדורשט פון א פויסט, מיט דער שטייפסטער געדולד, מיט דער ערנסטער מיה זיך דורכגעשלאָגען א וועג פון גריכישער פילאָזאָפיע און רוימישען רעכט, דורך די פאַרשידענסטע

צווייגען פון דער היסטאָרישער וויסענשאַפט ביז צו דער מאָדערנער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און סטאַטיסטיק, קענט איהר עס גלויבען, אַז אַזאַ מענש זאָל פאַרענדיגען זיין בילדונגס־קרייז דערמיט, וואָס ער וועט אַריינפּרעסען אַ ברענענדען פאַקעל אין די הענד פון די פּראָלעטאַריער? אַזוי ווייניג קענטניס האָט איהר פון דער וויסענשאַפט, אַזוי ווייניג פאַרשטענדניס האָט איהר ציוויליזירענדער מאַכט, פאַר איהר מאָראַלישען איינפלוס, אַז איהר האַלט עס גאָר פאַר מעגליך?*)

אויפריכטיג, דאָך קען מען ניט לייקענען, אַז דער אַנגעקלאָגמער ערלויבט זיך דאָ אַ פרומליכען יורידישען אַנשטעל, וואָס איז נאָך אַלעמען צו ענטשולדיגען. אמת, פאַר לאַסאַלען זיינען פייער און שווערט קיינמאָל קיין ציעל ניט געווען, אָבער פאַר זיינע פריינד איז עס קיין סוד ניט געווען, אַז ער וואָלט זיך ניט אָפּגעשראָקען פאַר טעראָר, אַלס מיטעל צום ציעל. אַ ווידערשפּרוך? ניין! אום ריכטיג צו פאַרשטעהען לאַסאַל'ס פאַרליעבע פאַר געוואַלט־מיטלען, דאַרפען מיר טיעפער אריינדרינגען אין זיין געדאַנקען־גאַנג, ווי מיר האָבען עס ביז אהער געטאָן.

ווען מען זאָל מיר שטעלען די פראַגע: וועלכע אידעע האָט פאַרנומען דעם מיטעל־פונקט אין לאַסאַל'ס דענקען, וואָס פאַר אַ גרונד־פּראָבלעם האָט באַשעפטיגט זיין גייסט? — וואָלט איך געענטפערט: מאַכט און רעכט — דאָס זיינען געווען די צוויי פּאָלוסען, ארום וועלכע דער דאָזיגער שטערן איז געלאָפען אין אַ קרייז. די גרונד־טעטיגקייט פון זיין גייסט איז אָהן צווייפעל געווען — דאָס זוכען אַן ענטפער אויף דער פראַגע: ווי אַזוי פאַרהאַלטען זיך איינס צום אנדערן מאַכט און רעכט? דאָס איז דאָס געוועהנליכע מיספאַרשטענדניס, ווען מען נעמט אָן, אַז לאַסאַל האָט בלומרשט געוואָלט פאַרבייטען רעכט דורך מאַכט. ווי ווייט דאָס איז פון אמת, און פון וואַנען דאָס דאָזיגע מיספאַרשטענדניס האָט זיך גענומען, וועט זיך באַלד ארויסצייגען. אין זיין איינציגער פּאָעטישער ארבייט**) וואָס איז גאַנץ ווערטלאָז אלס דראַמאַטיש־קינסטלעריש ווערק, אָבער ביז צום העכסטען

*) „די אינדירעקטע שטייערן", זייט 147.
**) „פראַנץ פאָן זיקינגען", זייט 85.

גראַד אינטערעסאַנט, אַלס פרייער לירישֿ־רעטאָרישער אויסדרוק פון לאַסאַל׳ס רייכען אידעען און געפיהלס לעבען, געפינען מיר אַזאַ דיאַלאָג (צווישען עקאַלאַמפּאַדיוס און פאָן הוטען), וואָס פאַר־דיענט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט :

עקאַלאַמפּאַדיוס :

...איהר גלויבט, דאָס הייליגע,
דאָס ליכט פון אמת און פאַרנונפט, וואָס אונז
איז אויפגעגאַנגען, אויסלעשען זיך וועט
אין צייטענלויף פון אונפאַרנונפט און שקר,
און ניט פון זיך אַליין זיך ווייטער שפּרייטען ?

פאָן הוטען :

עהרווירדיגער הערר ! שלעכט קענט איהר די געשיכטע,
איהר האָט גאַנץ רעכט, עס איז פאַרנונפט איהר אינהאַלט,
דאָך בלייבט אין אייביגקייט איהר פאָרם — ג ע ו ו א ל ט !

עקאַלאַמפּאַדיוס :

באַדענקט, הערר ריטער ! אונזער ליעבעס לעהרע
ווילט איהר דורכ׳ן שווערט דעם בלוטיגען פאַרשווערכען ?

פאָן הוטען :

עהרווירדיגער הערר ! דענקט בעסער פון דעם שווערט !
אַ שווערט, וואָס פעכט דעם קאַמף פאַר פרייהייט, איז
דאָס פלייש געוואָר׳נע וואָרט, פון וואָס איהר פּרעדיגט,
דער גאָט, וואָס איז צו ו ו י ר ק ל י כ ק י י ט געוואָרען.
דאָס קריסטענטום האָט דורך דעם שווערט פאַרשפּרייט זיך,
און דורך דעם שווערט האָט דייטשלאַנד קאַר געטויפט,
דער עהרענטיטעל גראָסער איז זיין לוין דערפאַר !
און דורך דעם שווערט איז געצענטום געשטירצט,
דעם וועלט ערלייזערס קבר האָט דאָס שווערט באַפרייט !
טאַרקוויניוס פון רוים האָט דאָס שווערט פאַרטריבען,
דאָס שווערט האָט פון קסערקסען גריכענלאַנד גערעטעט —
דאָס לאַנד, וואָס האָט אונז קונסט, און וויסענשאַפט געגעבען.
דאָס שווערט האָט דוד׳ן און שמשון׳ען געדיענט !

פאַרצייטען און נאָך היינט, ווען גרויסעס איז באַשערט,
איז אַלץ און אַלץ דער אויפטו פון דעם שווערט !
פאַר דער געשיכטעס און דער צוקונפטס הערליכע געשאַנקען —
פאַר אַלץ, פאַר אַלץ דעם שווערט איז צו פאַרדאַנקען !

אין דער דאָזיגער רעפּליק רעדט לאַסאַל צום ערשטען מאָל אַרויס פון פולען האַרצען זיין רעספּעקט פאַר מאַכט און געוואַלט, וואָס ניט צו זיין גייסט אַזאַ אייגענאַרטיגען, מאָדערנעם שטריך. אין דעם שטריך טרעפען זיך נאָך אַנדערע שטעלען, וואו לאַסאַל דורך די מיילער פון די פאַרשידענסטע פּערזאָנען דריקט אויס זיין התפעלות פאַר מאַכט, אַלס די שטיצע פון רעכט. אַזוי צום ביישפּיעל דערצעהלט באַלטאַזאַר וועגען פראַנץ פאָן זיקינגען (זייט 2) :

און ווארמס לאַכט אויס זיין שתדלן זיך און בעטען,
אומזיסט פאַר מיר גערעכטיגקייט צו מאָהנען ;
און גלייך נעמט פראַנץ צעהן טויזענד גוטע טענות
— איך מיין, פאַנצער — העלדען, פרייליין — געהט
מיט זיי אויף ווארמס, און אַ דעבאַטע פאַנגט ער אָן
מיט שטאַרקע, שאַרפע, שלאַגענדע באַווייזע, —
אַ מייסטער איז ער פראַנץ !

און אורליך פאָן הוטען זאָגט אין נאָך אַ פייערליכערען טאָן (זייט 92) :

די מאַכט — זי איז דאָס העכסטע גוטס פון הימעל,
ווען זי צום דיענסט שטעהט פאַר אַ גרויסען צוועק ;
אַ נישטיג שפּיעלכעל, ווען ווי פאַלשע גינגאָלד,
זי נור די האַנד באַשווערט, וואָס זי באַציערט.

עס קומט ניט זעלטען פאָר, אַז אַ ליעבלינג־וואָרט ביי אַ שריפטשטעלער, אָדער אַ ליעבלינג־פאַרגלייך טייטעלט אָן אויף דעם כאַראַקטער פון זיין אידעאַל. לאַסאַל׳ס ליעבלינג־וואָרט איז געווען „אייזען, אייזערנער“. נאָך מיט פיעלע יאָהרען פריהער, איידער „בלוט און אייזען“ איז געוואָרען אין ביסמאַרק׳ס מויל אַ פּאָליטישער לאָזונג, האָט לאַסאַל גערעדט וועגען אייזען — אייזען אין פאַרשידענע פאָרמען און געשטאַלטען. קיין בילד ווידערהאָלט זיך ניט אַזוי אָפט ביי איהם. אייזען איז אין זיין פאָרשטעלונג די וואָלטעטיגע מאַכט, דער זעץ, וואָס ברעכט דורך אַ וועג, דער

קלאַפּ וואָס ראַמט אָפּ די געפאהר, דער קייזער־שניט וואָס פאַר־קירצט די געבורטס־וועהען פון דער צייט, וואָס פארשנעלערט דעם שווערען האָבען פון דעם אידעאַל פון דער נייער עפּאָכע. (זייטען 62 און 141). אייזען ווערט געריהמט פון פראַנץ פאָן זינקינגען (ז. 7־10) אַלס דער „גאָט פון מאַן“, אַלס דאָס צויבערשטעקעלע וואָס ווען ער טוט אַ קלאַפּ מיט איהם, ווערט זיין יעדער וואונש ערפילט, אַלס „דער לעצטער אָפּזאָג, וואָס זיין פייערל ווינקט איהם פון דער וויטען אין דער נאַכט פון זיין פארצווייפלונג“, אַלס „דער העכסטער משכון פון זיין טרייהייט“. און נאָך מיט מעהר באַטאָ־נונג ווי לאַסאַל, נאָך לאַסאַליאַנישער ווי לאַסאַל, ווייזט פראַנץ אָן אויף דער ענטשיידונג דורך געוואַלט, ווען דעם קייזערס העראָלד קומט אין שליחות פון זיין האַר און לייגט איהם פאַר די ברירה: אָדער זיך אונטערוואַרפען אין ערוואַרטונג פון קייזערס אורטייל, אָדער אָוועקגעשטעלט צו ווערען אויסערן געזעץ דורך דעם קייזערס דעקרעט (זייט 157):

העראָלד, געה גלייך און קינדיג צו דיין האַר:
אַריבער איז די צייט פון ווערטער איצט,
די שיקזאַל־שווערע שטונדע פון ענטשיידונג
מיט אייזען־פינגער קלאַפּט אין טויער פון דער צייט!
אין קרעמפּען ליגט דאָס לאַנד געבריקט,
קיין פּלפּול פון געזעץ ניט שטערען קען
דער קאַמף, וואָס רייסט און טראָגט, — דו זעהסט, העראָלד,
די דונער־ביקסען, די קאַרהוינען שטעהן?
פון אָט די פייער־שלונדען שעפּט די צייט
איהר ווילד־שטורם־רעכט. — איך פיהר מיט מיר
דעם קייזער־אורטייל אין מיין לאַגער מיט.
איך וויל אַ נייע אָרדנונג מאַכטפול גרינדען,
און נייע טאַטען וואַגען, און מיט זיי פארשעמען
די גבורות פון די רוימישע קיסרים!

נאָך אַלס יונגלינג, אויף זיינע ערשטע פּראָצעסען, האָט לאַסאַל זיך גערופען פארטיידיגער פון רעכט געגען געוואַלט — און מאָדנע גענוג! — דיזעלבע אויסדרוקען, וואָס ער געברויכט דאָרט אין פארעכטליבען זין, דיענען איהם איצט צו לויבען און פּרייזען. אַזוי

זאָגט ער אין זיין רעדע פאַר די געשוואָרענע אין א שפּאָטישען טאָן (זייט 16):

„אז מען האָט שוין אויבען באַשלאָסען צו ש ע פ ע ן רעכט איינציג און אליין פון קאַנאָ־נען־מיילער, ווארום זשע האָט מען איינפאַך, אָהן איבריגע טענות, ניט אָפּגעשאָפט די בירגער־מיליץ?“

און אין דיזעלבע ווערטער, וואָס דריקען אוים ביי וואַלטאַזאַ־רען, פון דער פּיעסע, באַוואונדערונג, האָט לאַסאַל דאַמאַלס אריינ־געלייגט א זין פון ביטערער ענטריסטונג. דאָרט (זייט 26) הייסט עס ביי איהם:

„האָבען זיי קיין רעכט ניט געהאַט, האָבען זיי געהאַט עטוואָס בעסערעס ווי רעכט; האָבען זיי געהאַט אין בערלין באַלאַגערונגס־צושטאַנד, גענעראַל וראַנגעל'ן, 60 טויזענד סאָלדאַטען און אזוי פיעל און אזוי פיעל סאָלדאַטען האבען זיי געהאַט אין ברעסלאַו, מאַגדעבורג, קעלן, דיסעלדאָרף, אזוי פיעל און אזוי פיעל סאָלדאַ־טען, אזוי פיעל און אזוי פיעל קאַנאָנען. דאָס זייגען איבערציי־גענדע גרינדע, פאַרשטענדליכע פאַר אַלעמען“.

מיט דער באַרעדזאַמקייט פון ליידענשאַפט האָט לאַסאַל אין יענער פּרישער, שטאָלצער רעדע דעם שטאַנדפּונקט פון געזעץ אַנטקעגענגעשטעלט דעם שטאַנדפּונקט פון געוואַלט (ז. 25):

„דערווייל האָט מען די פאַרזאַמלונג אויפגעלעזט און אנשטאַט צו פאַררופען א נייע אויף דעם גרונד פון זעלבען וואהל־געזעץ, האָט מען אויף אונז אַרויפגעצוואונגען א פאַרזאַמלונג, דאָס הייסט, מען האָט מיט איין שטריך אָפּגעווישט דעם גאַנצען עפענטליכען רעכט־צושטאַנד. מען איז מיעד געוואָרען דעם רעכט־אָרגאַניזם פון לאַנד לאַנגזאַם צו רעדערן; צו צעשטיקלען איהם גליעד פאַר גליעד, געזעץ פאַר געזעץ. מיט איין קלאַפּ האָט מען איהם אריינגעשליי־דערט אין דעם קראַם און מיט אָפענער חוצפה איהם פאַרביטען מיט „אזוי וויל איך, אזוי הייס איך“ — דער שעהנער שפּראַך פון באַיאָנעטען“.

און וואָס פאַר א מאָדנעם קאָנטראַסט צו זיין שפּעטערדיגער פאַרהערליכונג פון אייזען און שווערט עם גיסען זיינע ווערטער ווען ער האָט דאַמאַלס אויסגערופען (ז. 48):

„דער זעבעל איז און בלייבט זעבעל, און ווערט קיינמאָל ניט קיין רעכט. ריכטער, וועלכע ערנידריגען זיך צו פאַרפאָלגען בירגער, ווייל זיי פאַרטיידיגען דאָס געזעץ, פאַרפאָלגען זיי אויף דעם גרונד פון דיזעלבע געזעצען, וואָס צו שיצען זיינען זיי גע־שטעלט געוואָרען; ריכטער, וועלכע פאַררעכענען דעם פאָלק פאַר א פאַרברעכען די פאַרטיידיגונג פון די געזעצען — אַזעלכע ריכטער קען איך ניט באַטראַכטען פאַר ריכטער, נאָר פאַר מ ש ר ת י ם פ ו ן ג ע ו ו א ל ט, און מיט מיר וועט אפשר איינשטימען דאָס גאַנצע פאָלק... איך וועל אין מיין געפענגנים־קאַמער אָננעמען פאַר ליעב אַלץ וואָס דער זעבעל, שענדענדיג יעדע רעכט־פאָרם, וועט אָפּטאָן מיט מיר; איך וועל גיכער ערלויבען דער פּראָצעס זאָל אָננעמען פאַר מיר די אומגינסטיגסטע ריכטונג, איידער צו געבען ענטפערס אָדער איינצוגעהן אויף וועלכע עס איז יורידישע פאָרמאַליטעטען און אויף אַזאַ אופן מיטצושפּיעלען אין דער גע־ריכטליכער קאָמעדיע, וואָס דער געוואַלט האָט זיך פאַרגלוסט דאָ אויפצופיהרען".

די אַלע און עהנליכע אויסזאַגונגען ווייזען אויף א שאַרפען רעכט־בעוואוסטזיין, ווי אויך אויף ביטערן האַס צו ברוטאַלער געוואַלט, וואָס וויל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון רעכט.

אָבער אין דעם יונגען רעדנער וועלכער איז אַזוי פריה געקו־מען צו רייפקייט און פּראַקטישען פאַרשטענדניס, איז אויך גאַנץ לעבעדיג געווען דאָס געפיהל, אַז מאַכטלאָז איז דאָס אידעאַלע רעכט, ווען עס ווערט ניט געשטיצט פון טעטיגע גייסטער און קרעפטיגע ווילענס, וועלכע ווייסען ווי אָנצונעמען די ריכטיגע מיטלען אין צייט און צו שאַפען די נויטיגע באַוואָרענישען פאַר דער פאַרווירקליכונג פון דעם דאָזיגען רעכט. און ווי אַנדערש האָט געקענט פיהלען דער יונגער זשעני, וועמעס טיעפסטער כאַראַק־טער־שטריך און אינערסטער באַרוף איז געווען פּראַקטישקייט; צו וואָס פאַר אַן אַנדער שלוס האָט ער געקענט קומען, ער, וועלכער האָט צוגעזעהען דעם דורכפאַל, דעם קלעגליכען דורכפאַל פון דער דייטשער רעוואָלוציע פון יאָהר 1848! האָט דען אַן אַנדער געדאַנק געקענט געבאָרען ווערען הינטער דעם שטערן, אויף וועל־כען עס איז געווען אַזוי שאַרף אויסגעקריצט „ענערגיע"! צו

וואָס אנדערש האָט ער זיך געקענט דערטראַכטען, ווען ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, אַז דאָס רעכט ליגט צוטראָטען אין שטויב — צוליעב דער אידעאַליסטישער מורא צו געברויכען וועלכען עס איז אנדער וואָפען אויסער'ן וואָרט, צוליעב דעם איינגע־באָרענעם שרעק פאַר באוואָפענטער מאכט ; צוליעב דער פּערזענ־ליכער פייגהייט פון איינע און אומענטשלאָסענקייט פון אנדערע ; צוליעב טעאָרעטישער צוקראַכענקייט און האַמלעטישער קווינקלע־ניש. ווער עס האָט געלעזען פרידריך ענגעלס'עס אָפּהאַנדלונג : „די דייטשע רייכספאַרפאַסונג קאַמפּאַניע" (דער אויפשטאַנד אין רהייניש פרייסען און באַזען) אין קאַרל מאַרקס'עס „נייער רהייני־שער צייטונג" פון יאָהר 1850, דער מוז באַגרייפען, אַז נאָך אָט דעם מוטלאָזען אומדיסציפּלינירטען דור האָט געדאַרפט קומען אַ דור, וועמעס ערשטע זאָרג עס האָט געדאַרפט זיין אויסצושמידען פאַר זיינע אידעאַלען אַ טיכטיגען פאַנצער און אַ מעכטיגען שווערט ; אַ דור, פאַר וועמען דער איידעלער מעטאַל פון רעכט האָט געדאַרפט פאַרשטאַרקט ווערען מיט דעם צומיש פון דעם אומאיידעלען מעטאַל פון מאכט, אום צו ווערען אַ גאַנגבאַרע מטבע. סוף כל סוף האָבען פאַר דעם דור די ביידע מעטאַלען — דער איידעלער און אומאיידע־לער — זיך צונויפגעשמאָלצען אין איינעם ; דער דור האָט איינ־געזעהען, אַז אייזערנע געצייג זיינען די בעסטע און די שטאַרקסטע, און ווי דער פאַרצייטיגער ברענוס, האָט ער אַ וואָרף געטאָן דעם אייזען אויף דעם וואָגשאָל פון דער געשיכטע.

מען דאַרף לעזען אין יענער רעדע לאַסאַל'ס קלאָגען איבער דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אין צייט ניט באַשאַ־פען אַ ווירקליכע בירגער־מיליץ צו פאַרטיידיגען די קאָנסטיטוציע. מיט וואָס פאַר אַ בלוטיגען געלעכטער ער לאַכט איבער דער נאַציאָ־נאַלער פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט בעסערעס ניט געפונען, ווי צו רופען צו „פּאַסיווען ווידערשטאַנד" געגען די חוצפּה'דיגע אַטאַקעס פון דער רעגיערונג :

„פּאַסיווער ווידערשטאַנד, מיינע הערען, — דאָס מוזען מיר צוגעבען אפילו אונזערע שונאים, — דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג איז פון אַלע שטאַנדפּונקטען אַ

פארברעכען. איינס פון דיביידע! אָדער די קרוין האָט געהאט אַ רעכט אָנצונעמען יענע מיטלען און דאן איז די נאַציאָנאַלע פאַר־זאמלונג מיט דעם, וואָס זי שטעלט זיך אנטקעגען די רעכט פון דער קרוין און וועקט אונאיינינקייט אין לאנד, ניט מעהר ווי אַ באַנדע בונטאָוושציקעס און פאָלקס־העצער; אָדער יענע פאַר־אָרדנונגען פון דער קרוין זיינען אומגעזעצליכע געוואלט — דאַן מוז די פרייהייט פון פאָלק אקטיוו, מיט לייב און לעבען באשיצט ווערען; דאַן מוז די נאַציאָנאַלע פארזאמלונג רופען אויף אַ קול דאָס לאנד צו וואפען. אָט די משונה׳דיגע ערפינדונג פון פאַסיווען ווידערשטאנד איז פיינער פארראַט געגען פאָלק, פאַרראַט געגען דער פליכט פון דער נאַציאָנאַלער פארזאמלונג איינצושטעלען זיך פאַר די רעכט פון פאָלק. אַ יחיד, מיינע הערען, ווען ער האָט אויסצושטעהען געוואלט פון שטאַאט אָדער פון דער מאַסע, — ווען איך, צום ביישפיעל, זאָל פון אייך פאַראורטיילט ווערען — קען, ניט זינדיגענדיג געגען זיין עהרע, זיך באהאלטען הינטער פאַסיווען ווידערשטאנד. איך קען זיך איינוויקלען אין מיין רעכט און פראָטעסטירען, ווען איך האָב קיין מאכט ניט אויף מיין רעכט צו באשטעהען... אַ פאָלק קען זיך אונטערוואַרפען אונטער געוואלט, ווי פוילען צום ביישפיעל, אָבער עס האָט זיך אונטער־וואַרפען ערשט נאָכדעם, ווי די שלאַכטפעלדער זיינען אָנגעטרונקען געוואָרען מיט דעם בלוט פון זיינע איידעלסטע זין, ווען זיין לעצטע קראַפט איז אונטערגעשניטען געוואָרען!... דאַן, ווען אַלע זיינע כוחות זיינען צושמעטערט, קען דער בר־מנן פון אַזאַ פאָלק זיך באַנוגענען מיט פאַסיווען ווידערשטאנד, ד. ה., מיט פראָטעסטען אין נאָמען פון רעכט, מיט דולדען און שווייגען, מיט גרויל אין הארצען, מיט טיעף פארשלאָסענעם האַס, וואַרטענדיג אויף דעם מאָמענט פון ישועה און ערלייזונג. אַזאַ סאָרט פאַסיווער ווידער־שטאנד, נאָך׳ן געשעהענעם פאקט, נאָכדעם ווי אַלע מיטלען פון אַקטיווען ווידערשטאנד זיינען אויספּרובירט געוואָרען, איז דער העכסטער גראַד פון העראָאישען אויסדויער! אָבער פאַסיווער ווידערשטאנד פון אָנהויב אָן, איידער מען האָט נאָך אַ פאַכע געטאָן מיט׳ן שווערט, איידער מען האָט נאָך דעם מינדעסטען פארזוך געמאכט צו אַפּעלירען צו די פרישע, גרייטע כוחות — דאָס איז

די שאַנדע אַליין, דאָס איז דער גרעסטער אונזין און די נידריגסטע פייגהייט, וואָס קען נאָר געמאָלט זיין ביי אַ פאָלק.

דער פאַסיווער ווידערשטאַנד איז אַ פאַרקערפּערטער ווידער־שפּרוך — דולדענדער ווידערשטאַנד, ניט ווידערשטעהענדער ווידערשטאַנד, אַ ווידערשטאַנד, וואָס איז קיין ווידערשטאַנד ניט. דער פאַסיווער ווידערשטאַנד — דאָס איז דער מיסטישער מעסער אָהן שטיהל און קלינג, דער פעלץ, וואָס מען קען וואַשען און ניט איינגנעצען. דער פאַסיווער ווידערשטאַנד — דאָס איז אינערלי־כער ווילען אָהן אויסערליכער טאַט.

דער פאַסיווער וויעדרשטאַנד איז אַ פּראָדוקט פון צוויי פאַקטאָרען: פון דער קלאָר באַוואוסטער פליכט, וואָס רופט צו ווידערשטאַנד, און פון דער פערזענליכער פייגהייט, וואָס שרעקט זיך פאַר ווידערשטאַנד; אָט פון דער פליכט און פייגהייט צוזאַ־מען, פון זייער עקעלהאַפטער אומאַרמונג, איז, אין דער נאַכט פון 10טען נאָוועמבער געבאָרען געוואָרען אַ שווינדזיכטיג נפש'ל, אַ מפל'ע — פאַסיווער ווידערשטאַנד"*).

וואָס איז דער וואונדער, וואָס דערזעלבער לאַסאַל, וועלכער האָט, אַלס 23 יעהריגער יונגערמאַן, אַזוי געדונערט געגען שוואַכ־קייט און צוקראַכענקייט, האָט מיט צעהן יאָהר שפּעטער גענומען לויבען און פּרייזען אייזען אַלס דעם גאָט פון דעם מאַן?

דאָס פאַרהעלטניס צווישען מאַכט און רעכט באַשעפטיגט אַלץ ווייטער לאַסאַל'ען, אַלץ טיעפער און טיעפער דרינגט ער אריין אין די באַדינגונגען פון זייער געגענזייטיגען ווירקונג, אַלץ גרינג־ליכער ערפאָרשט ער זייער אָפּהענגיגקייט איינס פון אנדערן.

אין 1862, אין מיטען דעם קאַמף פאַר דער פּרייסישער קאָנ־סטיטוציע, האָט לאַסאַל געהאַלטען אין בערלין אַ פאָרטראַג „וועגען דעם עצם פון דער קאָנסטיטוציע". אין דעם פאָרטראַג זוכט לאַסאַל אויסצוגעפינען און פעסטצושטעלען די אידעע פון קאָנסטי־טוציע אָדער גרונד־געזעץ. פון אַנאַליז פון דעם נאָמען אַליין „גרונד־געזעץ", געפינט לאַסאַל: 1) אַז אַ געזעץ מוז ליעגען טיעפער פון אַ געוועהנליכער געזעץ־פאַראָרדנונג; דאַרויף ווייזט שוין דאָס וואָרט „גרונד"; 2) אַזוי ווי דער געזעץ דיענט פאַר

*) „די רעדע פאַר געשוואָרענע", זייטען 16, 26, 33—35, 48.

דעם גרונד פון אַלע אַנדערע געזעצען, מוז ער אָנהאַלטען זיין טעטיג־קייט און ווירקען אין זיי; 3) ער מוז אומבאַדינגט זיין דאַס, וואָס ער איז — טאַקע אַ גרונד־געזעץ; ווייל די אידעע פון גרונד שליסט שוין איין טעטיגע נויטהווענדיגקייט, ווירקענדע קראַפט.

ווען, אַלזאָ, די קאָנסטיטוציע איז דער גרונד־געזעץ פון לאַנד, — „מוז זי זיין אַ טעטיגע קראַפט, וועלכע מאַכט אַלע אַנדערע געזעצען און רעכטליכע איינריכטונגען פון לאַנד מיט אינערליכער נויטווענדיגקייט פאַר דאַס, וואָס זיי זיינען". און לאַסאַל פרעגט ווייטער „איז ווירקליך פאַראַן אַזאַ באַשטימענדע טעטיגע קראַפט?" און ער ענטפערט: „יאָ, געוויס, דאָס איז דאָס פּאַקטישע פאַרהעלטנים פון די כוחות, ווי זיי עקזיסטירען אין לאַנד. דאָס פאַקטישע פאַרהעלטנים פון די כוחות איז די לעבע־דיגע קראַפט, וועלכע באַשטימט אַלע געזעצען און רעכטליכע איינריכטונגען פון אַ געזעלשאַפט אַזוי, אַז זיי קענען אין עצם אַנדערש גאָר ניט זיין, ווי זיי זיינען".

אום זיין מיינונג קלאָר צו מאַכען, באַדיענט זיך לאַסאַל מיט אַ ביישפּיעל, אַלס אילוסטראַציע: אָנגענומען, זאָגט ער, אַז אַ ריזיגער פייער האָט פאַרניכטעט אַלע געשריבענע געזעצען אין פּרייסען, און דאָס לאַנד, וואָס איז באַרויבט געוואָרען פון אַלע זיינע געזעצען דורך דער דאָזיגער קאַטאַסטראָפע, וועט פּאַלגליך קיין אַנדער אויסוועג ניט האָבען, ווי צו נעמען זיך שאַפען נייע געזעצען. ווי מיינט איהר, פרעגט לאַסאַל, קען מען דאָ האַנדלען, ווי איינעם וועט איינפאַלען, אַרויסגעבען געזעצען, דעם צו יענעם צו געפעלען? לאָמיר זעהן. אָנגענומען, איהר וועט אַזוי זאָגען: די אַלטע געזעצען זיינען אומגעקומען און מיר זעצען זיך שרייבען נייע. און מיר ווילען דערביי דעם קעניג ניט באַוויליגען דיזעלבע רעכט, וואָס ער האָט פריהער געהאַט, אָדער גאָר קיין רעכט ניט געבען!

אין אַזאַ פאַל וועט דער קעניג איינפאַך זאָגען: „אמת, די געזעצען זיינען אומגעקומען, אָבער פ א ק ט י ש פאָלגט דער חיל מיר און מאַרשירט וואו איך הייס; פ א ק ט י ש אויף מיין באַפעהל, ניבען אַרויס די קאָמאַנדאַנטען פון די אַרסענאַלען און קאַזאַרמע קאַנאָנען און געוועהר, און די אַרטילעריע איז פאַרטיג

יעדע מינוט אַרויסצורוקען זיך אין גאַס; און, שטיצענדיג זיך אויף דער דאָזיגער פּאַקטישער מאַכט, וועל איך ניט דולדען, איהר זאָלט מיר ניט געבען די רעכט, וואָס איך פאַרלאַנג.״

און לאַסאַל שליסט:

„איהר זעהט, מיינע הערען, דער קעניג, ווען עס פאָלגען דער חיל און די קאַנאָנען, איז אַ שטיק קאָנסטיטוציע״.

און ענטוויקלענדיג זיינע אַרגומענטען אויפ'ן זעלבען שטייגער, זאָגט לאַסאַל ווייטער:

„דער אַדעל, וואָס האָט איינפלוס ביים הויף און ביים קעניג, איז אויך אַ שטיק קאָנסטיטוציע. לאָמיר איצט אָננעמען, אַז דער קעניג און דער אַדעל וועלען זיך צונויפּרעדען און, שטיצענדיג זיך אויף זייער מאַכט, וועלען זיי צוריק איינפיהרען דאָס מיטעל־אַלטערליכע סיסטעם פון צעכען; צום ביישפיעל, אַז דער קאַרטון־דרוקער זאָל ניט טאָרען באַשעפטיגען קיין פאַרבער, אָדער אַז קיין מייסטער פון קיין פאַך זאָל ניט ערלויבט זיין צו האַלטען איבער אַ געוויסער צאָל געזעלען; מיט אַנדערע ווערטער, אַז אַ פּראָדוק־ציאָן אויף אַ גרויסען שטייגער זאָל ווערען אַפּסאָלוט אוממעגליך. וואָס וועט זיין דער רעזולטאַט? אין אַזאַ פאַל וואָלטען די גרויס־פאַבריקאַנטען, ווי די הערען באָרזיק, עגעלס, א. ז. וו. צוגעשלאָסען זייערע פאַבריקען, אפילו די אייזענבאהן־דירעקטאָרען וואָלטען פאַנאַנדערגעלאָזען זייערע אַרבייטער, און די גאַנצע פאָלקס־מאַסע, אונטערגעהעצט פון דער גאַנצער בורזשואַזיע, וואָלט אַרויסגעשאָ־טען אין די גאַסען, שרייענדיג נאָך ברויט און אַרבייט; און עס וואָלט אויסגעבראָכען אַ קאַמף, פון וועלכען דער חיל וואָלט בשום אופן ניט אַרוים דער זיעגער.

„אַלזאָ, זעהט איהר, מיינע הערען, די הערען באָרזיק און עגעלס, די גרויס - פאַבריקאַנטען בכלל, זיינען אויך אַ שטיק קאָנסטיטוציע.

„און אַזוי ווי אַ מאָדערנע רעגיערונג נויטיגט זיך אין ברייטע געלד־מיטלען, זיינען אויך די גרויס־באַנקירען, די בערזע בכלל, אַ שטיק קאָנסטיטוציע.

„אָנגענומען ווידער אַ פאַל, אַז דער רעגירונג זאָל זיך פאַרגלוס־טען נאָכצוטאָן אַ יאַפּאַנעזישען ביישפּיעל און דורכפיהרען אַ

שטראַף־געזעץ, אז ווען אימיצער באַגעהט א גנבה, זאָל זיין פאטער באַשטראפט ווערען, וועלען מיר דאַן ענטדעקען, אז דאָס אַלגעמיינע באַוואוסטזיין, דער בילדונגס־דורכשניט פון דער געזעלשאפט, איז, אין געוויסע גרענעצען, אויך א שטיק קאָנסטיטוציע. און צולעצט לאָמיר אָננעמען, אז די רעגיערונג זאָל וועלען באַרויבען די קליין־בירגער און די ארבייטער ניט נאָר פון זייער פאָליטישער פרייהייט, נאָר אויך פון זייער פערזענליכער פרייהייט, פאַרוואַנדלען זיי אין קנעכט און לייב־אייגענע — וועלען מיר גלייך אייגזעהן, אז אין עקסטרעמען פאַל איז דער פראָסטער מענש, ווען אפילו ניט געשטיצט פון דער בורזשואזיע, אויך א שטיק קאָנסטיטוציע.

„און האָבענדיג אויסגעפונען, וואָס אזוינס איז די קאָנסטי־טוציע פון א לאַנד, — נעמליך, דאָס פאקטישע פאַרהעלטניס פון די כוחות אין לאַנד — וועלען מיר איצט פרעגען, ווי פאַרהאַלט זיך די רעכטליכע קאָנסטיטוציע צו דער פאַקטישער ? וועט דער ענטפער זיך שוין געבען פון זיך אליין : דאָס פאַקטישע מאַכט פאַרהעלטניס ווערט באַשריבען אויף פאַפיער, באַקומט א דאָקו־מענטאַלען אויסדרוק, און אזוי גיך ווי דאָס ווערט פאַרשריבען, איז דאָס שוין מעהר ווי מאַכט־פאַרהעלטניס, עס איז געוואָרען רעכט און רעכטליכע איינריכטונגען, און ווער עס פאַרזינדיגט זיך געגען זיי, ציהט אויף זיך אַרויף א שטראַף".

די אַלע אויספיהרונגען באַשטעטיגט לאַסאַל מיט א היסטאָרישען באַווייז, ווי אזוי יעדע ענדערונג אין דעם פאַקטישען מאַכט פאַרהעלטניס (די אומענדערטע מאַכט פון אַדעל, דער וואוקס און אויפבליהונג פון די שטעדט, די אומענדערטע פראָפּאָרציע צווישען דער צאָהל איינוואָהנער פון הויפט־שטאָדט און דער גרויס פון דער ארמעע) — ווי יעדע ענדע־רונג אין דעם מאַכט פאַרהעלטניס איז באַגלייט געווען מיט אַן ענדערונג אין דער קאָנסטיטוציע, די צווייטע — אַן אָפּשפּיגלונג פון דער ערשטער. און ווען די קאָנסטיטוציע האַלט ניט נאָך דעם מאַכט־פאַרהעלטניס און איהר אָפּגעשטאַנענקייט נעמט זיך פיהלען ווי א דריקענדע לופט, דאַן ברעכט אויס, אין דער פאָרם פון א רעוואָלוציע, יענער פייער, וואָס האָט אונז פריהער געדיענט אַלס ביישפּיעל. דאָס איז פאָרגעקומען אין מערץ פון יאָהר 1848 —

אָבער דאָ קעהרט זיך לאַסאַל ווידער אום צו זיין אַלטער קלאַגע פון דער „רעדע פאר די געשוואָרענע" פון יאָהר 1849 : דאָס זיעג־רייכע פאָלק, אנשטאט צו באשאַפען אַ שטאַרקע בירגער־מיליץ — פון קליין־בירגער און פראָלעטאַריער און דורכדעם ענדערן דאָס ווירקליכע פארהעלטניס פון די כוחות, האָט אויף אַ העכסט נאַרישען אופן גענומען זיך ש ר י י ב ע ן אַ נייע מאַכטלאָזע קאָנסטיטוציע, וואָס האָט דארום, ווי שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזען, דעם מינדסטען ווערט ניט געהאט.

„ווען איהר, מיינע הערען, זאָלט האָבען אין אייער גאָרטען אַן עפּעל־בוים און איהר וועט אויפהענגען אויף איהם אַ צעטעלע מיט אַן אויפשריפט : „דאָס איז אַ פייגענבוים", וועט דערפאַר דער בוים טאַקע ווערען אַ פייגענבוים ? ניין, און אַז איהר וועט צוזאַמענרופען אייער גאַנצע הויז־געזינד און אַלע איינוואָהנער פון לאַנד און איהר וועט זיי הייסען הויך און פייערליך שווערען, אַז דאָס איז אַ פייגענבוים — דער בוים וועט בלייבען, וואָס ער איז געוועזען, און ער וועט עס נעקסטען יאָהר באַווייזען דערמיט, וואָס ער וועט ברענגען עפּעל, ניט קיין פייגען".

„די קאָנסטיטוציאָנס־פראַגע — פאַרענדיגט לאַסאַל זיין רעדע, — איז פאָלגליך פריהער פון אַלץ ניט אַ פראַגע פון רעכט, נאָר אַ פראַגע פון מאַכט ; די ו ו י ר ק ל י כ ע קאָנסטיטוציע פון אַ לאַנד האָט איהר עקזיסטענץ בלויז אין די רעאַלע, פאַקטישע מאַכט־פאַרהעלטניסען, ווי זיי עקזיסטירען אין לאַנד ; די געשריבענע קאָנסטיטוציעס האָבען נאָר אויף אַזוי פיעל ווערט און לעבענס־דויער, אויף וויפיעל זיי זיינען דער געטרייער אויסדרוק פון די עקזיסטירענדע מאַכט־פאַרהעלטניסען אין דער געזעלשאַפט".

זאָל מען עס גלויבען ? דער דאָזיגער אנאַליז איז גלייך אויסגעטייטשט געוואָרען פון די ליבעראַלע צייטונגען אַלס אַ לעהרע, אַז מאַכט מוז האָבען די אויבערהאַנד איבער רעכט ; אַפילו גראַף שווערין, האָט אונטער יובעל־געשרייען פון דער גאַנצער קאַמער, ביי דער געלעגענהייט ערקלערט, אַז אין פּרייסישען שטאַאַט, גאָט צו דאַנק, האָט רעכט די אויבערהאַנד איבער מאַכט. איין צייטונג נאָך דער אַנדערער, אום צו טויטען לאַסאַלען פאַר דער עפענטליכער מיינונג, האָט זיך ענטזאַגט אָנצונעמען פון איהם אַ

קורצען, זאַכליכען ארטיקעל, באַטיטעלט „מאַכט און רעכט", אין וועלכען ער קלערט אויף דאָס מיספארשטענדניס, און ער איז געווען גענויטיגט צו פּאַרעפענטליכען דעם ארטיקעל אויף זיין אייגענעם חשבון אין דער פאָרם פון אַ בראָשורע. ער זאָגט דאָרט גאַנץ שאַרף און טרעפענד:

„ווען איך וואָלט באַשאַפען די וועלט, וואָלט איך העכסט וואַרשיינליך זיך געגעבען באַזונדערע מיה איינצואָרדנען אין איהר אַלץ לויט די אנשויאונגען פון דער פאָלקסצייטונג און לויט די וואונשען פון גראַף שווערין — אַז ר ע כ ט זאָל אין מיין וועלט אַלע מאָל האָבען די אויבערהאַנד איבער מ א כ ט. וואָרים דאָס שטימט אויף גענוי מיט מיין מ אָ ר א ל און מיינע וואונשען. צום באַדויערען, האָב איך די געלעגענהייט ניט צו באַשאַפען די וועלט און איך נעם אַרונטער פון זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטליכקייט, איך נעם ניט אָן קיין לויב און קיין טאַדעל פאַר דער וועלט־אָרדנונג".

און לאַסאַל ערקלערט ווייטער, אַז ער איז ניט אויסען געווען צו ווייזען, ווי ער האָט ג ע ז אָ ל ט זיין, נאָר ווי עס א י ז אין דער ווירקליכקייט, אַז זיין כונה איז ניט געווען צו געבען אַן עטהישע אָפּהאַנדלונג, נאָר אַ היסטאָרישע אונטערזוכונג. און עס שטעלט זיך אַרויס: אמת, רעכט האָט גאַנץ געוויס געדאַרפט האָבען די אויבערהאַנד איבער מאַכט, נאָר אין דער ווירקליכקייט האָט מאַכט שטענדיג די אויבערהאַנד איבער רעכט, ביז דאָס רעכט נעמט זיך אָן מיט גענוג מאַכט צו שטירצען די מאַכט פון אומרעכט.

ער ענטוויקעלט ווייטער דעם געדאַנק, אַז די געשיכטע פון דער פּרייסישער קאָנסטיטוציע זייט דעם יאָהר 1848 איז אַ רייהע פון אונאויפהערליכע רעכט־ברוכען, און ער זאָגט: „וואָס באַטייט אַלזאָ, דער פרומער יובעל מיט וועלכען די קאַמער האָט אויפגענומען די ערקלערונג פון גראַף שווערין, אַז אין פּרייסישען שטאַאַט האָט רעכט אַלע מאָל די אויבערהאַנד איבער מאַכט? אַ פרומער קינדער־וואונש און נישט מעהר! אַן ערנסטערע באַדייטונג וואָלט עס געהאַט ביי מענער, וועלכע וואָלטען פעסט ענטשלאָסען געווען צו ברייננגען צום טריאומף פון רעכט איבער מאַכט. אָבער אין

פרייסען האָט קיין מענש ניט דאָס רעכט צו רעדען וועגען „רעכט“, אויסער דער דעמאָקראַטיע, דער אַלטער אמת׳ער דעמאָקראַטיע, דען זי אַליין איז עס געווען, וועלכע האָט זיך שטענדיג געהאַלטען ביי רעכט און האָט זיך קיינמאָל ניט ערנידריגט ביז צו אַ פשרה מיט דער מאַכט“.

די פראַגע וועגען דעם געגענזייטיגען פארהעלטניס צווישען מאַכט און רעכט איז, אַלזאָ, פאַר לאַסאַל׳ען געווען אַ פראַגע פון פאַקטען, פון דער ווירקליכקייט, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגען וועגען דעם — איז מערקווירדיג טרעפענד און קען ניט אָפּגעלייקענט ווערען אין וועלכע פאַלען רעכט באַנוצט מאַכט און אין וועלכע ניט ; ווען מאַכט ווערט רעכט און ווען זי ווערט אומרעכט — דאָס האָט לאַסאַל פארשטאַנען און ערקלערט בעסער, ווי ווער עס איז האָט עס ווען געטאָן.

און ניט נאָר אין באַצוג צו דער פאַקטישער לאַגע, פון פראַקטישען שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פון אַ טיעפערען טעאָרעטיש־רעכטליכען שטאַנדפּונקט האָט ער אונטערזוכט און באַגריפען דאָס געגענזייטיגע פארהעלטניס צווישען דעם אַלטען און נייעם רעכט — דער מאַכט פון אַלטען רעכט אָן וועלכען עס הענגען זיך אָן די קאָנסערוואַטאָרען, און דעם רעכט פון דער נייער גייסטיגער מאַכט, וואָס ווערט פראָקלאַמירט פון די ראַדיקאַלע פּאַרטייען. דאָס אַלטע רעכט איז דאָס ערוואָרבענע רעכט. די נייע מאַכט איז דאָס נייע רעכט־באַוואוסטזיין. ווי פארהאַלט זיך דאָס נייע רעכט־באַוואוסטזיין צו דעם ערוואָרבענעם רעכט. דאָס נייע רעכט־באַוואוסטזיין וויל איינטיילען נייע רעכט און אָפּשאַפען אַלטע רעכט, אָבער ווי ווייט לאָזט זיך געהן אין דער ריכטונג ? וועלכע אַלטע רעכט זיינען כשר ערוואָרבען און טאָרען ניט געריהרט ווערען ? זיינען אַלע רעכט אזעלכע, דאַן קומען מיר צו אַ שטילשטאַנד ; די פאַרגאַנגענהייט טויטעט אָפּ די געגענוואַרט. און ווען פאַרקערט, קיינער טאָר ניט בויען אויף זיין ערוואָרבענעם רעכט, מאַכט די געגענוואַרט אַ תל פון דער פאַרגאַנגענהייט. שטעלט זיך דאָ פאַר אונז אַוועק דער באַגריף פון „ערוואָרבענעם רעכט“, וואָס ווערט פון לאַסאַלען באַהאַנדעלט אין זיין גרויסען הויפּט־ווערק „דאָס סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט“.

.ס

דער באַגריף פון ערוואָרבענעם רעכט.

די אויפגאַבע וואָס לאַסאַל האָט זיך געשטעלט אין זיין הויפּט־ווערק, ווי ער באַמערקט אין דער פאָררעדע, איז ניט קיין גרינגערע, ווי ארויסצובריינגען דורך אַ יורידיש־וויסענשאַפטליכען אנאַליז, דעם פּאָליטיש־סאָציאַלען געדאַנק, וואָס ליגט צו גרונד פון אונזער גאַנצער צייט־פּעריאָדע. „וואָס איז — פרעגט לאַסאַל, — דער אינערסטער גרונד פון אונזער גאַנצען פּאָליטישען און סאָציאַלען קאַמפּף ? דאָס, וואָס דער באַגריף פון ערוואָרבענעם רעכט איז ווידער געוואָרען אַ שטרייט־פראַגע, אין יורידישען, פּאָליטישען און עקאָנאָמישען געביעט איז דער באַגריף פון ערוואָרבענעם רעכט די טרייבענדע פּרוזשינע פון יעדער ווייטערער ענטוויקלונג, און אפילו דאָרט, וואו דער יורידישער עלעמענט שיידט זיך ווי אין גאַנצען אָפּ פון פּאָליטישען, און שיינט צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פראַגע פון ריין פּריוואַטען רעכט, ווערט ער נאָך מעהר פּאָליטיש, ווי דער פּאָליטישער עלעמענט גופא, ווייל דאַמאַלס נעמט ער אָן אַ געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער".

שוין דאָס אַליין, וואָס מען מוז אָנווייזען אויף דעם פּונקט, מיינט לאַסאַל, באַווייזט ווי אויבערפלעכליך דער באַגריף פון פּאָליטישען איז אויפגעפאַסט געוואָרען פון די וואָרט־פיהרער פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע.

דער ציעל פון דעם ווערק, ווי עס איז שוין צו זעהן פון זיין טיטעל, איז שלום צו מאַכען צווישען דער וויסענשאַפט פון פּאָזיטיווען רעכט און נאַטור־רעכט *). דער שטאַנדפּונקט, וואָס

---

*) פּאָזיטיווע רעכט — דאָס פּאַקטיש־גילטיגע רעכט, ווי עס איז אויסגעדריקט אין די געזעצביכער; נאַטור־רעכט — דאָס „אייביג־גילטיגע רעכט.

לאַסאַל פאַרנעמט אין דעם פּרט, וווייזט אויף אַ גרויסען שריט פאָרווערטס אין פאַרגלייך מיט דעם שטאַנדפּונקט אין „הערקליט". ער איז שוין דאָ ניט אַזוי געבונדען מיט העגעל'ן. זיכער, ער באַצייכענט זיך נאָך אלץ פאַר אַן אַנהענגער פון העגעל'ס פּרינציפּען, און אנדערש האָט ער ניט געקאָנט טאָן, ניט זינדיגענדיג געגען אמת. אָבער דאָס שטערט איהם פון דעסטוועגען ניט אין פולער גייסטיגער זעלבסט־שטענדיגקייט קריטיש זיך צו פאַרהאַלטען צו אַ היבשען טייל פון די לעהרען פון העגעל'ן און זיין שולע. און באַלד שטעלט זיך אַרויס, אַז לאַסאַל האַלט ביים מאַכען די ווענדונג, אויף וועלכער ער האָט שוין געהאַט אָנגעוואונקען אין דער פאָררעדע צו „העראַקליט" (אין דער פאָררעדע ניט אין ווערק גופא) — די ווענדונג וואָס העגעל'ס פראַנצויזישע שילער האָבען שפּעטער געמאַכט און וועלכע איז באַשטאַנען אין דעם, צו פאַרוואַנדלען העגעלס פילאָזאָפיע, וואָס מעהר פון אַלע פילאָזאָפיען איז זי געוועזען די פילאָזאָפיע פון אַבסאָלוטען (וועלכע דערהויבט זיך איבער אַלע צייטליכע ערשיינונגען) אין פילאָזאָפיע פון רעלאַטיווען (וועלכע האַלט זיך נאָהענט ביי די ערשיינונגען) ; צו פאַרוואַנדלען די ריינסטע מעטאַפיזישע וועלט־אַנשויאונג פון לויטער געדאַנקען־ספּעקולאַציעס — אין אַ היסטאָרישע וועלט־אַנשויאונג, וואָס געהט מיט דעם גאַנג פון דער געשיכטע. דער דאָזיגער שטאַנדפּונקט שיינט צו זיין ניט זעהר ווייט פון דעם שטאַנדפּונקט פון די יעניגע, וועלכע ווילען אָנווענדען אין יוריספּרודענץ (רעכטס־וויסענשאַפט) די מאָדערנע וויסענשאַפטס מעטאָדע — די מעטאָדע פון עקספּערימענטען ; אָבער לאַסאַל'ס ליידענשאַפט פאַר דער העגעל'שער דיאַלעקטיק, די ריכטונג פון זיין גייסט, וואָס איז מעהר גענייגט געוועזען צו געוואַגטע געדאַנקען־שפּרונגען, איידער צו געדולדיגען און פאָרזיכטיגען פּרובען, זיין פאַרליעבע פאַר טעאָריען און היפּאָטעזען, געבויט אויף ריינער לאָגיק — דאָס אַלץ האָט איהם שטאַרק דערווייטערט פון דער וויסענשאַפטליכער מעטאָדע פון אונזער צייט.

נאָך לאַסאַל'ס מיינונג, האָט העגעל בלויז געגעבען דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון דעם ווערק, וואָס דאַרף געטאָן ווערען, און אַזוי ווי זיינע שילער, די העגליאַנער, אויס איינגעבאָרענעם שרעק צו

דערגעהן ביז צום תוך פון די זאַכען, האָבען נאָר איבערגעקייעט זייער רבין׳ס רייד, איז דאַרום זייער רעכט־פילאָזאָפיע געבליבען פונקט אַזוי פרעמד צו דער וויסענשאַפט פון פּאָזיטיווען רעכט, ווי אין אנדער געביעט. די נאַטור־פילאָזאָפיע איז געבליבען פרעמד צו דער נאַטור־וויסענשאַפט. די העגעל׳שע פילאָזאָפיע פון גייסט בכלל איז אין אַ גאַנץ שטאַרקען ווידערשפּרוך מיט זיין אייגענער מעטאָדע, וועלכע איז בויגיג און באַוועגליך. נאַטור־רעכט איז אין העגעל׳ס צייטען פאַרשטאַנען געוואָרען אַזוי : אַ רעכט וואָס איז אייביג, אין אַלע צייטען און אַלגעמיין גילטיג ; אַ רעכט וואָס איז אין פולען איינקלאַנג מיט דער ריינער פאַרנונפט. דאָס נאַטור־רעכט שטעהט צום פּאָזיטיוון אָדער היסטאָרישען רעכט אין זעלבען פאַרהעלטניס, ווי אַן אַלגעמיינער גרונד־געדאַנק צו דעם פועל יוצא פון איהם.

קיינעם איז ניט איינגעפאַלען, אַז דאָס „נאַטור־רעכט“ אַליין האָט אַ היסטאָרישע נאַטור, איז אַליין אַ היסטאָריש רעכט, כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ געוויסער עפּאָכע. פאַר זיי זיינען דאַרום די גרונד־באַגריפען פון זייער רעכטס פילאָזאָפיע, ווי אייגענטום, פאַמיליע, געוועזען אייביגע, אַפּסאָלוטע באַגריפען, וואָס האָבען געהאַט און וועלען האָבען גילטיגקייט אין אַלע צייטען פאַר דער גאַנצער וועלט. זיי זיינען ריין לאָגישע באַגריפען, דירעקט אַרויסגעפיהרט פון דער ריינער פאַרנונפט. און אַזוי איז דאָס היסטאָרישע רעכט פון העגעל׳ן קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען געוואָרען ; אויף וויפיעל עס שטימט ניט מיט דער נאַטור־רעכט, שטאַמט עס פאַר איהם פון אומפאַרנונפט, מוטוויליגקייט און געוואַלט.

אָבער די „ריינע פאַרנונפט“, דער גייסט איז דאָך אַליין ערשט אין פּראָצעס פון „ווערען“ אין דער געשיכטע. דערפון איז נעדרונגען, אַז מען קען ניט אין דער רעכטס־פילאָזאָפיע העצען וועגען ד ע ם אייגענטום, ד ע ם אומרעכט, ד ע ר פאַמיליע, ד ע ם ירושה־רעכט, ד ע ר געזעלשאַפט און ד ע ם שטאַאַט אַלס שלאַגיגע באַגריפען, נאָר מען דאַרף פון היסטאָרישען באַגריף פון גריכישען, רוימישען, דייטשען גייסט אַרויספיהרען און ענטוויקלען דעם באַגריף פון גריכישען, רוימישען, דייטשען אייגענטום, אומרעכט, א. ז. וו.

זעהט איהר, אין דער רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע האנדעלט העגעל שוין גאַנץ אַנדערש. א שענער רעזולטאַט וואָלט געווען, ווען אַנ־שטאַט צו שטודירען די פאַרשיעדענע רעליגיאָנען, וואָלט ער גענומען רעדען וועגען גאָט בכלל, וועגען דאָגמאַטען בכלל, וועגען יענער וועלט בכלל! דער עיקר איז צו באַהאַנדלען די אַלע פראַגען היסטאָריש, ניט מעטאַפיזיש...

העגעלס שילער האָבען אין דער רעכטס־פילאָזאָפיע נאָכגע־פאָלגט דער פאָרפיהרערישער שפּור פון זייער רבי'ן. אפילו דער טיכטיגסטער פון זיי, גאַנז, האָט פּונקט אַזוי אין זיין ווערק איבער ירושה־רעכט, ניט פיעל קלערענדיג, גענומען דעם באַגריף פון אונ־זער צייט וועגען ירושה־רעכט און איהם פאַרוואַנדעלט אין אַן אַלגע־מיינעם לאָגישען באַגריף, וואָס האָט גילטיגקייט פאַר אַלע צייטען. וואָס לאַסאַל האָט מיט דריי יאָהר שפּעטער, אין שטורם פון אַגיטאַ־ציע, געטאָן פאַר דעם עקאָנאָמישען באַגריף „קאַפּיטאַל“ און פאַר דעם יורידישען באַגריף „אייגענטום“ אין זיין שריפט „קאַפּיטאַל און אַרבייט“, וואו ער באַווייזט נעמליך, אַז זיי זיינען בשום אופן ניט אייביג און אוּנפאַרענדערליך, אַז זיי זיינען אויסגעוואַקסען און האָבען זיך ענטוויקעלט היסטאָריש, אונטער געוויסע היסטאָרישע באַדינגונגען, מיט וועלכע זיי קומען און פאַרגעהן — דאָסזעלביגע האָט לאַסאַל געטאָן אין דער הויפּט ווערק זיינער פאַר אַלע יורידישע באַגריפען — אין דעם צווייטען טייל, הויפּטזעכליך, פאַר דעם באַגריף „ירושה־רעכט *).

פּונקט אַזוי אַלט ווי דאָס רעכט גופא, איז דער האָס געגען ריקווירקונג — ווירקענדע געזעצען — געגען געזעצען וואָס וואַרפען צוריק זייער גילטיגקייט אויך אויף דער צייט, איידער זיי זיינען נאָך אָנגענומען געוואָרען. און די פראַגע וועגען דער צוריק־ווירקונג פון געזעצען פאַלט צוזאַמען מיט דער פראַגע וועגען ערוואָרבענעם רעכט.

וואָס מאַכט אַזוי פאַרהאַסט די צוריקווירקונג פון געזעצען, איז אָהן ספק די סכנה וואָס שטעקט אין דעם פאַר דער מענשליכער

---

*) „דאָס סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט“, 1, 68, 70; פאַרגלייך „קאַפּיטאַל און אַרבייט“, זייט 165, פּוסנאָטע.

פרייהייט ; די טיראַניי קריגט אַ פרייע האַנד אויסצוציהען דעם מענשענס פאַראַנטוואָרטליכקייט ווייט אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין. און אַרויסגעהענדיג פון דעם גרונד־געדאַנק, געפינט לאַסאַל די פאָרמולע פון דעם פאַרהעלטניס צווישען ערוואָרבענעם רעכט און דער צוריקווירקונג פון די געזעצען, וואָס דאָס איז ניט געלונגען קיין איינעם פון די פריהעריגע פאָרשער :

1. קיין געזעץ טאָר ניט צוריקווירקען, וואָס טרעפט דעם יחיד ערשט דורך אַן אַקט פון זיין ווילען.

2. יעדער געזעץ מוז צוריקווירקען, וואָס טרעפט דעם יחיד אָהן דער פאַראַנטוואָרטליכקייט פון זיין פרייווילליגען אַקט ; יעדער געזעץ וואָס ריהרט אָן דעם יחיד ד י ר ע ק ט אין יענע אייגענשאַפטען, וואָס זיינען ניט זיינע פערזענליכע נאָר אַלגעמיין מענשליכע, ניט פון זיין ווילען געשאַפענע, נאָר פון דער געזעלשאַפט אויף איהם אַריבערגעטראָגענע ; אָדער יעדער געזעץ, וואָס ריהרט אָן דעם יחיד דורך די ענדערונגען וואָס ער שאַפט אין דער געזעלשאַפט, איבערבויענדיג איהרע גרונד אינסטיטוציאָנען.

לאַסאַל באַווייזט אויספיהרליך, אַז דער ווידערווילען פון דער מאָדערנער צייט געגען דער ריקווערטס־גילטיגקייט פון געזעצען איז דורכאויס פרעמד געווען די פעלקער אויף די נידריגערע שטופען פון ציוויליזאַציע, ווען עס האָט נאָך געפעהלט דער באַגריף פון מענשען, אַלס זעלבסטשטענדיגען יחיד, וועלכער באַזיצט ווילענס־פרייהייט און פאַראַנטוואָרטליכקייט. נאָך איצט, ווען די כינעזער גיבען אַרויס אַ נייעם געזעץ, שטעמפּלען זיי אַלס פאַרברעכען אַ טאַט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען אין פולען פאַרטרויען אויף דעם אַלטען געזעץ און וועלכע איז אָבער אין ווידערשפּרוך מיט דעם נייעם, און אָהן רחמנות באַשטראָפען זיי אַזאַ טאַט אַלס פאַרברע־כען. אפילו די פאַרצייטיגע אידען זיינען נאָך ניט געווען דער־וואַקסען ביז צו רעספּעקט פון די הויך־ציוויליזירטע פעלקער פאַר דעם ערוואָרבענעם רעכט. אין דעם ירושה־פאַל פון צלפחד׳ס טעכטער (במדבר, 27, 1—11), וואו דער גאָט פון ישראל גיט אַרויס אַ נייע יוריסטישע ענטשיידונג, זינדיגט גאָט זעהר שטאַרק

מיט דעם וואָס ער לאָזט ווירקען אויף צוריק אַ פּריוואַט־ציווילען געזעץ, ניט האָבענדיג קיין ברעקעל אַהנונג, אַז דאָס טאָר מען ניט. דערפאַר איז ער דאָך געווען אַן אָריענטאַלישער גאָט, וועלכער האָט ניט שטודירט רוימישען רעכט און איז אויך ניט באַהאַוונט געווען אין גריכישער בילדונג און קונסט, ד. ה., דער גאָט פון אַ פאָלק, וואָס איז נאָך ניט געקומען אַזוי ווייט צו שעצען דעם ווערט פון יחיד — ניט אין רוימישען זין, אלס יורידישע פּערזענליכקייט און ניט אין גריכישען זין, אלס שענע אינדיווידואַליטעט.

לאַסאַל׳ס לאָגישער אויסגאַנגספּונקט איז אַלזאָ אייגענטליך דער געדאַנק, וועלכען ער האָט נאָך אַרויסגעזאָגט אין זיינע יונגע יאָהרען, אין זיין ערשטער רעדע פאַר די געשוואָרענע — דאָס איז דער געדאַנק, אַז „דער געזעץ איז דער אויסדרוק פון רעכט־באַוואוסטזיין פון גאַנצען פאָלק און אַז דאָס געזעצליכע רעכט פון דעם יחיד איז נאָר דאָס, וואָס דער כסדר זיך בייטענדער אַלגעמיי־נער גייסט האָט איינמאָל באַשטימט, אַזוי אַז יעדע נייע באַשטי־מונג, וואָס פליסט פון פאָלקס גייסט אַרויס, פאַלט מיט דערזעלבער גילטינגקייט אויף דעם יחיד, ווי יעדע פריהעריגע באַשטימונג. פעסט און גאַראַנטירט פאַר דעם יחיד איז אַלזאָ נאָר דאָס, וואָס ער האָט אויף אַ געזעצליכען וועג איינמאָל אַרויסגעקראָגען פאַר זיך דורך אייגענער האַנדלונג און ווילען, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיינס“.

דער יחיד טאָר ניט אָפּצאַהמען פאַר זיך אַ באַזונדערען פּלאַץ אין רעכט, דורך וועלכען ער זאָל זיך קענען ערקלעהרען אלס זעלבסטשטענדיגער האַר פאַר אַלע צייטען און געגען אַלע קינפ־טיגע צווינגענדע און פאַרוועהרענדע געזעצען. די דורכפיהרונג פון אָט דעם גרונד־געדאַנק דורך דעם גאַנצען געביעט פון רעכט פאַרנעהמט דעם ערשטען טייל פון לאַסאַל׳ס ווערק. דער אַנאַליז איז קלאָר און שאַרף ביז גאָר און דאָס גאַנצע איז כמעט פריי פון פּאָלעמישע שטעלען. בלויז געגען שטאַהל׳ען, דעם באַקאַנטען ראָמאַנטישען רעאַקציאָנער, ערלויבט זיך לאַסאַל אַן ערנסטערע אַטאַקע. ער ווייזט אָן ווי יענעמס טעאָריען פיהרען דערצו, אַז די גאַנצע עקזיסטירענדע אָרדנונג זאָל פּראָקלאַמירט ווערען אלס הייליג און אומבאַריהרבאַר, ווייל נאָך שטאַהל׳ס לעהרע איז די

אָרדנונג, מיט אַלע רעכטען, וואָס פליסען פון איהר, דאָס ערוואָרבענע רעכט פון יחיד. „קיין צייט — רופט שטאַהל אויס — איז בארופען צו משפּט'ען די פארגאַנגענהייט און צו אנערקענען אָדער צו פארוואָרפען די רעכטען, וואָס שטאַמען פון דער פאַרגאַנגענהייט, לויט איהר אייגענעם אורטייל און באקוועמליכקייט."

נעווים, ענטפערט לאסאַל, אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס יעדע צייט איז אויטאָנאָם, פאַר זיך אַליין בעל־הבית, שטעהט דארום קיין צייט אונטער דער הערשאַפט פון אַן אַנדערער און איז ניט פאַרפליכטעט אָנצוהאַלטען אַ רעכט, וואָס איז אין ווידערשפּרוך מיט איהר אייגענעם רעכט־באוואוסטזיין און וואָס קומט איהר פאַר אַלס אומרעכט, מיט זיין געוועהנליכען שאַרפזין כאַפּט ער שטאַהלען ביי איינינע ווידערשפּרוכען מיט זיך אַליין, און ער קען זיך ניט אָפּזאָגען דאָס פאַרגעניגען אָנצואווייזען ביי זיין געגנער, דעם רעאַקציאָנער, יענעם אומפאַרמיידליכען יאַקאָבינישען הויך, מיט וועלכען יעדער, וואָס דערנעהנט זיך צו דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, שטעקט זיך אָן נעגען זיין אייגענעם ווילען.*)

די אינטערעסאַנטסטע אָפּטיילונג פון אָט דעם באַלעהרענדען ערשטען שטאַנד, ווען מען האָט אין זין די פסיכאָלאָגיע און דעם פּאָליטישען שטאַנדפּונקט פון דעם פאַרפאַסער, איז אָהן ספק די יעניגע, וואו ער באהאַנדעלט די פראַגע וועגען דער ריקווערטס־גילטינקייט פון די נעזעצען פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. (באַנד 1, 449). דער „רעוואָלוציאָנער אויס פּרינציפּ" — דער טיטעל, וואָס ער האָט זיך געגעבען — קריגט דאָ אַ נייע באַלייכטונג, און זיין טעאָריע — אַ מערקווירדיגע באַשטעטיגונג. און צולעצט ווייזט זיך דאָ ארויס, אַז עס איז ניט קיין באַריהמעריי פון זיין זייט, נאָר דער ריינער אמת, ווען ער זאָגט שפּעטער איינמאָל, ווענדענדיג זיך צו זיינע ריכטער: „קענט איהר דעם אינערליכען צוזאַמענהאַנג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנס־געשיכטע, מיינע הערען? איך האָב זי ערפאָרשט ביז צו איהר טיעפסטען אָדערל!"**)

---

*) „דאָס סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט", 1, 61, 197, 21, 200.

**) „די אינדירעקטע שטייער", זייט 116.

די אַלטע, ציצעראָ, צום ביישפּיעל, האָבען געלערענט: אַלץ, וואָס איז באַשטימט דורך דעם מנהג, דורך דעם מאָראַלישען הסכם פון גאַנצען פאָלק, אפילו ווען עס איז נאָך ניט פארקערפערט געוואָרען אין אַ געזעץ, קען דאָך, ווען עס ווערט אַ געזעץ, באַטראַכט ווערען אַלס עטוואָס, וואָס האָט זיך שוין פריהער געפונען אין דעם רעכט — אַזוי אַז דער נייער געזעץ איז נאָר אַ דעקלאַראַציע פון דעם אינהאַלט פון רעכט. און דערפאַר, לויט דער אנשויאונג פון די אַלטע, קען אַזאַ געזעץ על פי יושר האָבען אַ ריקווערטס־ווירקונג. אין געגענזאַץ צו דער לעהרע באַטאַנט לאַסאַל, אַז אַזוינס האָט נאָר געקענט גילטען ביי די פעלקער פון אַלטערטום, ווייל נאָר ביי יענע פעלקער האָט געהערשט אַזאַ פאָלשטענדיגע מאָראַלישע איבעראיינשטימיגקייט צווישען אַלע זייערע מיטגליעדער. פאַר דער מאָדערנער צייט מוז מען זיך באַנוגענען מיט דער פאָדערונג, אַז נאָר אַזאַ אינהאַלט פון אַלגעמיינעם רעכטס־באַוואוסטזיין פאַרדיענט אַנערקענט צו ווערען אַלס רעכט, וואָס איז שוין — דירעקט אָדער שטילשווייגענד — דורכגעזעצט געוואָרען. אָבער איצט קומט די פראַגע: וואָס איז נויטיג דערצו, אום מען זאָל קענען זאָגען: דער עלעמענט פון רעכט האָט זיך דורכגעזעצט? וואָס ליעגט אין דעם באַגריף? קלאָר, דאָס הייסט בשום אופן ניט, אַז דער אינהאַלט פון רעכטס־באַוואוסטזיין זאָל דוקא אויסגעדריקט זיין אין *ווערטער*; ער קען פונקט אַזוי גוט פעסטגעשטעלט און פארווירקליכט ווערען דורך *האנדלונגען* פון גאַנצען פאָלק.

דער פראַנצויזישער קאָנווענט האָט דורך דעם געזעץ פון 17טען ניוואָז פון 2טען יאָהר פון דער רעוואָלוציע באַשטימט, אַז אַלע ירושות, וואָס האָבען זיך געעפענט זייט דעם 14טען יולי 1789, פאַלען אויך אַרונטער אונטער דער ווירקונג פון דעם געזעץ. אונטער דער רעאַקציע פון טערמידאָר זיינען אַלע פאַראָרדנונגען אויף דעם סמך פון דעם געזעץ געשטעמפּעלט געוואָרען אַלס אומגעזעצליך, ווייל זיי ענטהאַלטען כלומרשט אָפענע צוריקווירקונג פון געזעץ. אין דער אמת'ען אָבער האָט דער קאָנווענט זיכער קיין כונה ניט געהאַט עובר צו זיין אויף דעם כלל, אַז עס טאָר ניט זיין קיין צוריקווירקונג. אין דער מאָטיווירונג פון דעם געזעץ

לייקענט ער עס אויסדריקליך, ערקלעהרענדיג, אז דער געזעץ ענט־וויקעלט נאָר די פּרינציפּען, וואָס זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרען פון גרויסען פאָלק; און ער גיט נאָך צו, אז פון צוריקווירקונג וואָלט מען נאָר יעמאָלט געקענט רעדען, ווען די גרענעצען וואָלטען איבערטראָטען געווען. דאָך, ווי מיר האָבען אויבען דערמאָנט, איז די דאָזיגע אזוי גערופענע צוריקווירקונג שפּעטער געבראַכט געוואָרען אלס ביישפּיעל פון די שוידערליכע אומגעזעצליכקייטען, מיט וועלכע דער פראַנצויזישער קאָנווענט האָט זיך פארשולדיגט. אָבער אין יענעם היסטאָרישען טאָג — דעם 14טען יולי 1789 — האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק דורך דעם שטורם פון באַסטיליען אויסגעדריקט אַ רעכטס־באַוואוסטזיין, וואָס האָט פארוואָרפען אַלע פּריווילעגיעס און מאָנאָפּאָלען; און קען מען ניט זאָגען, אז דורך אַזעלכע אַקטען ווערען איינגעפיהרט געזעצען, וואָס גיבען פּראַק־טישע פאָרמען פאר דעם נייעם רעכטס־באַוואוסטזיין. איז אָבער די זאַך גאַנץ אַנדערש דאָ, וואו דער אינהאַלט פון דעם נייעם רעכט איז אויסשליסליך אין דער אָפּלייקענונג פון פריהעריגע פּריווילעגיעס און מאָנאָפּאָלען. און אין דער ווירקליכקייט האָט דער קאָנווענט נאָר אַזעלכע געזעצען צוריקגעפיהרט צום 14טען יולי 1789.

„אזוי זעהען מיר — זאָגט לאַסאַל — אז אָט די פילאָזאָפישע פארזאמלונג האָט ערקלעהרט, אז זיינע ירושה־געזעצען זיינען ניט מעהר ווי אַ דעקלאַראַציע פון די פּרינציפּען, וואָס דאָס פאָלק אַליין האָט פּראָקלאַמירט און דערהויבען צו רעכט מיט דעם נעה־מען פון באַסטיליען. און די געשיכטע האָט דאָפּעלט געגעבען גערעכט דעם קאָנווענט: ערשטענס דורך דעם, וואָס די פּרינ־ציפּען פון דעם געזעץ פון 17טען ניוואָז (אריבערגעטראָגען אין דעם בארימטען ציוויל־קאָדעקס) האָבען איינגעהאַלטען אומבאַ־שטריטען זייער גילטיגקייט סיי אונטער דעם ערשטען קייזערטום (פון נאַפּאָלעאָן דעם 1טען) און סיי אפילו אונטער דער רעסטאַור־ראַציע (די ווידער־אויפשטעלונג פון דער בורבאָנען־דינאַסטיע), און ווידער אַמאָל אונטער דער יולי־דינאַסטיע און אונטער דעם צווייטען קייזערטום (נאַפּאָלעאָן דעם 3טען), און דערמיט האָבען זיי באַוויזען, אז זיי זיינען געווען אַ נויטיגער, אומבאַדינגטער

טייל פון דעם רעכטס־באוואוסטזיין, וואָס האָט זיך דורכגעבראָכען צו הערשאפט צוזאמען מיט דער רעוואָלוציע. און צווייטענס, האָט די געשיכטע נעגעבען נערעכט דעם קאָנווענט דערמיט, וואָס אַלע געשיכטס־שרייבער, פראנצויזישע ווי דייטשע, רעאקציאָנערע ווי רעוואָלוציאָנערע, אַלע פילאָסאָפישע ווערק ווי אַלע היסטאָרישע לעהר־ביכער דאטירען די פראנצויזישע רעוואָלוציע פון 14טען יולי 1789!"

און קענטיג, אז לאַסאַל ברענגט די אַלע אינטערעסאנטע פאַקטען ניט אָהן א נעפיהל פון נצחון; ווייל ניט נאָר באשטע־טיגען זיי און באַרעכטיגען די געזעצען, וואָס שפּרינגען ארויס פון א רעוואָלוציע, נאָר זיי באשטעטיגען און באַרעכטיגען אויך זייער צוריקווירקונג, וועלכע דאַרף גערעכענט ווערען פאַר גענוג באַ־גרינדעט בלויז דורך דעם בארופען זיך אויף דעם ניט געשריבענעם געזעץ, אויף דעם נייעם, ריין־רעוואָלוציאָנערען באוואוסטזיין, וואָס קען זיך אויסדריקען אין איין און איינציגער און נאָך לאַ־סאַל'ס מיינונג טיעף באַרעכטיגטער מאכט אָדער געוואלט־טאַט.

עס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאַר לאַסאַל'ען, וואָס ער דערמאָנט מיט קיין וואָרט ניט דעם פאַקט, אז באַסטיליען, צו דער צייט, ווען זי איז געשטורמט געוואָרען, איז געווען כמעט א לעדיגע פעסטונג, וואו עס זיינען איינגעשפּאַרט געווען געוועהנ־ליכע פאַרברעכער; פונקט אזוי וועניג דערמאָנט ער דעם נאָך וויכטיגערען פאַקט, אז איהר גאַרניזאָן איז באַשטאַנען פון מוטיגע אינוואַלידען, וועלכע האָבען געזוכט צו שאָנעווען די אָנפאַלער, און די אָנפאַלער זיינען צונויפרעקרוטירט געווען פון א הארצ־לאָזען, בלוטדורשטיגען שטאָדטישען ערב־רב. לאַסאַל זעהט אין דעם שטורם פון באַסטיליען בלויז א סימבאָלישע טאַט, וואָס האָט באַטייט פאַר איהם דעם פאַל פון דער דעספּאָטישער זעלבסט־הערשאַפט.

מען זעהט גלייך, אז לאַסאַל איז גאַנץ ווייט דערפון צו באַ־רעכטיגען יעדען אויפשטאַנד און יעדען צוריקווירקענדען געזעץ, וואָס ווערט ארויסגעגעבען פון א רעגירונג, וועלכע איז צופעליג אין מאכט אין א געוויסען מאָמענט. אלענפאלס, עס איז אַלעמאָל פאַראַן א סמן, לויט וועלכען מען קען אונטערשיידען וועלכע רע־

וואָלוציעס זיינען נאָך לאַסאַל'ס מיינונג באַגרינדעט און וועלכע זיינען אומבאַגרינדעט און צוועקלאָז. און דערפאַר איז לאָטאַר בוכער אומגערעכט, ווען ער שרייבט אין דער פאָררעדע צו דער צווייטער אויסגאַבע פון לאַסאַל'ס הויפּט־ווערק, אין 1881 — אגב, א גאַנץ אומבאַדייטענדע פאָררעדע, וועלכע טראָגט נאָך דערצו דעם שטעמפּעל פון בוכערס אָפיציעלער פּאָזיציע — ווען ער שרייבט דאָרט מיט א טאָן פון פאָרוואורף צו לאַסאַל'ען, אַז עס איז זעהר שווער פאר א פּערזאָן, וואָס שטעהט נאָהענט צו די געשעהענישען צו באַשטימען צו דאָס פאָלק איז א געוויסען מאָמענט ווירקליך „זיך געוואָרען באַוואוסט פון זיין רעכט". און ער באַלערענט לאַסאַל'ען, אַז ניט יעדע צושטערונג פון א געביידע, מעג זי אפילו האָבען א סימבאָלישע באַדייטונג, קען זיך פאַרגלייכען מיט דעם שטורם פון באַסטיליען אין רעזולטאַטען — די אַלע פאָרוואורפען און טענות ריהרען אויף דאָס מינדסטע ניט אָן לאַסאַל'ען.

און אומזיסט האָט אויך געמיינט ראָדבערטוס־יאַגעצאָוו, אַז ער האָט דערלאַנגט א קלאַפּ לאַסאַל'ס לעהרע מיט דער פראַגע: „ווי קען איך וויסען, וואָס ווינשט דאָס פאָלקס־באַוואוסטזיין פון היינט, צי דאָס פאָלקס־באַוואוסטזיין פאַרוואַרפט דאָס גאַנצע פריהעריגע רעכט אָדער בלויז א באַשטימטע פאָרם זיינע?" (בלויז אין לעצטען פאַל איז דער, וואָס ווערט געטראָפען פון נייעם געזעץ, באַרעכטיגט נאָך לאַסאַל'ס לעהרע צו א באַלוינונג). דערויף האָט לאַסאַל גאַנץ קאָרעקט געענטפערט, אַז די פראַגע האָט אַבסאָלוט גאָרנישט צו טאָן מיט דער ריקווערטס־גילטיגקייט פון געזעץ. די פראַגע: וואָס ווינשט דאָס פאָלקס־באַוואוסטזיין פון היינט אָדער וואָס עס קען ווינשען אין דער צוקונפט בנוגע צו אַלע מעגליכע איינריכטונגען, ווי חתונה, שטאַאַט, מאָנאַרכיע, יאַגד, צייטונגען, לאַנד־אייגענטום, מינען־אייגענטום און אייגענטום בכלל — דאָס איז א פראַגע וועגען דעם א י נ ה אַ ל ט פון דעם פאָלקס־באַוואוסטזיין אין א געוויסען מאָמענט, אויף וועלכער קיין ענטפער קען ניט געגעבען ווערען מיט פאָרמעלע כללים. וואָס די טעאָריע פון דער צוריקווירקונג פון געזעץ טוט און וואָס מען קען ערוואַרטען פון איהר זי זאָל טאָן, איז פעסטצושטעלען די אַלגעמיינע לאָגיק

פון רעכט, וועלכע זאָגט: אויף וויפיעל עס ווערט ניט אָנגעריהרט דאָס רעכט, וואָס די פערזאָן האָט זיך ערוואָרבען דורך אַן אַקט פון איהר פרייען ווילען, קען דאָס פאָלקס־באַוואוסטזיין דיקטירען נייע געזעצען, וואָס האָבען אַ גילטיגקייט אויך אויף צוריק און שאַפען נייע רעכטע און פריווילעגיעס, וואָס די פערזאָן האָט זיך ערוואָרבען, אונאָפהענגיג פון איהר אייגענעם פאַרדיענסט, אויפ'ן סמך פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, מיט דער ערלויבניס פון פריהעריגען פאָלקס־באַוואוסטזיין. וואָס עס זאָל ניט זיין דער אינהאַלט פון פאָלק'ס רעכטס־באַוואוסטזיין, איצט אָדער שפּע־טער, ווייזט די לאָגיק פון רעכט, ווי אַזוי דער נייער אינהאַלט זאָל אָנגעווענדט ווערען אויף די עקזיסטירענדע באַדינגונגען, וואָס עס פליסט יא אַרויס פון איהם און וואָס ניט. דער אינהאַלט גופא פון פאָלקס־באַוואוסטזיין ווערט אָנגענומען אַלס שוין באַ־קאַנט.

און מיט זיין דיין לאַסאַליאַנישער מאַנערע, וואָס זאָגט עדות אויף דער נאַטור פון אַ דענקער און פיהרער צוגלייך, שרייבט לאַסאַל אין אַ פּריוואַטען בריעף צו ראָדבערטוסען פון 17טען פעברואר 1863:

„איהר זייט, נאַטירליך, גאַנץ גערעכט, ווען איהר זאָגט, אַז ניט דער באַשלוס פון דער מאַיאָריטעט און ניט אפילו אַ רעפע־רענדום קענען דיענען אַלס זיכערע גאַראַנטיע, אַז דאָס און דאָס ווינשט דאָס פאָלקס־באַוואוסטזיין פון וועלכער עס איז צייט. ווי אַזוי זאָל איך דאָס אויסגעפינען? איך מיין גאַנץ איינפאַך: וואָס איך קען באַווייזען אַלס אמת, דורך פאַרנונפט, לאָגיק און וויסענ־שאַפט, צו זיך אַליין און צו דער צייט — ד אָ ס ו ו י נ ש ט ד י צ י י ט".

7.

ירושה־רעכט.

דער צווייטער טייל פון לאַסאַל׳ס גרויסען ווערק באַשעפטיגט זיך אויסשליסליך מיט דעם ירושה־רעכט ; ספּעציעל מיט דעם רוימישען ירושה־רעכט. דער ציעל פון דעם ווערק איז איבערהויפּט אוועקצומאַכען מיט דעם אונטערשיעד צווישען היסטאָרישער און דאָגמאַטישער באַהאַנדלונג פון רעכט (דאָס הייסט, לאַסאַל וויל האָבען, אַז דאָס רעכט זאָל ניט באַטראַכט ווערען אַלס אַ זאַמלונג פון דאָגמאַטען, עיקרים, וואָס עקזיסטירען פאַר זיך אַליין און דורך זיך אַליין, אָהן שום שייכות צו דער סביבה און דער צייט, ווי אַ גלויביגער באַטראַכט די עיקרים פון דער אמונה — די רעליגיאָנס־דאָגמאַטען. לויט לאַסאַלען, איז דאָס עקזיסטירענדע רעכט אַ היסטאָרישע ערשיינונג, און אַלס אַזעלכער, איז עס אַ רעזולטאַט פון פריהעריגער ענטוויקלונג און געפינט זיך אין ענגסטען צוזאַ־מענהאַנג מיט די געזעלשאַפטליכע און גייסטיגע באַדינגונגען פון מאָמענט).

און אין איינקלאַנג מיט דעם ציעל פון גאַנצען ווערק, זוכט לאַסאַל אין צווייטען טייל צו באַווייזען אויף דעם גרויסאַרטיגען ביישפּיעל פון רוימישען ירושה־רעכט, אַז דאָס דאָגמאַטישע פון אַ רעכט־אינסטיטוט קען נאָר פאַרשטאַנען ווערען דורך זיין היסטאָ־רישער באַדייטונג, דאָס הייסט, דורך דער באַשטימטער גייסטיגער שטופּע, וואָס האָט צו דער אָדער יענער צייט געדיענט אַלס פונדאַ־מענט פאַר דעם דאָזיגען אינסטיטוט.

לאַסאַל באַהויפּטעט ניט מעהר און ניט ווייניגער, אַז ניט נאָר די אָדער יענע איינצעלהייט אין רוימישען ירושה־רעכט, נאָר דאָס גאַנצע סיסטעם פון רוימישען ירושה־רעכט איז ביז אויף היינטיגען

טאָג אַפּסאָלוט ניט פאַרשטאַנען געוואָרען און איז פאַרבליבען אַן אומגעלעזטע רעטעניש.

די באַהויפּטונג איז געשטיצט אויף אַן אומצופרידענשטעלענדער אויסטייטשונג פון אַ טונקעלער שטעלע ביים רוימישען יוריסט גאַיוס, וואו יענער רעדט אַרום די אידעע פון „פאַמיליע עפּטאַר *) אַרויסגעהענדיג פון זיין אידעאַליסטישער אויפפאַסונג פון דער געשיכטע און באַנוצענדיג זיך מיט העגעל׳ס ריזיקאַלישער מעטאָדע, ענטוויקעלט לאַסאַל אַ טעאָריע פון רוימישען ירושה־רעכט, וואָס די מאָדערנע רעכטס וויסענשאַפט האָט פאַרוואָרפען. אָבער אויף וויפיעל די טעאָריע איז ריכטיג צו ניט, געהט דאָך מיר ניט אָן. איצט איז פאַר מיר וויכטיג ערשטענס, צו געבען דעם לעזער אַ פולען און גענויען באַגריף וועגען דעם ברייטען שוואונג, ווייטען קוק, טיעפזיניגקייט און געלעהרזאַמקייט, וואָס לאַסאַל ווייזט אַרויס אין דער באַהאַנדלונג פון זיין גרונד, ווייטער וויל איך אַרויסברייגגען דעם ריין־פּסיכאָלאָגישען הינטערגרונד פון זיין מעטאָדע: דער אופן, ווי אַזוי לאַסאַל טרעט צו צום רוימישען ירושה־רעכט, זאָל דעם לעזער אַריינפיהרען אין דעם פאַרפאַסערס גייסטיגען ווארשטאַט, וואו ער וועט ענטדעקען די הויפּט פרוזשינע, די געהיימע טרייב־קראַפט, וואָס אָהן לאַסאַל׳ס וויסען באַשטימט זי דעם כאַראַקטער און ציעל פון זיין אונטערזוכונג.

מיר וועלען אויסגעפינען, אַז אַפילו ווען לאַסאַל גראָבט זיך אין רוימישער הלכה און די פירושים אויף איהר און שיינט צו זיין אין גאַנצען פאַרטאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט, שוועבען אַלץ פאַר זיין גייסטיגען אויג די קינפטיגע עוואָלוציעס און רעוואָלוציעס פון דער מענשהייט.

לאַסאַל האָט צוזאַמענגעבראַכט אַ ריזיגען מאַטעריאַל צו באַווייזען זיין גרונד־געדאַנק, אַז דער יורש, אין רוימישען זין פון

*) „פאַמיליע עפּטאַר״ — בוכשטעבליך דער אָפּקויפער פון דער באַלעבאַטישקייט, די פערזאָן, וועלכע פלעגט איבערנעמען פון שטאַרבענדען זיין פאַרמעגען, כדי עס איבערצוגעבען צו די ווירקליכע יורשים. דאָס אָפּקויפען איז נאָר געווען אַ צערעמאָניע, ווי אידען פאַרקויפען דעם חמץ צו אַ גוי אויף איבער פסח — פאַר אַ קופּערנעם גראָשען.

וואָרט, איז לכתחילה געווען בלויז דער יורש פון דעם ווילען, ניט פון דעם פאַרמעגען פון דעם פאַרשטאָרבענעם. דערפאַר איז דאָס רוימישע ירושה־רעכט, סיי לויט דעם געגענשטאַנד, וואָס עס באַהאַנדעלט, סיי לויט זיין כונה און אינטערעס און סיי לויט זיין היסטאָרישען אורשפּרונג, ניט קיין טייל פון פאַרמעגענס־רעכט, און איז אין עצם ניט קיין איבערטראָגונג פון פאַרמעגען — אַ מין מעטאַפיזישע, איבער'שכל'דיגע אנשויאונג וואָס איז דער היפוך פון דער נאַטירליכער פאַרשטעלונג וועגען ירושה. דער קריסטליכער אידעע פון אומשטערבליכקייט, פון דער אומענדליכקייט פון דער נשמה איז אין דער געשיכטע פאַראויסגעגאַנגען אַן אנדער אומענדליכקייט, אַ מעהר אויסערליכערע — די אומענדליכקייט פון פּערזענליכען ווילען, וואָס איז געציעלט צו דער אויסערליכער וועלט און איז צו איהר געקניפּט און געבונדען אַלס איהר אַנהאַלט. „עס שיינט — זאָגט קווינטיליאַן גאַאיוו — אַז עס איז קיין אנדער טרייסט ניטאָ פאַר דעם טויט, ווי דער ווילען, וואָס שטרעקט זיך אוים איבער'ן טויט“. לאַסאַל זעהט אין דעם אַ באַווייז פאַר זיין גרונדגעדאַנק, אַז די רוימישע אומשטערבליכקייט איז — די צוואה *).

ווייל די צוואה מוז אומבאַדינגט פאַרמעל אוועקזעצען אַ יורש און יעדע פאַרטיילונג פון דעם פאַרמעגען איז נישט גילטיג ווען דער בעל־צוואה האָט דאָס פאַרפעהלט צו טאָן און האָט אויסדריקליך ניט באַשטימט דעם פאַרטזעצער פון זיין ווילען; און ווייל דער דאָזיגער פונקט מוז פאַראויסגעהן אַלס אַנדערע פּונקטען, וואָס האָבען צו טאָן מיט די ירושות, מוז אוועקגעשטעלט ווערען אין סאַמע אָנהויב פון דער צוואה; און ווייל, צולעצט, אויב דער אוועקגעזעצטער יורש שטאַרבט, איידער ער האָט איבערגענומען די ירושה, אָדער זאָגט זיך אָפּ פון איהר, ווערט די גאַנצע צוואה, אַלס כלל, בטל און אַלע אָפּשרייבונגען פון פאַרמעגען ניט גילטיג —

*) באַנד 2, זייט 21. דער שטאַנדפּונקט לאַסאַל'ס ווערט געשטיצט פון מעין: „דער פאַרצייטיגער געזעץ“, 1861, ז. 190, 188.

פאָלגט פון דעם אַלעמען, אַז דער יורש איז דער, וואָס זיין עקזיסטענץ גיט ערשט אַן עקזיסטענץ דער צוואה און ערשט זיין ווילען גיט קראַפט דעם ווילען פון בעל־צוואה און געזעצליכע גילטיגקייט פאַר זיינע פאַראָרדנונגען.

אַלזאָ, נאָר אין דעם פאַל, ווען דער בעל־צוואה האָט אַ פאָרט־זעצער פון זיין ווילען אין יורש, עקזיסטירט נאָך זיין ווילען פאַר דעם געזעץ און איז זוכה דורכגעפיהרט צו ווערען דורך דער צוואה. ווען אָבער זיין ווילען האָט קיין לעבעדיגען פאָרטזעצער ניט, ווערט זיין ווילען צוריק דאָס, וואָס ער איז אין דער אמת׳ען : טויט, ווערטלאָז און ניט גילטיג.

ווען אָבער דער מיין פון ירושה איז צו באַזאָרגען די ווייטערע עקזיסטענץ פון דעם ווילען פון דעם בעל־צוואה, איז דער בעל־צוואה פאַראינטערעסירט ניט אין דעם, דער יורש זאָל עפּעס ה אָ ב ע ן, נאָר אין דעם, דער יורש זאָל ה א נ ד ל ע ן, — האַנדלען אין איינקלאַנג מיט זיין, דעם בעל־צוואה׳ס, ווילען. און לויט דער רוימישער פאָרשטעלונג קומט דער בעל־צוואה צו זיין טריאומף ערשט נאָך דעם, ווי ער צווינגט דעם יורש צו האַנדלען לויט זיין ווילען. אָבער כל זמן דער יורש האָט און האַנדעלט, דאָס הייסט, אי ער באַקומט די ירושה, אי ער נעמט זי איבער פאַר זיך — איז די לאַגע זעהר אַ צווייפעלהאַפטע. דען עס בלייבט נאָך אַ מעגליכקייט, אַז דער אייגענער אינטערעס פון יורש, זיין עגאָאיסטישער ווילען, אַנשטאַט פאָרטצוזעצען דעם ווילען פון בעל־צוואה, וועט איהם גיכער פאַרשלינגען און פאַרניכטען. א י י ן טיכטיגער מיטעל איז דאָך פאַראַן צו געבען אָט דער מעגליכקייט — און דאָס איז : באַוואָרענען, אַז דער יורש זאָל דורך דער צוואה קיין שום נוצען ניט קריגען פאַר זיך ; נאָך מעהר ווי דאָס : ער זאָל דירעקט געצוואונגען זיין צו האַנדלען געגען זיין עגאָאיסטישען אינטערעס. אַ יורש, וועלכער באַקומט גאָרנישט און איז דאָך אַ יורש און האַנדעלט לויט דעם ווילען פון בעל־צוואה (פאַרטיילענדיג די ירושה) — אַ ניט י ר ש ׳ ע נ־ד ע ר י ו ר ש איז אַ פעלזען־שטאַרקער באַווייז, אַז דאָס איז דער ווילען פון בעל־צוואה וואָס האַלט אַן דעם העכסטען גראַד הנאה פון זיין ווייטערע עקזיסטענץ. (באנד 2, ז. 71).

איז דער דאָזיגער קונציגער פּירוש שווין ניט צו קונציג, אום צו זיין אמת ? איז דאָס מעגליך, אַז אַזאַ נאַציאָן, ווי די רוימישע וואָס איהר שפּראַך אַליין כאַראַקטעריזירט זי אַלס פּראַקטישע, תכלית׳דיגע, נאָך געווינס לעבצענדע נאַציאָן — אַז אַזאַ נאַציאָן, אַנשטאַט צו פּאַרהייליגען דעם אייגענטומס אינטערעס פון יחיד, אַנשטאַט צו פּאַרגעטערען ב אַ ז י ץ, זאָל גאָר נעמען אַרויס־פיהרען איהר באַגריף פון ירושה פון אַ רעליגיעזער אידעע, זאָל אויסקליגלען אַ ירושה, וואָס טראָגט קיין אייגענטום ניט אַריבער און האָט מיט אייגענטום קיין שייכות ניט ? עס לאָזט זיך זאָגען אין פאָראויס, אַז אַזאַ אויפפאַסונג איז העכסט אומוואַרשיינליך, און ווענדען מיר אונזער פאַרשענדען בליק צו די קוועלען פון רוימי־שען רעכט, געפינען מיר, אַז אונזער צווייפעל איז אַ באַרעכטיגטער.

די קוועלען גיבען אונז גאָר ניט קיין צופרידענשטעלענדע אויפקלערונג וועגען דעם. די הויפּט וויכטיגע קוועלע, אַ קורצע באַמערקונג ביי גאַיוס, קען פאַרשטאַנען ווערען פאַרשידען ; אַ חוץ דעם איז אַ וויכטיגע שטעלע אין טעקס פון דער באַמערקונג, וואָס איז דערגאַנגען צו אונז בלויז אין איין מאַנוסקריפּט פון ווע־ראָנאַ, שטאַרק פאַרקריפּעלט געוואָרען פון דעם איבערשרייבער. די אַזוי גערופענע צוואה דורך „מטבע און וואָג“, דורך אַ „קנין“ — איז אויפגעקומען אין רוים ערשט נאָך צוויי פריהערדיגע צוואה־פאָרמען. ווען און ווי אַזוי די דריטע צוואה־פאָרם ווערט געבראַכט און ווי זי דאַרף צוזאַמענגעשטעלט ווערען — וועגען דעם זאָגט גאַיוס, אַז דער בעל צוואה פלעגט דורך „מאַנציפּיום“ — דורך דער צערעמאָניע פון איבערהענדיגונג — איבערלאָזען זיין פאַרמע־גען — לויט דער אַנשויאונג פון יענער צייט איז פאַרמעגען באַשטאַ־נען פון אַ געוויסער סומע פערזענליכען אייגענטום — אונטער דעם רשות פון אַ פריינד, וועלכער האָט זיך גערופען פאַמיליע עפּמטאָר — דעם „אייגענטום אָפּקויפער“, און אויף דעם פריינד פלעגט ער אַרויפלעגען די פליכט צו פאַרטיילען דעם פאַרמעגען צווישען געווי־סע פערזאָנען, וועלכע ער פלעגט אָנרופען, אָנווייזענדיג צוגלייך ווי גרויס עס זאָל זיין דער חלק פון דער און יענער פערזאָן.

און אָט דעם „מאַנציפּיום“ — די איבערהענדיגונג — פאַר־שטעהט לאַסאַל ניט אַלס איבערגעבונג פון אייגענטום, נאָר אַלס

איבערגעבונג פון דער פּערזענליכער מאכט פון בעל־צוואה צום פריינד, און דורך דער איבערגעבונג האָט דער פריינד באַקומען די פולע דעה איבער אַלץ, וואָס איז פריהער אונטערוואַרפן געווען צו דעם בעל־צוואה׳ס פּערזענליכער מאכט און ווילען. אַ באַווייז, אַז דאָ האַנדעלט זיך בלויז וועגן איבערגעבען אויטאָריטעט און נית אייגענטום, זעהט לאַסאַל אין די ווערטער „פאַמיליען" און „פּאַטרימאָניום", וועלכע ווערען געברויכט אין לאַטיינישען טעקסט. די פראַזע: „די זאַכען, וואָס ליגען אויסער אונזער פּאַטרימאָניזם" פאַרטייטשט לאַסאַל אין דעם זין, אַז זי דריקט אויס די אומפעהיג־קייט פון די זאַכען — „אַריינצוקומען אין דעם אייגענטומס־ספערע פון פּריוואַטען ווילען".

אָט די משונה׳דיגע אויסטייטשונג פון לאַטיינישען אויסדרוק לאָזט זיך בשום אופן נית פאַרטיידיגען. דער באַגריף אייגענטום שליסט שוין במילא איין אָפּהענגיגקייט פון דעם פּריוואַטען ווילען פון אייגענטום. און מען קען דאַרום נית רעדען וועגען „דער איי־גענטום־ספערע פון פּריוואַטען ווילען" — דאָס איז צוויי מאָל ווידערהאָלט איינס און דאָסזעלבע. מען קען רעדען אָדער וועגען דער „ספערע פון פּריוואַטען אייגענטום", אָדער וועגען די רעכט־ספערע פון פּריוואַטען ווילען. ווען אַ געוויסע זאַך קען נית אַריינקומען אין דער רעכט־ספערע פון פּריוואַטען ווילען, מיינט עס פשוט, אַז זי קען נית ווערען קיין פּריוואַט־אייגענטום, וואָרים פולע פּאַקטישע און יורידישע אָפּהענגיגקייט פון דעם ווילען פון אַ געוויי־סען פּערזאָן איז דאָס, וואָס מען רופט אייגענטום. די לאַטיינישע פראַזע: „די זאַכען, וואָס ליגען אויסער אונזער פּאַטרימיניום" מיינט נית צו זאָגען אויסער דעם בעל־צוואה׳ס מאכט און ווילען, אויסער זיין רשות בכלל, נאָר אויסער יענעם ספּעציעלען סאָרט רשות וואָס הייסט אייגענטום.

דער הויפּט פּונקט פון לאַסאַל׳ס טעאָריע איז, וואָס ער באַ־טראַכט דעם פריינד, וועמען די ירושה ווערט איבערגעגעבען צו פאַרטיילונג און וועמען מיר רופען אָפּעקון, אַלס דעם יורש. ער פאַרזיכערט, אַז גאַיוס אַליין רופט דעם „פאַמיליע עמפּטאָר" יורש. אָבער ווען מען זאָל ריכטיג לייענען די באַטרעפענדע

שטעלע ביי גאיום, באקומט זיך גאָר עטוואס אנדערש. :עמליך: „נאָר אָט די צוויי פריהערדיגע צוואה־פאָרמען זיינען ארויס פון געברויך. געבליבען אין קראפט איז בלויז די פאָרמע דורך „מטבע און וואָג". אָבער איצט האָט זי גאָר אַן אנדער באדייטונג, ווי אמאָל, וואָרים פריהער פלעגט דער „פאמיליע עמפּטאָר" — ד. ה. דער יעניגער, וועלכער פלעגט איבערנעהמען די ירושה פון בעל־צוואה דורך „מאנציפּיום" פארטרעטען דעם פּלאַץ פון יורש, און דערפאַר פלעגט דער בעל צוואה איהם אָנווייזען, וואָס ער וויל עס זאָל געגעבען ווערען צו באשטימטע פערזאָנען נאָך זיין טויט. איצ־טער אָבער, ווערט אײַנער באשטימט אלס יורש לויט דער צוואה, און ער פאַרטיילט שוין די ירושות, און דער אַנדערער, בלויז פון פאָרמע וועגען, אין נאָכאהמונג פון דעם פארצייטיגען יורידישען מנהג, קריגט דעם טיטעל „פאמיליע עמפטאָר". בלויז מיט דער הילף פון דעם מאָדנעם טעות, וואָס לאַסאַל האָט געמאכט אין דער איבערזעצונג, איז איהם געלונגען אויסצוטייטשען די שטעלע אזוי, אז דער „פאמיליע עמפּטאָר" איז אנערקענט געווען אלס יורש.

אויב די שטעלע קען ניט דיענען אלס באַווייז, אז דער „פאמי־ליע עמפּטאָר" איז פון אנפאנג אויך געווען דער יורש, קענען פּונקט אזוי ווענינ דיענען אלס אזא באווייז די שפּעטערדיגע ירושה איינ־ריכטונגען, ווען דער „פאמיליע עמפּטאָר" און דער יורש האָבען עקזיסטירט זאָלבענאנד. אין דער שפּעטערדיגער צייט האָבען די פערזאָנען, וואָס זיינען אפּהענגיג געווען פון „פאמיליע עמפּטאָר" ניט געקענט גערופען ווערען אלס עדות צו דער צוואה, בעת די אפּ־הענגיגע פון יורש זיינען יאָ געווען כשר פאַר עדות. און לאַסאַל ערקלערט עס דערמיט וואָס דער „פאמיליע עמפּטאָר" איז גאָר פאַרצייטען געווען דער ווירקליכער יורש, בעת דער שפּעטערדיגער יורש פון אָנפאנג געווען אין דער אמת'ן נאָר „באשאָנקענער", וועלכער קריגט אויך א חלק אין דער ירושה. און די שטוביגע פון ערשטען יורש, אין געגענזאַץ צום צווייטען, האָבען ניט געקענט גענומען ווערען אלס עדות אויס דעם פּשוט'ען גרונד, וואָס דער ערשטער האָט זיך באַטייליגט אין „קנין" — מאנציפּיום, און דער אנדערער — ניט. און דערפאַר טאַקע, ווען שפּעטער האָט זיך אָפּגעשטעלט בלויז די מאנציפּיום־פאָרמע פון צוואה, האָבען די

שטוביגע פון „מאַציפּאַנט" — בעל־קנין — ניט געקענט אַרויס־טרעטען אלס עדות.

אין דער מיינונג, ווייזט אויס, שטיצט זיך אויף דער פאַרשטע־לונג, אַז די עדות אין דער מאַנציפּיום־צערעמאָניע האָבען געדאַרפט פאַרטרעטען דאָס פאָלק פון רוים, און דאָס פאָלק קען ניט פאַר־טראָטען זיין אין דער אנגעלעגענהייט פון אַ יחיד דורך פערזאָנען, וואָס באַלאַנגען צו זיין הויז־געזינד און געפינען זיך אונטער זיין מאַכט. און אַפילו שפּעטער, ווען דער „פאַמיליע עמפּטאָר" פלעגט נאָר באַשטימט ווערען פון פאָרמע וועגען, האָט זיך אויך איינגע־האַלטען דער מנהג, אַז אַן אַפּהענגיגער פון איהם טאָר קיין עדות ניט זיין.

מיט אַנדערע ווערטער, די זאַך איז אַזוי געווען: גאָר פאַר־צייטען פלעגט דער „פאַמיליע עמפּטאָר" איבערנעהמען אין זיין רשות דעם פאַרמעגען פון בעל־צוואה דורך אַ טאָפּעלטען יורידישען אַקט, וואָס קען דורך איין צד ניט צוריקגערופען ווערען — מיט דעם אויסדריקליכען צוועק צו פאַרטיילען דעם פאַרמעגען צווישען די יעניגע, צו וועמען דער בעל־צוואה האָט דאָס אָפּגעזאָגט. ער איז אויף אַזאַ אופן דער ערפּילער פון פאַרשטאָרבענעמס ווילען, אָבער ניט דער פאָרטזעצער פון זיין ווילען, אין דעם זין, ווי לאַסאַל האָט עס געמיינט. ער איז ניט געווען קיין יורש, ווייל דאָס ירש'ענען פון יורש שטיצט זיך, אָדער אויף אַ צוואה — דאָס הייסט, אויף אַן איינזייטיגען אַקט, וואָס קען דאַריבער צוריקגערופען ווערען, אָדער אויף אַ געזעץ, אָדער אויף אַ פאַמיליען־קאָנטראַקט. אָבער די פּאָזיציע פון דעם „פאַמיליע עמפּטאָר" איז ניט געשטיצט אויף קיין איינעם פון די דריי פונדאַמענטען, זעלבסטפאַרשטענדליך ניט אויף די ערשטע צוויי: ניט אויף צוואה און ניט אויף געזעץ. ער איז אויך ניט אין פּאָזיציע פון איינעם, וואָס ירש'ענט על פּי קאָנטראַקט, ווייל אַזאַ איינער וואָלט נאָך געדאַרפט אָנקומען צו דער עפענטליכקייט נאָך אַ באַשטעטיגונג פון קאָנטראַקט אום צו קענען איבערנעהמען דעם פאַרמעגען. דער „פאַמיליע עמפּטאָר" ווערט שוין דורך דעם אַקט פון „מאַנציפּיום" דער באַזיצער פון פאַר־מעגען אָהן ווייטערע צערעמאָניעס. צולעצט איז ער אויך ניט קיין

אפּעקון אין מאָדערנעם זין פון וואָרט. ער שפּיעלט גאָר אַן אויס־נאַהמס־ראָלע.

ווארום האָבען די יוריסטען ביז לאַסאַל'ן פאַרזעהן אין רוימי־שען ירושה־אַקט דאָס, וואָס ער האָט אין איהם ענטדעקט — פרעגט לאַסאַל, און ער ענטפערט: ווייל די יוריסטען ביים אויסטייטשען דאָס רוימישע רעכט נעהמען פאַר זייער אויסגאַנגס־פּונקט זיין לעצטע פאָרמע, ווי עס האָט זיך אויסגעגאָסען אונטער יוסטיניאַנען, אנשטאט צו ווענדען זיך צו די אורשפּרינגליכע רעכט־קוועלען. אָט ווי לאַסאַל פאַרשטעהט די פריהעריגע געשיכטע פון רוימישען ירושה־רעכט: גאַיוס טיילט אונז מיט: אַזוי ווי גאָר פּאַרצייטען האָט יעדער אין רוים געהאַט די פרייהייט אָפּצושרייבען זיין גאַנצען פאַרמעגען אין מתנות, אָדער לעגאַטען (די באַשענקטע האָבען זיך גערופען „לעגאַטאָרען") איבערלאָזענדיג פאַר דעם יורש נישט מעהר ווי דעם טיטעל, פלעגט גאַנץ אָפט טרעפען, אַז דער, וואָס איז באַשטימט געוואָרען פאַר דעם יורש, פלעגט זיך אָפּזאָגען פון דעם כבוד. אום אָפּצושאַפען דעם איבעל — דערצעהלט גאַיוס ווייטער — איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דער פעריוס־געזעץ (אַרום 183 יאָהר פאַר קריסטמעס געבורט), וואָס האָט פאַרגעשריבען, אַז אויס־נעהמענדיג געוויסע פערזאָנען, קען קיין לעגאַטאָר ניט באַשאַנקען ווערען מיט מעהר ווי טויזענד אַסס (אַן אומבאַדייטענדע סומע), אָבער דער געזעץ האָט ניט דערגרייכט זיין צוועק. די רוימישע בירגער פלעגען נאָך אַלץ פאַרטיילען זייערע פאַרמעגענס לויט זייער אייגענער איינזעהעניש, ניט רעכענענדיג זיך מיט'ן געזעץ. איז אויף דעם פאָרשלאַג פון וואָקאָן אַריינגעגעבען געוואָרען אַ נייער געזעץ (אַרום 169 יאָהר פאַר קריסטוס), וואָס האָט באַשטימט, אַז קיין לעגאַטאָר טאָר ניט קריגען מעהר ווי דער יורש. דער געזעץ האָט וועניגסטענס געזאָלט פאַרזיכערען דעם יורש אַ געווי־סען חלק פון דער ירושה. אבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען; ווייל באַשענקענדיג אַ גרויסע צאָהל פערזאָנען האָט מען געקענט דעם יורש איבערלאָזען אַ גאָרנישטיגע סומע, אַז איהם זאָל זיך פּשוט ניט לוינען צו נעהמען אויף זיך די לאַסטען פון נאָמינעלען יורש פאַר אַזאַ קנאַפּער באַפרידיגונג. איז דארום צולעצט (אַרום 40 יאָהר פאַר קריסטוס) אַרויסגעגעבען געוואָרען דער פאַלצידיוס

געזעץ, וואָס פאַרוועהרט צו פאַרטיילען אין מתנות מעהר ווי דריי פערטעל פון פאַרמעגען, אזוי אז דעם יורש זאָל גאַראַנטירט ווערען לכל הפחות א פערטעל פון פאַרמעגען.

גאַיוס, וואָס אין זיין צייט, מיינט לאַסאַל, די אַלטע מעטאַ־פאַזישע טעאָריע וועגען ירושה איז שוין מעהר ניט פאַרשטאַנען גע־וואָרען, האָט געזעהן אין די פאַרבעסערונגען, וואָס האָבען געפאָלגט איינע נאָך דער אנדערער אין די געזעצען נישט מעהר ווי פאַר־זוכען צו פאַרריכטען די אומגעלומפערטע רעאַקציע פון געזעצען. פאַרקעהרט, פאַר לאַסאַל'ען דיענען די דריי געזעצען, וואָס כאַפּען ארום א פעריאָדע פון 150 יאָהר, פאַר א באַווייז, וואָס פאַר א שווערען, האַרטנעקיגען קאַמף דעם רוימישען גייסט איז אויסגע־קומען צו פיהרען געגען זיינע אייגענע טיעפסטע אנשויאונגען. און אָט די אינערליכע מלחמה איז געפיהרט געוואָרען ניט צווישען יורש און לעגאַטאָר, ווי מען האָט באַהויפטעט, נאָר צווישען דעם ירושה־געבער, דער בעל־צוואה — און יורש. דער לעגאַטאָר איז ניט מעהר ווי דער זינדען־באָק, אויף וועמעס רוקען דער יורש דער־לאַנגט קלעפּ דעם ירושה־געבער. דאָס דאַרף קלאָר ווערען, זאָגט לאַסאַל, ווען מען זאָל זיך צוקוקען צו דעם סדר, אין וועלכען די געזעצען האָבען אָפּגעביטען איינע די אנדערע.

דער אויסגאַנגס־פּונקט זיינען די געזעצען פון די „צוועלף טאַ־בעלען", וועלכע זיינען אַם גינסטיגסטען פאַר'ן לעגאַטאָר. דער פוריוס־געזעץ שטעלט איהם מיט אַמאָל אין דער אומגינסטיגסטער לאַגע, באַגרענעצענדיג זיין חלק מיט 1000 אַסס. דעם לעגאַטאָרס לאַגע ווערט שטאַרק פאַרבעסערט דורך דעם וואָקאָן־געזעץ, וואָס ערלויבט איבערצולאָזען פאַר די לעגאַטאָרס א העלפט פון דעם פאַרמעגען, און זי פאַרבעסערט זיך נאָך מעהר דורך דעם פאַלצידיוס געזעץ, לויט וועלכען מען מעג אָפּשרייבען פאַר די לעגאַטאָרס דריי פערטעל פון פאַרמעגען — א רייה ענדערונגען, וואָס ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט די גלייכצייטיג ענדערונגען אין דער לאַגע פון יורש (זיין לאַגע איז דאָך אויך פאַרבעסערט געוואָרען דורך'ן לעצ־טען געזעץ), וואָלטען געבליבען אומפאַרשטענדליך, ווען מען זאָל אָננעהמען, אז דער קאַמף איז געפיהרט געוואָרען צווישען לעגאַ־טאָר און יורש.

פאַר לאַסאַל'ען טראָגט דער קאמף א גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. דאָס איז דער קאמף צווישען פּערזענליכען אינטערעס און געזונ־דען מענשען־פאַרשטאַנד פון איין זייט און דער הערשענדער רעלי־גיעז־מעטאַפאַזישער אַנשויאונג וועגען לעבען און טויט. אַזוי לאַנג דער רוימישער פאָלקס־גייסט איז נאָך טיעף איינגעוואָרצעלט אין לעבען און איז אומבאַשעדיגט פון אַטאַקעס, קען דער פּערזענליכער אינטערעס פון יורש ניט רעוואָלטירען, ווייל גראַדע אין ירושה איז פאַרקערפּערט דער בינדענדסטער און הייליגסטער פּרינציפּ פון רוימישען גייסט — זיין אומשטערבליכקייטס אידעע (דורך דעם יורש וויל דער שטאַרבענדער רוימער, לויט לאַסאַל'ס אויסטייטשונג, באַהויפּטען זיין אומשטערבליכקייט, די פאָרטזעצונג פון זיין ווילען נאָך'ן טויט, און דער יורש טאָר דאַרום ניט הנאה האָבען פון געבליבענעם פאַרמעגען) עס האָט געדאַרפט אַוועקגעהן אַ סך צייט, ביז דער יורש האָט געוואַגט צו ערקלערען פּרינציפּיעל, אַז ער וויל וואָס האָבען פאַר זיך אויך, אַ חוץ פליכטען צו די לעגאַטאַרס, און ניט זיין בלויז דער פאַרמעלער פאַרטיילער פון מתנות. צו אַזאַ ענט־וויקלונג האָט סוף כל סוף געמוזט קומען, ווייל דער געזונדער מענשען־פאַרשטאַנד לאָזט זיך ניט פאַרטרייבען אויף שטענדיג, ער מוז אַמאָל קומען צו זיין רעכט. דער פאַליצידיוס־געזעץ, וואָס פאַרזיכערט דעם יורש אַ פערטעל פון פאַרמעגען, באַטייט, אַז מען האָט שוין איינגעזעהען די פאַלשקייט פון דעם איינגערעדטען פּרינ־ציפּ, אויף וועלכען דאָס גאַנצע ירושה־סיסטעם איז פון אָנהויב אָן געשטיצט געוועז. מיט דעם פאַליצידיוס געזעץ הויבט זיך דאַרום אָן דער זיכערער אונטערגאַנג פון גאַנצען רוימישען ירושה־רעכט.

און אפילו איצט, נאָך'ן פאַליצידיוס געזעץ, האָט דער רוימי־שער פאָלקס־גייסט אויסגעבויט פאַר זיך אַ קדשי קדשים אין דעם האַלב הרוב'ען בית המקדש פון ירושה־רעכט. דער פאַליצידיוס־געזעץ איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אונטער קייזער אויגוסט, און אונטער דעם זעלבען קייזער איז פאַרעפענטליכט געוואָרען דער געזעץ וועגען „פידעי־קאָמיסום", וואָס האָט געשאַפען אַ נייע באַהעלטעניש פאַר דער „אומשטערבליכקייט" פון ירושה־געבער. דער געזעץ שרייבט פאַר, אַז די יעניגע, וועלכע האָבען זיך אָנגענו־מען צו זיין יורשים אויס פרייוויליגער טרייהייט צום פאָלקס־גייסט

און זיינע הייליגע טראדיציעס, קענען ניט און טארען ניט זיך באנוצען מיט די באגרענצונגען, וואס דער פאריגער געזעץ האט ארויפגעלעגט אויף דעם ירושה־געבער, און טארען ניט פארלאנגען דעם פערט־חלק, וואס דער פאליצידיוס־געזעץ באשטימט פאר זיי.

כל זמן דער רוימישער פאלקס־גייסט האלט זיך נאך, קלאמערט ער זיך מיט אלע כוחות אן דער אילוזיע, אז דער ווילען פון ירושה־געבער ווערט פארטגעזעצט אין ירושה־נעהמער, אז די ווילענס פון זיי ביידע איז איין ווילען. און וויפיעל מאל די געשיכטע, אין גאנג פון איהר עטנוויקלונג זאל ניט שטעמפלען די אנשויאונג אלס פאלש, זוכט אליץ דער פאלקס־גייסט זי צו רעטען, זאל זיין נישט מעהר ווי א בלאסען שאטען פון איהר. אלזא, אין דער צוואה בוקט זיך דאס רוימישע פאלק צו זיין אייגענעם וועזען, ווארים די רוימער האבען אין דער צוואה געזעהן דעם העכסטען זעלבסט־אויסדרוק פון זייער פאלקס־גייסט, און אליץ, אין וואס א פאלק פייערט זיין קאלעקטיווען גייסט, געהערט צו קולט און רעליגיאן. און דערפאר טאקע פלעגען צוואות געשריבען און גע'חתמ'עט ווערען ניט נאר אויף פאלקס־פארזאמלונגען און אין דער אנוועזענהייט פון פריסטער, נאר דוקא אין די אזוי־גערופענע ק א מ י־צ י ע ס, די פארזאמלונגען וואס פלעגען ספעציעל פאררופען ווערען פאר ריין רעליגיעזע צוועקען. און דורך דעם פלעגט דער ווילען פון רוימער, א פריוואטער ווילען ביי זיין לעבען, ווערען אן עפענטליכער ווילען נאך זיין טויט.

בארופענדיג זיך אויף דעם געזעץ וועגען ניט געשריבענע צוואות לויט וועלכען א רוימער, וועלכער פלעגט ניט איבערלאזען קיין פארמעלע צוואה, האט געהאט דאס אומבאשרענקטע רעכט צו טאן מיט זיין פארמעגען וואס ער האט נאר געוואלט, זאגט מען אפט, אז דער רוימישער ירושה־געבער איז געגליכען צו א געזעצ־געבער. אבער דאס איז נאך ניט גענוג שטארק געזאגט. אין רוים איז געווען א מנהג אז דער בעל צוואה, ניט נאר אין דער צוואה, נאר אויך דורך א ספעציעלער אויפשריפט אויף זיין מצבה, וואס ער פלעגט אפט זיך לאזען שטעלען נאך ביים לעבען, פלעגט באשטימען א געלד־שטראף פאר פארקויפען, פארדינגען אדער פאר'משכנ'ען זיין קבורה־פלאץ; דאס שטראף־געלד פלעגט

אהיינגעטראָגען ווערען אָדער אין דער קאסע פון יונג־פרויען פּריס־טערינען, אָדער אין דעם כהן גדול'ס קאסע, אָדער אין דער רעגי־רונגס שאַץ־קאַמער. דערמיט פּלעגט דער בעל צוואה שוין פאַר־שפּאָרען צו ווידערהאָלען נאָך אמאָל דיזעלבע דראָהונג מיט שטראָף אין דער צוואה. פון וואנען, פרעגט זיך, איז איהם געקומען אזא שטראָף־מאכט? לויט דער אָנגענומענער מיינונג וועגען רוימישען ירושה־רעכט האָט דער ירושה־געבער דאָך נאָר געמעגט דראָהען דעם יורש, און דאָ זעהען מיר, אז ער דראָהט מיט שטראָף דעם קויפער אזוי גוט, ווי דעם פאַרקויפער.

אָט דאָס „קבורה־רעכט" טראָגט א צווייאיגען כאראקטער — אויסערליך און פאָרמעל איז דאָס ניט קיין צוואה, אָבער אין דער ווירקליכקייט און לויט דעם אינערליכען זין איז עס יא א צוואה, וואָרים דאָס איז דאָך דער אויסדרוק פון לעצטען ווילען פון שטאַר־בענדען, וועלכער האָפט אויף אזא אופן צו פארלענגערען זיין פערזענליכע עקזיסטענץ. און דאָס ווייזט אָם בולטסטען, וואָס פאר דעם רוימער איז געווען די צוואה, וואָס פאר א גייסטיגען ווערט זי האָט געהאט פאר איהם.

„אין אנגעזיכט פון טויט קריגט דער רוימער א רעכט, וואָס ער דאַרף איצט באהויפּטען זיין ווילען, אלס עטוואס פעסטעס, וואנדעלט ער זיך אין א געזעצגעבער. און ער מוז זיך פאר־וואנדלען אין א געזעצגעבער, ווייל דאָס פאָדערט זיין באַגריף וועגען טויט און לעבען, דאָס פאָדערט זיין אינטערעס; וואָרים ער דאַרף איצט באהויפּטען זיין ווילען, אלס עטוואָס פעסטעס, בלייבענדעס, וואָס קען האָבען א קיום און באשטעהן געגען דער גאנצער אויסערליכער וועלט — ד. ה. ער דאַרף ערקלערען זיין ווילען אלס געזעץ. ער מוז און קען זיך אויך ערקלערען אלס געזעצגעבער און זיך אנטקעגענשטעלען אלע אנדערע יורידישע יחידים און אריינמישען זיך אין זייערע רעכט־געביעטען, ווייל געגען דעם פאסטישען אינטערעס פון דעם פאָלקס גייסט, וואָס איז פאר־קערפּערט אין איהם, קענען אלע איבריגע יורידישע יחידים גאָר ניט גענומען ווערען אין חשבון; ווייל געגען איהם, דעם טויטען, זיינען זיי אלע נישט מעהר ווי פּריוואטע פּערזאָנען (באנד 2, ז. 179 — 183).

אַט דאָס איז פון אנפאנג געווען די רומישע צוואה — א מעטאפיזישער דאָקומענט. אָבער לאנגזאם, דורך דער גאנצער גע־שיכטע פון רוימישען שטאַאַט, געהט די ענטוויקלונג אלץ ווייטער פון אַט דעם מעטאפיזישען ירושה־באגריף. דער פּאָרטזעצער פון טויטענס ווילען פארהאנדעלט זיך אין א פשוט'ען יורש פון פאַר־מעגען — ביז צו לעצט, אונטער יוסטיניאנען ווערט איינגעפיהרט א נייע פאָרם פון ירושה — „סוב בענעפיציא אינווענטאריא". די צוואה נידערט אראָפּ צו אַן איינפאכער אינווענטאַר־ליסטע, צו א חשבון פון דער געבליבענער באַלעבאַטישקייט. דער יורש פּראָ־קלאַמירט, אַז דאָס איבערנעהמען פון פאַרמעגען איז פאַר איהם דער עיקר, זיין איין און איינציגע שייכות צום ירושה־געבער. אָבער דערמיט ווערט געמאכט א סוף צו אלע פריהעריגע פאַר־העלטניסען: אַלע פאָלקס אייגענטימליכקייטען ווערען אָפּ־געריבען.

דער רוימישער נאַציאָנאַלער כאראקטער פארבלייבט, דער רוימישער פאָלקס גייסט ווערט פארלאָשען *).

דאָס איז לאַסאַל'ס טעאָריע. מיר האָבען געזעהן, אַז דאָס רוימישע רעכט האָט פון אנפאנג ניט געוואוסט פון אַפּעקונעס, וואָס זאָלען זיין פאראנטוואָרטליך פאר דער אויספיהרונג פון דער צוואה. אָבער דער באַדאַרף אין אַזאַ אינסטיטוציע האָט זיך שוין לאנג געפיהלט, און פארזוכען זיינען געמאכט געוואָרען נאָכצו־קומען דעם באַדארף אויף אומוועגען. אַזוי איז מעגליך געווען צו מאַכען דעם יורש גופא פאַר אַן אַפּעקון, אוועקנעהמענדיג ביי איהם די ירושה און אַרויפלייגענדיג אויף איהם נאָר לאַסטען און פליכ־טען. דער בעל צוואה האָט געהאט אַ רעכט צו פארטיילען זיין גאַנצען פאַרמעגען אין לעגאַטען־מתנות — ביז די געזעצען פון פעריוס, וואָקאָן און פאַליצידיוס האָבען דאָס דאָזיגע רעכט באַ־שרענקט. די אורזאַכען, וואָס האָבען געבראַכט צום פאַליצידיוס־געזעץ, זיינען געווען פון א פינאַנציעל־פּאָליטישען כאַראקטער, דאָס האָבען געפּאָדערט די אינטערעסען פון שטייערן־אמט. אונ־

---

*) זעהר באזונדערס „דאָס סיסטעם פון ערווארבענע רעכט", 14, 21, 72, 161, 233, 486.

טער דעם צווייטען טריאומוויראט איז אַרויסגעלעגט געוואָרען אַ שטייער אויף צוואות, אום צו דעקען די קאָסטען פון דער מלחמה נעגען סעקסטוס פּאָמפּעיוס, און עס איז דארום נויטיג געווען צו פארזיכערען די אויספיהרונג פון דער צוואה, ווייל די געזעצליכע יורשים, וועלכע זיינען פאקטיש געווען ניט מעהר ווי אפּעקונעס, האָבען אָפט פאַרגעצויגען אָפּצוזאָגען זיך פון ד'ער ירושה, און האָבען דערמיט צו גאָרנישט געמאכט די פאַראָרדנונגען פון בעל־צוואה. און אזא פאל פלעגט מען האנדלען ווי עס וואָלט גאָר קיין צוואה ניט געשריבען געווען, און די לעגאטאָרען, פאר וועמען עס זיינען אָפּגעשריבען געווען חלקים, פלעגען גאָרנישט באקומען. די געזעצגעבונג האָט דארום זיך אונטערגענומען צופרידענצושטעלען אַלע פאראינטערעסירטע צדדים, קאווירענדיג פאר דעם יורש אַ פערט־חלק פון דער ירושה. דער בעל־צוואה איז דורך דעם שוין ווענינער פריי געווען צו האנדלען מיט זיין פארמעגען לויט זיין קאפּריז, אָבער גלייכצייטיג איז דורך דעם גאראנטירט געווען די אויספיהרונג פון דער צוואה. די לעגאטאָרען האָבען איצט געקענט זיכער זיין, אַז זיי וועלען באקומען אויסגעצאָהלט זייערע חלקים *).

באלד נאָכדעם ווי לאסאל האָט פאַרעפענטליכט זיין סיסטעם פון ערוו׳אָרבענע רעכט, איז געגען איהם ארויסגעטראָטען איהערינג — ניט אזוי מיט וויסענשאפטליכע פאקטען, נאָר אין נאָמען פון געזונדען מענשען־פארשטאנד האָט ער פּראָטעסטירט געגען לאסאל׳ס פּלפול׳דיגער באהאנדלונג פון רוימישען רעכט. ער וויצעלט זיך באזונדערס איבער לאסאל׳ס גרונדזאץ, אַז ביי די רוימער אין דער פראגע פון ירושה האָט זיך בשום אופן ניט געהאנדעלט וועגען איבערגעבען מאטעריעלע גיטער. פון לאסאל׳ס טעאָריע ציהט ער דעם קאָמישען שלוס, אַז דאָס רוימישע ירושה רעכט איז די פאַר־קערפּערונג פון הוילען געדאנק, פון דער ריינסטער אבסטראקציע. אַליז, וואָס דאָס דאָזיגע רעכט באשטימט און באשטימט ניט, וואָס עס שליסט איין אין זיך און וואָס עס שליסט ניט איין אין זיך —

*) הערמאן דייטש: „די פארלויפער פון מאָדערנער אפּיקון אין רוימישען רעכט" ז. 3 — 17.

אַלץ לאָזט זיך אַרויספירען בלויז דורך חקירה אַליין. עס קומט אויס, אַז ווען עס וואָלט קיין איין וואָרט ניט דערגאַנגען צו אונז וועגען רוימישען ירושה־רעכט, וואָלט לאַסאַל עס געקענט פון דאָס ניי עגטרעקען פון קאָפּ אַרויס.

און ער אילוסטרירט לאַסאַל'ס טעאָריע מיט דער פאָלגענדער הומאָריסטישער פּאַראָדיע: ווען איינעם פון אַ צווילינג, וואָס זויגען נאָך דער מאַמע'ס ברוסט, שטאַרבט, און דער צווייטער ירשן'ט דעם ערשטען לויט דעם געזעץ פון ניט געשריבענע צוואות, דאַרף מען די דאָזיגע געשעהעניש פון פּלפּול־חקירה'דיגען שטאַנדפּונקט זיך פאַרשטעהען אַזוי: דער „ירושה־געבער", וואָס לעבצט נאָך אומשטערבליכקייט צווינגט זיין ברודער, דורך אַ שטומען ווילענס אַקט, — „פאָרטצוזעצען די עקזיסטענץ פון זיין ווילען", און נאָכדעם ווי דער ירושה־געבער האָט אויף אַזאַ אופן בייגעקומען זיין „שטערבליכקייט", כאָטש ניט אין גאַנצען מיט אייגענע כוחות, נאָר רופענדיג צו הילף דעם „אַלגעמיינעם ווילען", וואַרפט ער אַ בליק פול דאַנקבאַרקייט אויף דעם ברודערל, וואָס ליגט נעבען איהם, וועלכער איז אַזוי גוט געווען איינצואווילינען פאָרטצוזעצען זיין ווילען און ער שלאָפט זיך רוהיג איין זיין אייביגען שלאָף און מיט אַ זיפץ פון דערלייכטערונג דערווייטערט ער זיך אַהין פון וואַנען ער איז געקומען — אין דער וועלט־אורשטאָף, אין קאָסמישען שטויב *)

אום נאָך טיעפער צו באַגרינדען די מעטאַפיזיש־רעליגיעזע גרונד־אַנשויאונג, אויף וועלכער, לויט לאַסאַל'ס מיינונג, עס האָט זיך געשטיצט דאָס גאַנצע רוימישע ירושה־רעכט, נעהמט ער זיך שטודירען אַלס פילאָלאָג די ענטשטעהונג פון דער דאָזיגער גרונד־אַנשויאונג, וואָס האָט איהם פריהער פאַראינטערעסירט אַלס יוריסט. ער געהט צוריק צו די פאָר־היסטאָרישע צייטען פון פאָלק צו ענטדעקען איהר אורקוואַל. און די אורקוואַל קען אַנדערש ניט זיין ווי די רעליגיאָן, וועלכע איז דאָך פאַר יעדען פאָלק דער

*) איהרינג „שפּאַס און ערנסט אין דער יוריספּרודענץ" זייט 32. פאַרגלייך אויך זיין „גייסט פון רוימישען רעכט" II, 533, און III, 247 און 295.

אפּלעבער פון זיינע פריהעסטע עראינערונגען. און ער געפינט די הויפּט ווארצלען פון דער אנשויאונג אין דער פארצייטיגער אנבעטונג פון די „מאנעס אדער לארעס“. אונטער מאנעס (די גייסטער פון געשטארבענע) האט דער רוימער פארשטאנען ניט די טויטע, וואס האבען אמאל געלעבט און זיינען פארשוואונדען, נאר די געבליבענע. „מאנעס“ איז פארוואנדעט לויט׳ן זין מיט דעם ווארט „מאנערע“ (בלייבען, מעג אפילו א פילאלאג פארקומען, אז דאס ערשטע ווארט איז ניט ריכטיג אפּגעצויגען פון צווייטען, אבער דער פאקט איז, אז אזוי פלעגט מען פארצייטען דאס ווארט אפּציהען).

מאנעס זיינען און בלייבען דאס, וואס זיי זיינען געווען — גייסטיגע סוביעקטען, — פאלגליך, לויט דעם רוימישען באגריף, סוביעקטען מיט ווילען, וואס זייערע אביעקטען — די זאכען, וואס זיי ווילען — געפינען זיך אין דער אויסערליכער וועלט.

אין דער גאר אלטער צייט, פלעגען די רוימער ניט פארברענען זייערע טויטע, נאר זיי פלעגען זיי באגראבען אין די וואהנונגען, אויף דעם פלאץ, וואו ביי זייער לעבען האט זייער ווילען געהערשט, און אפילו נאכדעם ווי עס איז געווארען א מנהג צו פארברענען די טויטע, האט דער ל א ר א ר י ו ם, די הויז־קאפּעלע, זיך אלץ נאך גערעכענט פאר דעם וואהן־ארט פון די גייסטער.

אויף אזא אופן זיינען די לארעס פארוואנדעלט געווארען אין שוץ־געטער, וועלכע היטען און באשירמען דאס הויז, און כל זמן איינע און דיזעלבע פאמיליע באוואהנט דאס הויז, זיינען זיי פאמיליען־געטער. אבער זיי זיינען פארבונדען מיט דעם הויז, ניט מיט דער פאמיליע; זיי זיינען ניט די אבות, נאר די געטער פון פלאץ, און זיי בלייבען ניט אין באזיץ פון די פאמיליע, ווען זי קלייבט זיך אריבער. די לארעס זיינען מאכטהאבער, מעכטיגע. דער לאר באשיצט דעם פלאץ, אבער ניט אלס הויז־גאט, וואס געהערט צו דער פאמיליען־באלעבאטישקייט. ער באשיצט דאס הויז, ווייל דאס הויז איז אין זיין רשות, א געביעט, וואס איז אונטערווארפען צו זיין מאכט. דערפאר קען זיין באציהונג צום נייעם בעל הבית ניט זיין קיין באזונדערס פריינדליכע; ווייל

יענער רייסט זיך אריין אין זיין מאכט־געביעט. אום איבערצו־בעטען דעם לאַר און די געטין מאנא, פלעגט מען פארצייטען אין רוים ברייגען מענשליכע קרבנות; דער נייער בעל־הבית פלעגט ביים מזבח טויטען זיין אייגען קינד, אום צו פארהיטען זיין איבריגע פאַמיליע פון בייז. שוין אונטער די קעניגע זיינען אין רוים די דאָזיגע אויסלייז־קרבנות פארבאָטען געוואָרען. קעניג מאַרקוויניוס, וועלכער אַלס אָפּשטאַמלינג פון די עטרוסקער, איז געשטאַנען אַם נעהענטסטען צו דער אַלטער רעליגיאָן, האָט דעם מנהג ווידער איינגעפיהרט. יוניום ברוטוס שאַפט איהם ווידער אָפּ, און באַפעהלט דערביי, אז אום צופרידענצושטעלען דעם אָראַקול (דעם גאָט), זאָל מען איהם אָפּגעבען די קעפּלעך פון ציבעלעס און מאָהן. מיט אנדערע ווערטער, די רעפּובליק האָט געבראָכען דעם אַלטען באַרבאַרישען מנהג, וואָס האָט נאָך געשטאַמט פון די פּעלאַנקישע צייטען, דער גייסט פון די פּעלאַנקער — די ערשטע באַוואוינער פון איטאַליען און גריכענלאַנד — טרעט אָפּ דעם פּלאַץ צו דעם רוימישען גייסט.

דעם רוימער'ס אמת'ע רעליגיאָן — איז רעכט. די רעליגיאָן גופא איז פאַר איהם נאָר געווען דער פאָרגעשיכטליכער אויסגאַנגס־פּונקט, און ווען ער היט איהר אָפּ, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס כאָטש זי איז פרעמד צו איהם און צו זיין גייסט, איז זי דאָך דער יסוד פון זיין פאָלקס־גייסט און זי רופט אַרויס אין איהם שרעק און עהרפורכט. בעת אַלע אנדערע פעלקער פראַוועען אַליין די צערעמאָניעס פון זייער רעליגיאָן טרייען די רוימער עס טאָן צו א פרעמד פאָלק, די עטטריסקער, דוקא דערפאַר, ווייל דאָס איז דאָס פאָלק פון זייער אָפּשטאַמונג — דער אור־שטאַם, פון וועלכען די רוימער קומען אַרויס. דאָס זיינען געווען די „האַריספּיצעס" — די קרבנות - טייטשער, וואָס שטאַמען פון די עטריסקער, וועלכע האָבען געפאָדערט דעם טויט פון קורציוס, פאַר א כפרה און קרבן חטאת צו די „מאַנעס". אויך די קונסט פון די אויגורען — די פריעסטער־טרעפער איז געווען אַן עטריסקישע קונסט.

דער שלום צווישען טויטען און לעבעדיגען, צווישען לאַר און דעם נייעם אייגענטימער, צו וועלכען דער רוימישער ברייגגט, אָדער אייגענטליך ברייגגט ניט, נאָר האָט געזאָלט ברייגען, געפינט

זיין אויסדרוק ניט אין רעליגיאָן, נאָר אין רעכט. דער יורש, לויט דער צוואה איז דער פאַרקערפּערטער שלום. ער איז דער פאַרטזעצער פון דעם פאַרשטאָרבענעמס עקזיסטענץ, דער איבערנעהמער פון זיין ווילען. אָבער מיט נאָך אַ טיעפערער אינערליכער נויטווענדיגקייט מוז אויך דאָס רעכט אָפּשפּיגלען דעם ווידערשפּרוך און שטרייט צווישען טויטען און לעבעדיגען, וואָס זייערע ווייטע אורזאַכען ליגען נאָך אין דער רעליגיאָן. פון דעם שלום שפּרינגט ארויס פון דאָס ביי די אַלטע פיינדשאַפט צווישען לאַר, אַלס דעם גלויבענדען ווילען, און זיין נאַכפאָלגער — אין דער פאָרם פון אַ סכסוך צווישען ירושה־געבער און יורש. דערצו האָט אומבאַדינגט געמוזט קומען, ווייל דערזעלבער פאָלקס גייסט, וועלכער האָט פריהער, אויף אַ נידריגערער שטופע פון ענטוויקלונג, געווירקט דורך דער רעליגיאָן, ווירקט איצט, דערהויבען צו אַ העכערער שטופע, דורך רעכט. אין ליכט פון די נייע פאַרהעלטניסען קריגט די גאַנצע פריהעריגע ענטוויקלונג אַ טיעפערען און ברייטערען זין, אַ גראַנדיעזען פאַרנעהם.

ערשט אויפ'ן געביעט פון רעכט ווערט אונז פאָלשטענדיג קלאָר דער גאַנג פון ענטוויקלונג פון רוימישען גייסט. יעדעס פאָלק האָט זיין ספּעציעלע פאָרם פון רעכט; ווייל אַלע פעלקער מוזען אַנווענדען אין דער פּראַקטיק זייערע מאָראַלישע באַגריפען. אָבער מיט די רוימער איז עס גאַנץ אַנדערש; זיי זוכען צו פאַרווירקליכען אין דער פּראַקטיק די אידעע פון דער אומענדליכקייט פון פערזענליכען ווילען, וואָס דאָס איז די גרונד־אידעע פון רעכט. און דערפאַר באַזיצען די רוימער ניט קיין ספּעציעלען רעכט, ווי אַלע פעלקער, נאָר רעכט בכלל. און דאָס רעכט איז דאַרום דער אמת'ער אויסדרוק פון זייער עצם.

עהנליכעס, וואָס מיט רעכט ביי די רוימער, איז פאָרגעקומען מיט קונסט ביי די גריכען — די צוויי פעלקער, וואָס שטאַמען פון די פעלאַזגען, מיט דעם איבערגאַנג פון דעם פעלאַזגישען אורפאָלק צו גריכען און רוימער, איז דער אומענדליכער „איך" איבערגעגאַנגען פון דער פאַנטאַסטישער רעליגיעזער התלהבות צו דער העכערער פאָרם פון קונסט ביי די גריכען און צו דער העכערער פאָרם פון רעכט ביי די רוימער, אָבער די רעליגיאָן בלייבט דאָך

שטעקען הינטער דיביידע העכערע גייסטיגע פאָרמען — אלס שטאָף פון קונסט ביי די גריכען, און אלס דער רעליגיעז־מעטאַפּאַזישער יסוד פון רעכט ביי די רוימער.

דער שוואַכער פונקט פון אַט דעם גראַנדיעזען פּאָעטיש־פילאָזאָפישען פּירוש אויף רוימישען רעכט — אַז די רעכט־אידעען שטאַמען פון די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען — איז דער פארגלייך צווישען הויז־גאָט און נייעם בעל־הבית פון איין זייט, און דעם ירושה־געבער און יורש פון דער אַנדערער, מיט דער אויספיהרונג, אַז דאָס צווייטע איז אַ קאָפּיע פון דעם ערשטען. ביי אַ מעהר אויפמערקזאמער און קריטישער אונטערזוכונג קענען מיר אפשר געפינען אַן עהנליכקייט, אָבער וועגען אַ גענענזייטיגער שייכות קען דאָ קיין רייד ניט זיין. ווען דער רוימישער הויז־גאָט האָט פאַרצייטען געפאָדערט מענשליכע קרבנות, לאָזט זיך דערפון גאָרנישט דרינגען, ווייל אַלע פאַרצייטיגע געטער האָבען געפאָדערט דאָסזעלבע. עס איז אַ צו אַלגעמיין־פאַרשפּרייטע ערשיינונג, מען זאָל קענען ערקלערען דערמיט די מלחמה, וואָס לויט לאַסאַל׳ס טעאָריע איז ביים באַגינען פון דער רוימישער געשיכטע פאָרגעקומען צווישען ירושה־געבער און יורש.

נאָך אַט דער גייסטרייכער אונטערזוכונג איבער דעם עצם פון רוימישען ירושה־רעכט, קומט לאַסאַל צום גערמאַנישען ירושה־רעכט, און דאָ דערגרייכט ער דעם הויפּט־פּונקט פון זיין ווערק, וואָס האָט אַ האָר ניט געליטען פון די איבערגעבראַכטע אויסזעצונגען. לאַסאַל געפינט, אַז ניט קיין איין וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט וועגען דעם רוימישען ירושה־רעכט פּאַסט צו דעם גרונד־פאַרשידענעם ירושה־רעכט. פון די גערמאַנישע פעלקער־שטאַמען. דער פונדאַמענטאַלער כלל פון לעצטען איז: די ירושה געהט איבער צום יורש גלייך נאָך׳ן טויט פון ירושה־געבער. בעת די גערמאַנען טרעטען אַרויס אין דער געשיכטע, זיינען זיי נאָר באַקאַנט מיט דער צוואה־לאָזער פאָרמע פון ירושה. און עס איז אַ געוואַלדיגער אונטערשיעד צווישען דער דאָזיגער פאָרמע אין רוים, וואָס זי האָט נאָר געדיענט אלס הילפס־מיטעל, און אַ נייטראַל, ווען דער פאַרשטאָרבענער האָט ניט באַוויזען שריפטליך אויסצודריקען זיין לעצטען ווילען, אין דערזעלבער ירושה־פאָרמע ביי די גערמאַ־

נען, ביי וועמען זי איז געווען די איינציגע, וועלכע האָט אין פאַר־אוים אויסגעשלאָסען יעדען קאַפּריז פון ירושה־געבער. די גער־מאַנישע ירושה־פאָרמס אָהן א געשריבענער צוואה פארדיענט פאָל־שטענדיג דעם נאמען פאַמיליען־רעכט. פאַמיליען־רעכט אמת און עכט, און גאנץ אומזיסט, אָהן שום בארעכטיגונג, האָט מען דעם זעלבען נאמען צוגעשריבען צום רוימישען רעכט. וואָרים בלויז ביי די גערמאַנען מיינט פאמיליע א מאָראַלישע איינהייט, גע־שטיצט אויף בלוט־פארוואנדשאפט, וואָס מאכט אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע פאַר איינס. ווען מיר וואָלטען געוואָלט רעדען מיט פארגלייכענדע געגענזאצען, וואָלטען מיר געקענט זאָגען, אז דאָס רוימישע ירושה־רעכט פארהאַלט זיך צום גערמאַנישען, ווי ווילען צו ליעבע. די אחדות צווישען ירושה־געבער און יורש איז דאָ דירעקט די אחדות פון בלוט. אייגענטום, לויט דעם גערמאַני־שען באַגריף, איז געמיינשאפטליכעס פאמיליען־אייגענטום. דער יורש ירשן'ט שוין גלייך ווי ער ווערט געבאָרען; נישט מעהר, וואָס נאָך'ן טויט פון ירושה־געבער נעהמט דאָס ירשן'ען אָן א פראקטישע פאָרמע. דערפאַר איז דעם ירושה־געבערס דעה איבער'ן פאַרמעגען ביי זיין לעבען באַשרענקט. און דערפאַר ווייסען ניט די גערמאַנישע פעלקער פון א צוואה.

ווען די גערמאַנען קומען אין באַריהרונג מיט די רוימער, נעהמען זיי אַפילו איבער דעם מהג פון צוואות, אָבער נאָר ריין אוי־סערליך, אָהן שום פארשטענדניס פאַר איהר אינערליכער באדיי־טונג. זיי זעהען אין דער רוימישער צוואה דאָס, וואָס זי שיינט צו זיין אויסערליך — איהרע מאַטעריעלע רעזולטאטען — די פּאַרטיילונג פון פאַרמעגען. אין דעם זין און פאַר דעם צוועק באַנוצען זיי זיך מיט דער צוואה, ווייל דאָס רעדט שטארק צו זייער געפיהל פון אינדיווידועלער פרייהייט, אָבער זיי פארשטעהען אזוי ווייניג איהר מיין, אז פאַר א לאנגע צייט האַלטען זיי דאָס פאר־טיילען פון פארמעגען לויט א צוואה פאַר דאָסזעלבע, ווי פאַרשענ־קען מתנות צווישען לעבעדיגע, ארויסגעהענדיג פון דעם שטאַנד־פונקט, אז יעדע האנדלונג פון ירושה־געבער בנוגע זיין פארמעגען ווערט דאָך אוממעגליך אַזוי גיך ווי ער איז געשטאָרבען. דאָס איז זייער טעות, אָבער א העכסט לאָגישער; אין דעם טעות איז

דאָ מעהר אמת, וויפיעל אין אמת גופא — ווי ווען מען זאָל דעם טעות פאַרריכטען און צוריק אויפשטעלען דעם אמת'ן זין פון דער רוימישער צוואה

און ווירקליך, ווען דער יורידישער כאַראַקטער פון דער רוימי־שער צוואה איז שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרען אין דייטשען ירושה־רעכט, איז זי ווי אַרויסגערופען געווען פון די גרונד־באַגרי־פען, פון דעם גייסטיגען באָדען, אין וועלכען זי האָט פריהער גע־וואָרצעלט און וואָס האָט איהר געגעבען עקזיסטענץ־מעגליכקייט, יאָ, מיט געוואַלט אַרויסגעריסען געווען און ריין מעכאַניש אַריבער־געטראָגען אין אַ גייסטיגער וועלט, וואו אויף טריט און שריט און אין אַלע ריכטונגען איז זי געקומען אין ווידערשפּרוכען און צוזאַמענ־שטויסען מיט די פאַרהעלטניסען — ביז זי איז אַליין געוואָרען אַ פאַלשטענדיגער ווידערשפּרוך און אַן אינערליכע אוממעגליכקייט. דאָס גאַנצע צוואה־רעכט פון דער גערמאַנישער נאַציאָן איז דער־פאַר ניט מעהר, ווי איין גרויס מיספאַרשטענדניס, אַ טעאָרעטישע אוממעגליכקייט. און דאָס איז ניט געזאָגט גלאַט אַזוי, ניט קיין פּערזענליכע מיינונג, וואָס איז איינעם איינגעפאַלען, ניט קיין סוב־יעקטיווע קריטיק אויף דער גערמאַנישער צוואה, נאָר דאָס איז אַ קריטיק, וואָס די געשיכטע האָט דורכגעפיהרט איבער איהר — און דאַרום אַ שטרענג אָביעקטיווען קריטיק.

און עס איז געווען אַ גרויסער טעות פון די נייערע יוריסטען אָנצונעהמען, אַז צוואה געהערט צו **נ אַ ט ו ר ־ ר ע כ ט. די** רוימער זיינען געווען זעהר ווייט דערפון צו זעהן אין דעם שרייבען פון אַ צוואה אַ נאַטירליכע פעהיגקייט, וואָס געהערט צו די נאַטיר־ליכע רעכט פון יחיד. פאַרקעהרט, זיי זיינען געווען אַזוי דורכגע־דרונגען מיט דער איבערצייגונג, אַז דער יחיד איז בטבע אומ־פעהיג מיט וואָס עס איז צו באַווייזען זיין ווילען נאָך'ן טויט, אַז עס האָט זיך געפאָדערט דאָס צוזאַמענפאַלען פון צוויי ווילענס, אַז דער ווילען פון טויטען זאָל זיך באַהעפטען צום ווילען פון אַ לעבע־דיגען, וועלכער זאָל מאַכען דעם טויטענס ווילען פאַר זיין ווילען, אום דער ווילען פון טויטען, ד. ה., די צוואה, זאָל קענען קריגען גילטיגקייט. און דאָס גאַנצע רוימישע ירושה־רעכט איז גראַד אַן אומגעהייערע אָנשטרענגונג ניט צו דערלאָזען, אַז דער ווילען פון

יחיד זאָל ניט אונטערגעהן מיט זיין נאַטירליכען טויט, נאָר דער ווילען זיינער זאָל אייביג אָנהאַלטען דורך זיין פאָרטזעצונג אין דעם ווילען פון א צווייטען יחיד. און דאָס גאַנצע סיסטעם קען מיט פולען רעכט באַצייכענט ווערען אלס די דאָגמא פון אומשטערב־ליכקייט אין איהר רוימישער פאָרם. מען האָט געזוכט אויסצו־פשט'לען נאַטור־רעכט פון א רעכט, וואָס איז קיינמאָל אין ערגעץ ניט געווען, ניט ביי די רוימער און ניט ביי די גערמאַנען, ביי קיין פאָלק ניט, אין קיין צייט ניט.

און לאַסאַל ענדיגט ווידער מיט א לויב־געזאַנג אויף דעם יורידיש - פילאָזאָפישען שארפבליק פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן :

„און עס ווערט קלאָר און פארשטענדליך, וואָרים ווען די וועלט, ווי העגעל האָט זיך אויסגעדריקט, האָט זיך געשטעלט אויפ'ן קאָפּ — ד. ה. אויפ'ן פארשטאַנד — האָט דער פראַנצויזישער קאָנווענט דורך דעם געזעץ פון 7—10טען מערץ אָפּגעשאַפט דאָס רעכט אָפּצוטרייבען ירושה אין א דירעקטער ליניע. אוים רעאַקציע געגען די איבערליפערטע, פון דרויסען אַרויפגעצוואונגענע געבראוי־כען, האָט דער פאָלקס גייסט זיך צוריקגעקעהרט צום אייגענעם נאַציאָנאַלען עצם. ער האָט זיך אויף אַזאַ אופן באַפרייט פון א טייל, וועניגסטענס, פון רוימענטום, אָבער אַזוי ווייט צוריק ביז די גערמנישע וועלדער איז ער ניט געגאַנגען. דער יורש — דער פאַקטישער יורש אָהן א צוואה — האָט לויט'ן נייעם געזעץ ניט געקראָגען קיין רעכט אויף דער ירושה־געבערס פארמעגען נאָך ביי יענעמס לעב־צייטען. ירושה פלעגט ער באַקומען נאָר אין יענעם פאַל, ווען נאָך'ן טויט פון ירושה־געבער איז עפּעס נאָך געבלי־בען, אָבער ער איז ניט געווען בארעכטיגט צו קיין שום חלק פון פארמעגען ביז צום ירושה־אַקט. די אידעע פון אינדיווידועלער פרייהייט איז אַזוי ווייט אַוועק אין איהר ענטוויקלונג, אַז אין געגענזאַץ צום גערמאַנישען רעכט־שטאַנדפּונקט, ווערט דער באַזי־צער פון אייגענטום פאררעכענט אלס דער איינציגער, אומבאַדינג־טער אייגענטימער. אייגענטום איז מעהר ניט אין תוך פאַמיליען־אייגענטום, אַזוי אַז די שותפות פון באַזיץ זאָל נאָר אויפגעלעזט

ווערען מיט דעם טויט פון פאַמיליען־מיטגליעד. אזוי וואָלט געווען דער פאַל, ווען דער געזעצליכער יורש וואָלט געהאט דאָס רעכט נאָך ביים לעבען פון ירושה־געבער צו באַגרענעצען זיין דעה איבער דעם פאַרמעגען; איצט איז אייגענטום אויסשליסליך דעם יחיד'ס (כאָטש דער אייגענטימער, וועלכער האָט קינדער, האָט ניט געטאָרט ביים לעבען צושענקען מעהר ווי א באַשטימטען טייל פון זיין אייגענטום).

פרעגט זיך אויף וואָס פאַר אַ פרינציפּ שטיצט זיך אונטער אזעלכע אומשטענדען דאָס ירש'ענען אָהן אַ געשריבענער צוואה? ווי מיר האָבען שוין געזעהן, קען זיך דאָס ניט שטיצען אויף די אייגענטומס־רעכט פון געזעצליכען יורש, וואָס זאָלען קענען באַהויפּ־טען זייער גילטיגקייט נאָך ביים לעבען פון ירושה־געבער, און אויך ניט אויף דעם כלומרשטען ווילען פון ירושה־געבער, וועלכער טאָר גאָר ניט שרייבען קיין צוואה. און עס איז קלאָר, אַז דאָס ירשן'ען אָהן א צוואה שטיצט זיך בלויז אויף דעם אַלגעמיינעם ווילען פון אַלע מיטגליעדער פון שטאאט, און דער ווילען רעגולירט דאָס דעם פאַרמעגען וואָס איז געבליבען נאָך'ן טויט פון אייגענטימער. אמת, די ירושה־פאָרם רוהט אויך אויף דער פאַמיליע, ווייל נאָר זי ווערט גערופען צו ירשן'ען, אָבער די פאַמיליע ירשן'ט ניט דורך איהר אייגענעם זכות און ניט לויט'ן רצון כלומרשט פון פאַרשטאָר־בענעם, נאָר ווייל זי, די פאַמיליע, איז א שטאאטליכע אינסטי־טוציע. אַפילו ווען, ווי עס איז מעהרסטענס דער פאַל אין די איצטיגע ירושה־סיסטעמען, דער אייגענטימער האָט די פרייהייט אָפּצושרייבען זיין פאַרמעגען צו וועמען ער וויל ביז צו א געוויסע מאָס און גרענעץ, איז דאָס אויבען־געזאָגטע ריכטיג אין באַצוג צו דעם ניט פרייען טייל פון פאַרמעגען — דער טייל קומט אָן דער פאַמיליע, ווייל דער שטאאַט האָט איינגעזעהן, אַז דאָס איז איהם נויטיג, לאָמיר זאָגען, פאַר פראַקטישע צוועקען. און מעג אַפילו מאַנכע עס איבערראשען אָדער דערשרעקען, דער פאַקט בלייבט, אַז ווען מיר זאָלען אויפמערקזאם דורכשטודירען די מעהרסטע עקזיסטירענדע ירושה־סיסטעמען, ווי דעם קאָד נאַפּאָלעאָן, צ. ב., וועלען מיר אויסגעפינען אַז די רעגולירונג פון פאַרמעגען, וואָס בלייבט נאָך'ן ירושה־געבערס טויט, דעם „פרייען" טייל אראָפּגע־

רעכיענט, קומט פאַר אין נאָמען פון שטאאט אָדער דער ג ע ז ע ל־ש א פ ט.

פאַר די גרויסע פילאָזאָפען פון דער פארגאַנגענהייט, וועלכע האָבען ניט אונטערזוכט דאָס ירושה־רעכט היסטאָריש, ווי לאַסאַל, איז דער תוך פון ירושה־רעכט געבליבען אַ רעטעניש. דאָס איז געוועזן העגעל, וועלכער האָט דאָס ירושה־רעכט באַגרינדעט מיט דער מאָראַלישער אחדות פון דער פאַמיליע, וואָס געפינט איהר מאַטעריעלען אויסדרוק אין געמיינשאַפטליכען פאַמיליען־אייגענ־טום. אָבער ער האָט געמאַכט אַ טעות דערמיט, וואָס ער האָט אָנגענומען די באַשטימטע היסטאָרישע פאָרמע פון גערמאַנישען ירושה־רעכט פאַר ירושה־רעכט בכלל. איהם איז דערפאַר נאָר געלונגען צו באַשאַפען אַ טעאָריע פון ירושה אָהן אַ שריפטליכע צוואה, אָבער האָט ניט געקענט צוטראַכטען אַ וויפיעל עס איז טויגליכע טעאָריע פון ירושה בכלל. דער איינציגער פילאָזאָף, וועלכער האָט אַ חוץ איהם געאַרבייט איבער דער פראַגע, איז געוועזן לייבניץ. כאָטש עס האָבען איהם פאַלשטענדיג געפעהלט היסטאָרישע קענטניסע, האָט ער אַ דאַנק זיין געניאַלען שאַרפזין, שיער נים דורכגעדרונגען, מיט דער הילף פון אַן איינפאַכען גע־דאַנקען־שלוס, ביז צו דער אידעע פון רוימישען ירושה־רעכט. ער זאָגט: „פון רעכטס שטאַנדפונקט וואָלטען צוואות נים געהאַט דעם מינדסטען ווערט, ווען די מענשליכע נשמה וואָלט נים געוועזן אומשטערבליך; אָבער אַזוי ווי די טויטע לעבען נאָך אין דער אמת'ן און זיי בלייבען נאָך אַלץ די באַזיצער פון די מאַטעריעלע זאַכען, דאַרפען די יורשים, וואָס זיי לאָזען איבער, באַטראַכט ווע־רען בלויז אַלס זייערע שטעל־פאַרטרעטער און פאַרוואַלטער".

אַזוי נאָהענט איז דער גרויסער דענקער געוועזן צו דער אידעע פון רוימישען ירושה־רעכט. אָבער קיין מענש קען ניט דענקען אַזוי קאָנזעקוועגט ווי אַ פאָלק דענקט.

בעת אין רוימישען ירושה־רעכט האַלט דער ירושה־געבער אָן זיין עקזיסטענץ אין יורש, וועלכער איז נאָר דער פאָרטזעצער פון ירושה־געבערס עקזיסטענץ, איז דאָס אוממעגליך זיך פאָרצושטעלען אין קריסטענטום, ווייל די קריסטען גלויבען, אַז דער געשטאָרבע־

נער זעצט פאָרט זיין לעבען ניט אויף דער וועלט, נאָר אויף יענער וועלט און אונטער גאַנץ אַנדערע באדינגונגען — ניט זיין שטערבליכער ווילען ווערט פאָרטגעזעצט: פון איהם האָט ער זיך ענטזאַגט, ווי פון אַלע אנדערע זאכען, וואָס האָבען צו טאָן מיט דער שטערבליכער וועלט. דארום, אויב עס איז אמת, אַז צוואה האָט נאָר אַ ווערט, ווען מען זאָל אָננעהמען פערזענליכע אומשטערבליכ־קייט, איז עס נאָר ריכטיג אין פאַל, ווען מיר זאָלען אויפפאסען אומ־שטערבליכקייט, ווי דער פארצייטיגער רוימער. אָבער אין קריסט־ליכען זין איז אומשטערבליכקייט בלויז די נשמה און זי באַזיצט ניט קיין ערדישע גיטער און זי קען ניט אַלס האַרענטע איבער אַ געוויסען אייגענטום אריינגעהן אין אַ געשעפטליכען אָפּמאַך מיט אַ שטעלפאַרטרעטער. און צולעצט, ווען מיר זאָלען ווילען מיט אַזאַ מיטעל ראַטעווען ירושה און צוואה, איז עס נאָר אויף קאָסטען פון אייגענטום בכלל. וואָרים דער גאַנצער באַגריף פון אייגענ־טום וואָלט דאַן פארשוואונדען: אדם הראשון, וועלכער איז אויך געווען דער ערשטער ירושה־געבער, וואָלט עד היום געבליבען דער איינציגער אייגענטימער *).

עס איז ניט באַזונדערס לייכט געווען צוזאמענפרעסען אויף עטליכע זייטלעך אַן אָפּהאנדלונג, וואָס פארנעהמט ביי לאַסאַל'ן איבער 600 זייטען און איז נאָך דאַצו געשריבען אין זיין כאראק־טעריסטישען געדרענגטען סטיל. אָבער איך האָף, אַז עס איז פאָרט געלונגען צו געבען דעם לעזער אַ ריכטיגען און אויסשעפּענ־דען באַגריף וועגען דעם כאראקטער און גרונד־געדאַנק פון דעם צווייטען טייל פון זיין ווערק. מען זעהט, וואוהין דער אויטאָר ציעלט: צו אַ שלום, וואָס ער זאָגט ארויס אויפ'ן פלאַץ גאַנץ אָפען: „אַ געגויערע פארשטענדניס פון דער ראָלע פון שטאאט איז יענע קוועלע, פון וואַנען עס נעמט זיך ארויס און וועט אויך ווייטער זיך ארויסנעהמען דער גאַנצער פראָגרעס פון איצטיגען

*) פארגלייך „דאָס סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכטע", II, 400—604; אויסער דעם זיבעלס קריטיק אויף לאַסאַל'ס הויפּט־ווערק אין די לעהרען פון היינטיגען סאָציאליזם און קאָמוניזם, ז. 81 און ווייטער און אויך פ. א. לאַנגע'ס ענטפער אין זיין בוך: „די ארבייטער פראַגע" ז. 399.

יאָהר־הונדערט *). אויסער דער שטעלע איז אין גאַנצען ווערק ניט פאַראַן קיין איין זילבע, קיין איין אַנצוהערעניש אין דעם זין. דאָס גאַנצע ווערק איז אויסגעהאַלטען שטרענג טעאָרעטיש; קיין איין שורה ניט, וואָס זאָל אָנווייזען ווי אַנצואווענדען די טעאָריע אין דער פּראַקטיק.

נאָך מעהר: ניט נאָר ענטהאַלט ניט די דאָזיגע ריין טעאָרעטישע פילאָזאָפיש־געשיכטליכע אונטערזוכונג אזא אַנצוהערעניש, נאָר לאַסאַל האָט קיין איינמאָל ניט, פאַר זיין גאַנץ לעבען — אפילו ניט אין די צייטען פון העפטיגסטער אגיטאַציע, און אויך ניט ווען די בורזשואזע אָרגאַנען האָבען אָנגעפיהרט די ווילדעסטע העצע נעגען איהם — האָט לאַסאַל קיינמאָל ניט קיין וואונק ניט געגעבען צו זיין פּאַרטיי, וואָס זאָל זיך לאָזען אויסטייטשען, אַז ער האָט בדעה איבערצופיהרען זיין טעאָריע וועגען ירושה־רעכט אין דער פּראַקטיק. לאַסאַל, וועלכער האָט אין פּריוואַט־לעבען אָפט ארויסגעוויזען מאַנגעל אין זעלבסט־קאָנטראָל, האָט אין זיין עפענטליכען לעבען אויף קיין רגע זיך ניט פאַרלאָרען: פאָלשטענדיג האַר איבער זיך און אויסערגעוועהנליך פּראַקטיש. ער שטעלט זיך נאָר נאָהענטע, דערגרייכבאַרע ציעלען. ווי ליידענשאַפטליך און האַרטנעקיג ער האָט ניט געקעמפּט פאַר דער דערגרייכונג פון אזעלכע ציעלען, ווי דאָס אַלגעמיינע וואהל־רעכט מיט וואָס פאַר א טיעפער איבערצייגונג ער פאַרטיידיגט ניט איינצעלנע סאָציאַליסטישע אונטערנעהמונגען, ווי די גרינדונג פון פּראַקטישע אַסאָציאַציע מיט שטאַאַטס־קרעדיט — וועגען ירושה־רעכט לאָזט ער אין זיינע אַגיטאַציאָנס פּאַמפלעטען קיין איין וואָרט ניט פאַלען. (אָפּשאַפונג פון ירושה רעכט וואָלט דאָך געמיינט די באַלדיגע אָפּשאַפונג פון אייגענטום און איינפיהרונג פון סאָציאַליזם).

לאַסאַר בוכער שליסט זיין פאָררעדע צו זיין אויסגאַבע פון סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט מיט א כאַראַקטעריסטישער ציטאַטע פון לעסינג'ען (בוכער דערצעהלט, אז ער האָט דאָס, אויף אַן אבענד ביי לאַסאַל'ן אין הויז, איהם ארויפגעבראַכט אויף דער ציטאַטע, אלס א פּאַסענדע מאָטאָ פאַר זיין ווערק).

*) דאָס סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט", II, 586, באַמערקונג.

די ציטאַטע לייענט זיך: „צו אַלע צייטען האָבען געלעבט מענ־שען, וועלכע האָבען געקענט ריכטיג אורטיילען וועגען דער צוקונפט, אָבער וועלכע האָבען קיין געדולד ניט געהאט צו וואַרטען ביז די צוקונפט וועט קומען און איהרם אָפּטאָן. זיי האָבען ניט אַנדערש געוואָלט, אַז דאָס, צו וואָס די געשיכטע דאַרף יאָהרהונדערטע אום עס דורכצופיהרען, זאָל פאַרטיג ווערען אין דעם קורצען שטח פון זייער לעבען."

דער לעזער זעהט, אַז אויב עס איז פאַראַן אַ מענש, וועמען די ווערטער ריהרען ניט אָן, איז עס דוקא ל אַ ס אַ ל; ווענינער פון אַלץ טרעפען זיי איהם אַלס אויטאָר פון סיסטעם פון ערוואָר־בענע רעכט.

אין יאָהר 1861 האָט ער אַרויסגעלאָזען דאָס ווערק מיט אַ וויד־מונג צו זיין פאַטער לכבוד זיין 70 יעהריגער געבורטסטאָג. לויט אַ פּלאַן, וועלכען ער דערמאָנט מעהרערע מאָל *) איז זיין ציעל געווען, מיט דער אַרבייט צו לעגען אַ גרונדשטיין פאַר אַ גאַנצען סיסטעם פון פילאָזאָפיע פון גייסט, — „וואָס מיר וועלען ווען עס איז פאַרעפענטליכען, אויב נאָר, — גיט ער צו פיעל־באַדייטענד — פאַר די דייטשען וועט זיך פּלוצלינג ניט ענדיגען זייער פּאָלי־טישע ליידיג־געהעריי, וואָס גיט זיי צייט צום טעראַריזירען". אין 1859 האָט ער אַרויסגעלאָזען זיין הערַאַקליט, אויסדריקענדיג זיין באַדויערן, וואָס דער פראַקטישער קאַמף האָט פאַרהאַלטען די פאַר־עפענטליכונג פון ווערק אויף אַ לאַנגע צייט. און בלויז מיט צוויי יאָהר שפּעטער באַגלייט ער זיין הויפּטווערק מיט אַ מעלאַנ־כאָלישען זיפץ איבער דעם, וואָס דער פּאָליטישער שטילשטאַנד האָט איהם געגעבען פרייע צייט צום טעראַריזירען. ווי טיעף לאַסאַל פלעגט זיך ניט באַגראָבען אין טעאָריעס, אָבער זיין נשמה האָט אַלע זיינע יאָהרען געלעכצט נאָך פּראַקטישער טהעטיגקייט.

*) די פאָררעדע; II, 586, באַמערקונג.

8.

לאסאל אלס דראמאטורג

אום ניט איבערצורייסען לאסאל'ס אידעען־גאנג, האבען מיר נאכגעפאלגט זיינע ווערק ביז צום יאהר 1861. איצט וועלען מיר צוריקווארפען א בליק אויף זיין לעבען.

אלס טיילנעהמער אין דער רעוואלוציע פון 1848, איז בערלין געווען פארבאטען פאר לאסאל'ן; זיין לעבען אין דיסעלדארף איז געווען פאר איהם א מין פארשטיקונג פון דער הויפטשטאדט, וואוהין צוליעב פיעלע טעמים עס האט איהם זיכער געצויגען. צעהן יאהר האט ער פארבראכט אויפ'ן רהיין, און פאר דער גאנצער צייט זיינען זיין הויז און זיין בייטעל שטענדיג געווען אפען פאר פאליטישע פליכטלינגע און פאר דעמאקראטען און ארבייטער אין נויט, מיט א סך יאהרען שפעטער, אין א רעדע צו די רהיינישע ארבייטער, דערמאהנט ער יענע פעריאדע פון זיין לעבען, מיט פאלגענדע כאראקטעריסטישע ווערטער:

„איהר קענט מיך! וואיל צעהן יאהר האב איך געלעבט מיט דעם ארבייטער־שטאנד פון רהיין, מיט אייך האב איך פארבראכט די צייט פון דער רעוואלוציע און די ווייסע טעראר־הערשאפט פון די פופציגער יאהרען. ווי איהר זאגט עס גאנץ ריכטיג אין אייער אדרעס, האט איהר מיך געזעהן סיי אין דער און סיי אין יענער צייט. אהר ווייסט וועמעס הויז, ניט געקוקט אויף הינקעלדעריוועסטפאלענס ווייסען טעראר, ניט געקוקט אויף דער גאנצער ווילדער רעכטלאזיגקייט פון יענער צייט, איז געווען און געבליבען ביז צום לעצטען מאמענט פון מיין פארווייל אין דער רהיין־פראווינץ — די אומערשראקענע היים פון דעמאקראטישער פראפא־

גאַנדאַ, אַ זיכערע און טרייע היים פאַר דער דרייסטעסטער און ענטשלאָסענסטער פּאַרטיי־הילף".*)

אָבער לאַסאַל האָט מיט זיין גאַנצער נשמה זיך געריסען קיין בערלין און זיין וואונש איז געווען באַקאַנט צו זיינע פריינד. פאַר־קליידט פאַר אַ פוהרמאַן, איז לאַסאַל אין אַפּריל 1857 ווידער, נאָך פיעלע יאָהרען, אריינגעפאָהרען אין בערלין, און פון זיין באַהעל־טעניש האָט ער דורך זיינע שיצער גענומען אַרבייטען אַרויסצו־קריגען ביי דער רעגירונג ערלויבניש אויף צו בלייבען דאָרט. דער אַלטער איינפלוסרייכער אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט, אין וועמעס הויז לאַסאַל איז געווען אָן אָפטער איינגעהער, האָט זיך געלעגט אין דער לענג און דער ברייט צו פועל'ן פאַר איהם וואוינרעכט אין דער הויפּט־שטאָדט. די הויכע ספערען אַליין האָבען כמעט גאָרנישט ניט געהאַט געגען לאַסאַל'ס באַזעצען זיך אין בערלין, אָבער די מעכטיגע פאַמיליע פון דער גרעפין האַצפעלדט האָט בשום אופן ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז די דאַמע זאָל זיך געפינען נאָ־הענט צו איהרע קרובים. עס איז ביי זיי אַלעמען געווען אָן אָפּ־געמאַכטע מיינונג, אַז דאָרט וואו לאַסאַל וועט זיין, וועט זי אויך זיין, און שטעלענדיג זיך אין וועג לאַסאַלען, האָבען זיי אייגענטליך געציעלט אין דער גרעפין. די פרייסישע געוואַלט־האָבער האָבען דאָ געגען לאַסאַלען אָנגעווענדט פונקט אַ פאַרקעהרטען מיטעל, ווי די עסטרייכישע באַהערדען האָבען אַמאָל אָנגעווענדעט געגען בייראָן אין איטאַליען: יענע האָבען פאַרטריבען פון ראַוועניו די גאַנצע פאַמיליע גוויטשיאָלי, זייענדיג איבערצייגט, אַז בייראָן וועט אום־באַדינגט נאָכפאָלגען דער יונגער גרעפין גוויטשיאָלי.

איין אָוועגד איז אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט אויסגעקומען אין אַ גרויסער געלאַדענער געזעלשאַפט צו זיצען ביים טיש האַרט נעבען הינקעלדעי, און דער גרויסער געלעהרטער האָט זיך אָנגע־זעצט אויפ'ן פּאָליציי־פּרעזידענט ער זאָל געבען לאַסאַלען די פאַר־לאַנגטע ערלויבניש. איינער פון די געסט, וועלכער האָט בייגע־

---

*) די פערונגען, די פרעסע און די פראַנקפורטער דעפּוטאַטען־פאַר־זאַמלונג; הינקעלדעי, דאַמאָלסדיגער פרייסישער פּאָליציי־פּרעזידענט; וועסטפאַלען — פרייסישער מיניסטער.

וואוינט דעם נעשפרעך, דערצעהלט מיר, אז ער האט דייטליך גע־הערט, ווי הינקעלדעי האט געגעבען אזא ענטפער:

— פון מיינטוועגען גערן. איך האב גארנישט געגען דעם. מיר איז עס אלץ איינס. אבער דער קעניג וויל עס דורכאויס ניט.

דערויף האט הומבאלדט זיך אפגערופען:

— אויב דאס איז דאס איינציגע, וואס שטעהט אין וועג, נעהם איך זיך אונטער איבערצורייִדען דעם קעניג.

און ער האט געהאלטען ווארט, און לאסאל איז געבליבען אין בערלין.

בערלין! די שטאדט, וואו ער האט באלאנגט, וואו ער אלס יונג בחור'ל, האט שטודירט פילאזאפיע און אריינגעזויגען אין זיך די אידעען פון יונג דייטשלאנד, איז נאך בעסער צוגעפאסט געווען צו לאסאלען, דעם רייפען מאן.

בערלין — די שטאדט פון ארבייט, דער גרויסער ווארשטאט, וואו געראנקען ווערען געשמידט און געשליפען, די גרויסע שמעל־צעריי, וואו פלענער ווערען איבערגעגאסען אין טאטען, דער גרוי־סער מאגאזין, וואו וויסען ווערט געזאמעלט און פון וואנען וויסען ווערט פארשפרייט, — דער עלעקטרישער ברענער, פון וועלכען דייטשלאנד'ס גייסט צושיקט אין אלע ריכטונגען בלישטשענדע שטראהלען, ווי עס לויטעט די אנאגראמע: „בערלינום לומען ארבי" (בערלין לייכט ארום און ארום!)

בערלין, די שטאדט מיט דער געמישטער באפעלקערונג, וועמעס אינטעליגענץ טראגט א שארפען פראנצויזישען אפדרוק, — א דייטליכע שפור, וואס די פארטריבענע פון פראנקרייך הוגע־נאטען האבען איבערגעלאזען; וועמעס וויץ איז פארפיינט און פארשפיצט געווארען פון די רייכע, הויך־געבילדעטע אידישע איינ־וואוינער, אזוי אז עס פינקעלט און שימערירט מיט טויזענדער גלאנצען; בערלין, די הויפטשטאדט פון פרייסען, איבער וועלכער עס טראגט זיך נאך דער הערשער־גייסט פון פרידריך דעם גרויסען, פונקט ווי זיין בראנזענע סטאטוע אויפ'ן פערד דערהויבט זיך איבער דער בליהענדער לינדען־אלעע; בערלין, פרידריך'ס שטאדט, וואס אין איהר לופט שפיעלט נאך דער שיין פון וואלטער'ס שמייכעל!

בערלין אין 1857 איז נאָך ניט געווען די ריעזען־שטאָדט מיט א מיליאָנען־באפעלקערונג, ווי זי איז שפּעטער געוואָרען, אַלס הויפּטשטאָדט פון דייטשלאנד. דאָס איז געווען א שלאַכט פון מיטעלער גרויס, אין וועלכער אַן אויסנאהמס־מענש, מיט טאַלאנט, איז ניט פארלאָרען געגאנגען אין דער מענשען־מאַסע. עס האָבען נאָך געפעהלט די נייע פּרעכטיגע עפענטליכע פּאַלאַצען און אויך פיעלע פון די שעהנסטע נייע גאסען פון וועסט־בערלין. אָבער ווען די שטאָדט איז געווען אָרימער אין ארכיטעקטור, איז זי אָבער רייכער געווען אין נאַטור־שעהנהייט; דער פאָדער־טייל פון טיער־גאָרטען איז נאָך ניט פארשלונגען געווען פון דער וואקסענדער שטאָדט. לאַסאַל האָט זיך באזעצט אין דעם עלעגאַנטען קווארטאַל, אין דער נאַכבארשאַפט פון טיער־גאָרטען. זייט 1858 האָט ער געלעבט אין נומער 13 פון דער פּיינער, אריסטאָקראטישער בעלוויו־שטראַסע; קיין געשעפטס־הייזער זיינען אויף איהר ניט געווען, און מיט איהר מאַלערישער קאשטאַנען־אַלעע האָט זי ווי באלאַנגט צום טיער־גאָרטען, אין וועלכען זי איז אריינגעפאַלען. סוף יאָהר, דעם יאָהר פאַר זיין טויט, איז ער אריבערגעפאָהרען אויף דער דערבייאיגער פּאָטסדאַמער שטראַסע, אויך אין נומער 13.

דאָס איז נאָך אַלץ געווען בערלין פון פרידריך־ווילהעלם דעם פערטען, ד. ה. די שטאָדט, וועלכע האָט רעוואָלטירט געגען איהם. העכער, אויף דער אנדער זייט פון טיער־גאָרטען — „אין דען צעלטען“ — האָט זיך אָנגעהויבען די רעוואָלוציע פון 1848. איהר גייסט איז געווען דערשטיקט, צעדריקט, אָבער ער איז ניט געווען אין גאנצען אויסגעשטאָרבען. כאָטש מיט א שוואַכען אָטעם, האָט ער נאָך אַלץ באלעבט די גאנצע געלערנטע וועלט, די גאנצע העכערע בורזשואַזיע; די פאָרנעהמסטע בורזשואַזע הייזער זיינען געווען זאַמעל־פּונקטען פאַר די פיהרער פון דער נאַנצער, דאַמאָלס נאָך ניט צעטיילטער, אָפּאָזיציאָנעלער פּארטיי. אַלע געגנער פון פאַראַלטערטען הערשענדען סיסטעם פלעגען זיך באגעגנען אין די קרייזען, אַלס פארבינדעטע, פארגעסענדיג זייערע מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען, צוזאַמען מיט די פּראָמינענטע פאָרשטעהער פון דער קונסט און וויסענשאַפט. און זיי זיינען דאַמאָלס באטראַכט געווען אַלס די פיינע געזעלשאַפט.

ביי זיין אויסערליכען גלאַנץ, וויסענשאַפטליכען רוהם און אויסערגעוועהנליכער פעהיגקייט צו אימפּאָנירען, באגייסטערען, זיעגען און הערשען, איז לאַסאַלען ניט שווער אָנגעקומען אריינצו־שטעלען א פעסטען פוס אין יענע גוזעלשאַפטליכע קרייזען. נאַ־טירליך, עס זיינען געווען סאַלאָנען, באזונדער צווישען דער העכע־רער אריסטאָקראַטיע, וועלכע האָבען ניט אריבערגעלאָזען איבער זייער שוועל דעם „גנב פון טייסטערל", נאָר דער צוטריט אין יענע אגב ניט פיעלע הייזער איז פאַר לאַסאַלען געווען ניט וויכטיג. ביי דעם איינקונפט, וואָס לאַסאַל האָט געצויגען, האָט ער אין בערלין, לויט די אומשטענדען פון יענער צייט, זיך גערעכענט רע־כענען פאַר א פארמעגליכען מענשען, כמעט פאַר א גביר. אין זיין קוואַרטיר, אויסגעשטאַטעט מיט פאַנטאַסטישען לוקסוס, לויט די דאַמאָלסדיגע באגריפען, האָט ער געהאַט דעם פארגניגען אויפ־צונעהמען א קרייז — אָן אַלץ וואַקסענדען קרייז — פון הויך־געבילדעטע, קולטורעלע, טאַלענטפולע און פּאָראורטיילס־פרייע פערזאָנען, און צווישען די פיעלע באריהמטהייטען אויך פיעלע נאָר שעהנע, פרעכטיגע דאַמען, און צווישען זיי ניט וועניג אזעלכע, וואָס האָבען גע'שמ'ט מיט גייסטרייכקייט און טאַלענט; צווישען די אריסטאָקראַטען פון גייסט זיינען דאָ געווען ניט וועניג פאָר־שטעהער און פאַרשטעהערינס פון דער אריסטאָקראַטיע פון געבורט.

לאַסאַל האָט געהאַלטען א פראַנצויזישען קוכער און פלעגט זיך ערלויבען צו טרינקען נאָר אזאַ רויט וויין, וואָס פלעגט קאָסטען ניט וועניגער פון 20—30 קראָן א פלעשעל („צו וואָס איבערלאָזען דעם גוטען וויין בלויז פאַר ווילהעלם דעם גערעכטען?" — פלעגט ער זיך אָפט וויצלען). די מאַלצייטען, וואָס ער פלעגט אָפט געבען אין בערלין, האָבען געהאַט א שם ניט נאָר פאַר די טייערע מאכלים און ויינען, וואָס מען פלעגט דערלאַנגען צום טיש, און ניט נאָר פאַר דער פרעהליכקייט, וואָס האָט געהערשט צווישען די געסט, נאָר אויך פאַר דעם אידעאַליזם און פרייזין, מיט וועלכען די אונ־טערהאַלטונגען אין דעם הויז זיינען געווען דורכגעדרונגען.

אין לאַסאַל'ס וואוינונג פלעגען זיך צוזאַמענטרעפען פערזאָנען, ניט נאָר אזעלכע, וואָס האָבען באַלאַנגט צו זיין אייגענעם דור. איהם פלעגען באזוכען פּראָמינענטע מענער פון עלטערען דור אויך.

זייערע איבערלעבונגען, זייער וויסען, זייער טעטיגקייט און זייערע ערפאַהרונגען האָבען צוגעגעבען אַ באַזונדערען אינטערעס צו די געשפּרעכען.

אָפט פלעגט אריינקומען דער אַלטער וואַרנהאַגען, מיט וועלכען לאַסאַל האָט זיך באַקענט דורך היינע'ן; אויך בעקה (געבאָרען אין יאָהר 1785), וועלכער האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער קלאַסישער פילאָלאָגיע; ער האָט דער ערשטער זי דעפינירט אַלס די וויסענשאַפט וועגען דער פאַרצייטיגער וועלט, וואָס נעהמט אַלץ אריין אין זיך, וואָס געהערט צום פאַרצייטען — אַ וויסענשאַפט, וועלכע שפּיגעלט אָפּ פול און גאַנץ די גריכיש-רוימישע קולטור. און ער אַליין האָט ערפילט די פאָדערונג, וואָס איז ענטהאַלטען אין זיין דעפיניציע. דאָס איז דער זעלבער בעקה, וועלכער האָט איינמאָל אויף אַ באַמערקונג, וואָס די שעהנע פרוי פון פּראָפעסאָר דידעריטשי האָט געמאַכט אין געזעלשאַפט, אַז „לאַסאַל איז דער שעהנסטער מאַן, וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגענט", גלייך אָפּגעענטפערט: „דער שעהנסטער, דאָס איז ניט פאַר מיר צו אורטיילען, אָבער ער איז ווירקליך דער קליגסטער און געלעהרענטסטער פון אַלע מענשען, וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגענט".*)

ווייטער איז ביי לאַסאַלען געווען אַן אָפטער אריינגעהער פערסטער (געבאָרען אין 1791), גלייכצייטיג אַ היסטאָריקער, פּאָעט און קונסט-קענער, וועלכער האָט אין זיין יוגענד געריטען זייט ביי זייט מיט קערנער'ן אין לוצאָוו'ס וואָלונטירען-קאָרפּוס, און אין 1817 איז ער איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ קריעגס-גריכט פאַר אַן ארטיקעל איבער דער פּרייסישער קאָנסטיטוציע און האָט דערנאָך געלעבט אַלס פּריוואַט-מאַן און אָנגעזעהענער שריפטשטעלער.

און צולעצט, דער בעריהמטער אַלטער פאָן פפיול (געבאָרען אין 1780), מיט וועלכען לאַסאַל פלעגט זיך אָפט זעהן פאַר אַ רייהע מיט יאָהרען, קריעגס-מיניסטער און מיניסטער-פּרעזידענט זייט סעפּטעמבער 1848. נאָך אין 1797 איז ער אריינגעטראָטען

*) העלענא פאָן ראַקאָוויצא — „מיינע באַציהונגען צו פערדינאַנד לאַסאַל", ז. 43.

אין מיליטער־דיענסט, מיט זיין פריינד העגריך קלייסט האָט ער ארומגערייזט גאַנץ אייראָפּאַ, האָט דערנאָך מיטגעמאַכט די קאַמ־פּאַניע פון 1809 אין גענעראַל בליכער'ס שטאַב; איז נאָך'ן שלום אריינגעטראָטען אין עסטרייכישען דיענסט, אין 1811 — אין רוסישען דיענסט, און אין 1815 האָט ער קאָמאַנדירט דעם אוואַנ־גאַרד אין דער שלאַכט ביי לינו. דאַמאָלס האָט ער עס ארויפ־געזעצט אלע זיינע טרומייטערער אויף פערד און געהייסען זיי פאָהרען פאָראויס, טרומייטערענדיג מיט אלע כחות, אַזוי אַז דער שונא האָט געמיינט, אַז גאָר נאָהענט געפינט זיך אַ ריעזיגע אַרמעע. און האָט זיך ניט גערוקט פון אָרט, ביז פּפיול האָט נעקראָגען פאַר־שטאַרקונגען. אין 1815 איז ער געווען קאָמאַנדאַנט פון פּאַריז, אין 1847 — קאָמענדאַנט פון בערלין, אין 1848 האָט ער אונטער־דריקט דעם אויפשטאַנד אין וויען; דאָס איז געווען אַ מאַן, וואָס האָט געזעהן אַ סך געשיכטע און האָט געהאָלפען זי שאַפען.

און אַ חוץ זיי פלעגען צו לאַסאַל'ען אריינקומען פיעלע פון זיין דור, געלעהרטע, שריפטשטעלער, יוריסטען, ענערגישע דעמאָ־קראַטען און פרייהייטס־פריינד, מיטגליעדער פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי, פון וועלכער די מעהרסטע לעבען נאָך היינט, און וועלכע, אויסער לאָטאַר בוכער, וואָס האָט געביטען זיינע מיינונגען, זיינען געבליבען טריי צו זייערע יוגענד־איבערצייגונגען.

לאַסאַל האָט געפונען גונסט אין די אויגען פון פיעלע פרויען. ער האָט אַלעמאָל געזוכט צו מאַכען אויף זיי אַן איינדרוק און ווי מען זאָגט האָט ער געהאַט ביי פיעלע פון זיי ערפאָלג. ער האָט קענטיג געלעבט נאָך זיעגען איבער פרויען־הערצער, אָבער ער איז געווען זעהר אומבאַשטענדיג אין זיינע געפיהלען; ער פלעגט נאָר פאַרכאַפּט ווערען אויף אַ ווייל; דאָס איז גיבער ביי איהם געווען דאָרשט נאָך טריאומף, איידער עמפינדליכקייט פאַר דאָס ווייבליך־איידעלע. די פריהסטע און טיעפסטע סימפּאַטיע אין זיין לעבען איז געווען די גרעפין האַצפעלדט; איהר איז ער גע־בליבען טריי, ווייל דורך זיין צוגעבונדענקייט צו איהר איז ער געווען טריי צו זיך אליין. די גרעפין האָט געגומען גלויבען אין איהם, ווען ער איז נאָך גאָרנישט ניט געווען, האָט איבערגעענט־פערט איהר שיקזאַל אין זיינע הענד, ווען ער איז נאָך געווען יונג,

אומבאַקאַנט און מאַכטלאָז — און ער האָט קיינמאָל זיך ניט גע־קענט ענטזאָגן פון דער יעניגער, וועלכע האָט די ערשטע צו איהם געזאָגט: „איך גלויב אין איך!“ — אָבער דער געפיהל איז געווען פריינדשאַפט, דאַנקבאַרקייט, שטאָלץ און בלויז גאָר פון אָנהויב האָט צו דעם זיך געקענט צומישען אַ טראָפּעלע ליעבע. שפּעטער האָט ער געהאַט גאָר פיעלע ליעבעס־געשיכטען, אָבער עס איז אַ פראַגע, צי ער איז ווען עס איז געווען שטאַרק פאַרליעבט; און איהם האָט מען אַזוי געליעבט, ווי מען ליעבט געוועהנליך דעם סאָרט הערשערישע מענער, וועלכע יאָגען זיך מעהר נאָך אויסער־ליכען גלאַנץ. די פרויען, וואָס ציהט צו אַזאַ סאָרט מענער, גע־הערען געוועהנליך צו די בלענדענדע שעהנהייטען פון זייער קרייז, עקסטראַ־באַגאַבטע פון דער נאַטור, פינקלענדע, רוישענדע, אָבער זעלטען באַשאָנקענע מיט אַזעלכע מעלות, וואָס וואַרפען זיך ניט גלייך אין די אויגען. ווער קען דאָס ניט דעם אָריגינעלען פרויען־קרייז, וואָס רינגעלט אַרום אַ זשעניע? — אַ מאָדנע אייגענאַרטיג וועלטעל! איך מיין ניט, אַז אין לאַסאַל'ס באַציהונג צו פרויען איז געווען עטוואָס אַנדערש, ווי אַ גאַנץ גראָבליכע אויפּרעגליכ־קייט פאַר פרויען־רייץ. און ווען ער האָט געפיהלט אַן אינטערעס פאַר זיי, איז דאָס געווען אַ טרוקענער אינטערעס צו זייער שכל און טאַלאַנט, באַגלייט מיט אַ וואונש אַרויסצורופען אין זיי באַ־וואונדערונג צו זיין אייגענער פּערזענליכקייט. אין די 70ניגער יאָהרען איז מיר ניט זעלטען אויסגעקומען צו באַגעגנען אין דייטש־לאַנד די אָדער יענע באַיאָהרענטע דאַמע, וועגען וועלכער מען פלעגט רעדען, אַז זי איז געווען אינטים מיט לאַסאַלען. אין די אויגען פון אינגערען דור האָבען די דאַמען גאָר נישט געהאַט אין זיך באַ־זונדערס צוציהענדעס; זיי האָבען זיך אַלע אויסגעצייכענט מיט אַ שאַרפען, ניכטערען פאַרשטאַנד; זיי האָט געפעהלט ווייבליכ־קייט. וועגען לאַסאַלען פלעגען זיי ריידען מיט רוהיגער פאַרגעטע־רונג, ווי דער שטיינער אונטער אַזעלכע אומשטענדען.

דערוויילע, אָבער, אין ווינטער 1858—1859, זיינען די בער־לינער פאַמיליעס, וואָס זיינען געווען נאָהענט מיט לאַסאַלען, פון איהם אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַ שווערער פּראָבע. די „פריינדין־מוטער“, גרעפין האַצפעלדט, איז אָנגעקומען קיין בערלין

צו באַזעצען זיך אויף שטענדיג, און ווי מען האָט עס געקענט ערוואַרטען, האָט זי זיך גלייך גענומען איהרע אַלטע רעכט אָקעגען איהר פריהעריגען באַשיצער. אין בערלין האָט מען שוין געהאַט כמעט פאַרגעסען אָן איהר; אין די מענערשע געשפּרעכען פלעגט זי נאָך אַמאָל פיגורירען אַלס אַ מין פאַרזעהעניש. און כאָטש טאָלעראַנץ איז דאַמאָלס אריין אין דער מאָדע, וואָלטען די פאַר־נעהמע בורזשואַזע הייזער גאַנץ גערן פאַרמאַכט פאַר איהר די טירען. אָבער לאַסאַל איז אין דעם פּונקט געווען אייזען־פעסט. די פראַגע וועגען אויפנעהמען די גרעפין האָט ער געמאַכט צום פּראָביר־שטיין; מיט די, וועלכע האָבען זיך ענטזאָגט פון איהר, האָט ער קיין מגע ומשא ניט געוואָלט האָבען. אָוועקגעשטעלט פאַר אַזאַ ברירה, האָט מען שוין מעהר זיך ניט געקווינקעלט; אָנווערען לאַסאַלען האָט קיינער ניט געוואָלט.

אין אַלגעמיין האָט מען אין דער שטאַרק־באָרעדטער דאַמע געפונען אַ זעהר אַנגענעהמע, סימפּאַטישע פרוי. מיט לאַסאַלען האָט זי זיך געהאַלטען מוטערליך; זי האָט געשפּיעלט די באַלע־באָסטע ביי זיין טיש, כאָטש געוואוינט האָט זי ניט אין זעלבען הויז. און זי האָט ניט ארויסגעוויזען קיין סימן פון אייפערזוכט, ווען לאַסאַל פלעגט שענקען צו היציגע אויפמערקזאַמקייט צו אַנ־דערע, אינגערע און שעהנערע דאַמען. אין איהר 54־יעהריגען על־טער האָט די גרעפין האָצפעלדט, מיט איהר וואונדערליכער פיגור און פּרעכטיגע אַקסלען, וואָס זי האָט גאָר ניט ליעב געהאַט צו פאַרשטעלען, נאָך אַלץ געהאַט ענטוזיאַסטישע פאַרעהרער (מאַרקס, ריסטאָוו), און זי איז גאָר ניט גלייכגילטיג געווען צו די געפיהלען, וואָס זי האָט ארויסגערופען. אָבער עס איז גענוג נאָר אַ ביסעל לעבענס־קענטניס צו פאַרשטעהן, אַז די נאָהענטקייט פון דער פרוי, איהר מאָדנע צווייזייטיגע ראָלע האָט שטאַרק געשעדיגט לאַסאַלען אין די אויגען פון דער געזעלשאַפט. איהרע געפאַרבטע ברעמען און ליפּען, די קונסט און מיה, וואָס זי האָט אַנגעווענדט צו דער־האַלטען איהר שעהנקייט אויף צו להכעיס איהרע יאָהרען, — דאָס אַלץ האָט געוואָרפען אַ פאַלשען, האַלב־קאָמישען ליכט אויף זיין פערזאָן און זיין הויז.

זיין צייט אין בערלין האָט לאַסאַל געטיילט צווישען וויסענ־

שאַפּטליכע שטודיען און צעשטרייאונגען. די עפענטליכע אויפ־מערקזאַמקייט האָט קיינמאָל ניט אָפּגעווענדט פון איהם איהר בליק, און לאַסאַל האָט זיכער גאָרנישט געהאַט געגען דעם. אַלערליי קלאַנגען וועגען זיינע עקסצענטרישע שטיק און זיינע קאָסטבארע מאָלצייטען פלעגען זיך ארומטראָגען איבער בערלין און פלעגט אָפט אין אַן איבערטריבענער פאָרמע אויך אריינדרינגען אין דער פרעסע. אזוי צום ביישפּיעל ווערט דערצעהלט אין דעם ביאָגראַ־פישען זאמעלבוך „צייטגענאָסען", אַז לאַסאַל האָט געהאַט אַ גע־וואוינהייט צו באַרוישען זיינע געסט מיט האשיש און אַז ער פלעגט זיך ערלויבען נאָך אַנדערע ווילדע שטיפעריייען. דאָ ווערט אָנגע־וואונקען אויף אַ קליינעם אָוונד, וואָס לאַסאַל האָט געגעבען ביי זיך אין הויז, ווען איהם און זיינע געסט, ווי איינער פון די גע־לאַדענע האָט מיר דערצעהלט, איז איינגעפאַלען פאַר אַ שפּאַס אויספּראָבירען אויף זיך די ווירקונג פון האשיש. מען האָט אָנ־געצויגען אויף זיך די טערקישע בגדים, וואָס לאַסאַל האָט געהאַט געבראַכט פון מזרח, און מען האָט זיך אויסגעזעצט אין דעם רויכער־צימער, וואָס איז אויך אויסגעפּוצט געווען אין טערקישען סטיל — און מען האָט זיך געלאָזט וואוילגעהן אויף טערקיש.

ארום יענער צייט האָט לאַסאַל געגעבען אַ גרונד פאַר אַ ניט וויכטיגען סקאַנדאַל, וואָס האָט אָבער ארויסגערופען אַ גאַנץ היב־שען און זעהר אומאַנגענעהמען טומעל. אַ געוויסער הער, וועמען די אייפערזוכט האָט פאַרשאַרפט די אויגען, האָט זיך דערפיהלט באַליידיגט פון לאַסאַל'ען אין אַ גרויסער געזעלשאַפט ביי אַ דאַמע, וועלכע האָט צו לאַסאַלען ארויסגעוויזען מעהר אינטערעס, ווי צו יענעם הערן — און יענער האָט לאַסאַלען אַראָפּגעלאָזען אַ פּאַטש און דערנאָך דורך אַ קאַרטעל־טרעגער איהם נאָך צוגעשיקט אַן ארויספאָדערונג צו אַ דועל. לאַסאַל, וועלכער האָט ניט איינמאָל געהאַט ערקלעהרט, אַז אַ מיטגליעד פון דער דעמאָקראַטישער פּאַר־טיי טאָר זיך ניט דועלירען און וועלכער איז געווען זעהר ענט־ריסטעט, צום ביישפּיעל, איבער דעם דועל צווישען טוועסטען און גענעראַל מאַנטאַפעל, איז דאָס מאָל געבליבען טריי צו זיין וואָרט. ניט פאַרלירענדיג די קאָנטראָל איבער זיך, האָט ער די ארויס־פאָדערונג צוריקגעוויזען, כאָטש ער איז געווען אַן אויסגעצייכענטער

פעכטער און שיסער. אויף מאָרגען האָט דער באַליידיגטער צו־זאַמען מיט אַ חבר אָפּגעלויערט לאַסאַל׳ען אויף זיין געוועהנליכען שפּאַציער־גאַנג און ביידע זיינען זיי איהם באַפאַלען ביי די בראַנ־דענבורגער טויערן. אָבער לאַסאַל אַליין האָט זיי ביידען אַזוי צו׳הרג׳עט, אַז זיי האָבען אויפ׳ן שטעל פאַרלאָרען זייער גאַנצע קריעגערישקייט.

אָט די אומבאַדייטענדע און אַן און פאַר זיך ניט שעהנע פּאַסירונג איז פאַר אונז נאָר אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זי ווייזט, ביז וואָס פאַר אַ גראַד צערייצטקייט לאַסאַל האָט געמוזט דער־געהן, ווען ער האָט מיט עטליכע יאָהר שפּעטער ארויסגעשיקט צוויי ארויספאָדערונגען מיט אַמאָל, וואָס האָבען אויף איהם גע־בראַכט דעם טויט. ביי דער געלעגענהייט האָט דער היסטאָריקער פערסטער געשאָנקען לאַסאַלען ראָבעספּיער׳ס שטעקען, וואָס אויף זיין הענטעל איז געווען אויסגראַווירט אין גאָלד באַסטיליען. איז דאָס ניט מערקווירדיג? ראָבעספּיער׳ס שטעקען האָט געדאַרפט אריינפאַלען אין אַזוינע הענד!

ווי שטאַרק לאַסאַל איז ניט געווען, ווען עס האָט זיך געהאַנ־דעלט וועגען באַווייזען פּיזישע גבורות, האָט ער זיך ניט געקענט ריהמען מיט אַ באַזונדערס גוטען געזונד. שוין ווי זיין ערשטע רעדע פאַר די געשוואָרענע ווייזט, האָט ער פון זיין פריהסטער יוגענד געליטען פון אַן ערנסטער כראָנישער קראַנקהייט. און ווען ער האָט דערגרייכט זיינע בליהונגס־יאָהרען, איז זיין געזונד שוין געווען אין גאַנצען אונטערגעבראָכען. און אָפט פלעגט ער זיין געצוואונגען צו נעהמען אויף זיך לאַנגע און לאַנגווייליגע קורען.

און איינמאָל, ווען לאַסאַל, דורכמאַכענדיג אַזאַ קור, האָט ניט געטאָרט פאַרלאָזען זיין הויז פאַר מעהרערע וואָכען, האָט זיין פריינד ערנסט דאָהם, פון וועמעס מויל איך האָב די ערצעהלונג געהערט, באַקומען פון איהם אַ צעטעלע, אין וועלכען יענער לאַדעט איהם איין צו זיך: „איך וויל אייך עטוואָס ווייזען, צו וואָס איך דאַרף אייער הילף און ראַט; איהר וועט זיכער זיך אויסלאַכען פון מיר, אָבער קומען זאָלט איהר דאָך“. דאָהם האָט געפונען לאַסאַלען באַשעפטיגט מיט אַ דראַמאַ — פראַנץ פאָן זיקונגען; דער ערשטער אַקט איז שוין געווען פאַרטיג. מען קען זיך פאָר־

שטעלען זיין פריינד׳ס איבערראשונג! לאַסאַל, וועלכער איז געווען אַזוי אומדיכטעריש, ווי עס איז נאָר מעגליך, פּרובירט זיך אַלס דיכטער! „איך וויים, וואָס איהר וועט זאָגען דערויף, — האָט לאַסאַל איהם פאַרכאַפּט די רייד — איך וויים פּונקט אַזוי גוט ווי איהר, אז איך בין ניט קיין דיכטער. אָבער אויך לעסינג האָט געשריבען דראַמא, וויסענדיג, אַז ער איז ניט קיין דיכטער. איך וויל זיך ניט פאַרגלייכען מיט לעסינגען, אָבער דאָך זעה איך ניט איין, ווארום איך זאָל א. ז. וו.“. לאַסאַל האָט געזוכט דאָהם׳ס ראָט וועגען דער טעאַטראַלישער זייט פון דראַמא, אין וואָס לאַסאַל האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, און אויך וועגען דעם פערזען־בוי, אין וואָס דאָהם איז געווען אַן עקספּערט. דער ערשטער — און דער בעסטער — ראָט, וואָס דאָהם האָט איהם געגעבען, איז צו שרייבען אין פּראָזא, ווייל לאַסאַל׳ס פּראָזא וואָלט אפשר געווען אָראַטאָריש, אָבער דאָך אויסגעצייכענט אויף איהר שטייגער, בעת לאַסאַל׳ס אומפעהיגקייט צו שרייבען קאָרעקטע, וואויל קלינגענדע פערזען איז ממש שוידערליך. מען קען ניט זאָגען, אַז לאַסאַל האָט אין גאַנצען קיין אויער ניט געהאַט. ער האָט גוט און גערן פאָרגעלייענט איבערזעצטע פערזען פון די גריכישע פּאָעטען, אָבער זיינע אייגענע פערזען זאָגען עדות וועגען זיין קאָמישער אומ־באַהאָלפענקייט אין פערזען־קונסט. עס פעהלט איהם אַבסאָלוט מאָס־געפיהל. זעקס־פוסיגע יאַמבען פּלאָנטערען זיך אין דער דראַ־מאַ אין דער גרעסטער אומהאַרמאָניע מיט פינף־פיסיגע, און די באַטאָנונגען פאַלען וואו זיי ווילען. „דער וויסענשאַפטען ווידער־הערשטעלער“ קלינגט פאַר לאַסאַל׳ס אויער, ווי אַ גוטער, פינף־פיסיגער יאַמב. פון דעסטוועגען, אָדער ריכטיגער, טאַקי דערפאַר, איז לאַסאַלען אוממעגליך געווען אָפּצורעדען פון געברויכען די פער־זען־פאָרמע, וואָס לויט דער טעאָריע וואָס ער האָט ארויסגעדרונגען פון די גריכען און העגעל׳ן, איז עס אַם בעסטען געווען צוגעפּאַסט צו דעם פייערליכען טאָן פון אַ דראַמאַ. און אַזוי האָט „פראַנץ פאָן זיקונגען“ באַקומען די פאָרמע, אין וועלכער די דראַמאַ איז ער־שינען.

אַלס קונסט־ווערק, אָפּגעזעהן פון דעם זעהר אינטערעסאַנטען פּלאַן, האָט די דראַמא אַלע חסרונות אין פאָרמע, וואָס אַ פּאָעטיש

ווערק קען נאָר האָבען; זי שווּיבעלט און גריבעלט מיט געשמאַק־לאָזיגקייטען; די סצענען שלעפּען זיך פויל, אָהן סדר און אָהן שטייגערונג; זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אויפפיהרען דאָס שטיק איז אוממעגליך. פון דעסטוועגען לאָזט זיך ניט זאָגען, אַז די דראַמאַ, וואָס שפּרודעלט מיט לאַסאַל'ס גלוטיגער ענערגיע, זאָל מאַכען דעם איינדרוק פון אַן אומפּאַטעטישען ווערק. דאָס טיעפע פּאָליטישע פאַרשטענדניס פון אַן עפּאָכע, וואָס איז דורכגעשטורמט געוועזען מיט געוואַלטיגע באַוועגונגען, און דער בליצענדער פּאַטהאָס, וואָס טראָגט פון איהר, האָבען זיכער אין זיך אַן אייגענאַרטיגע פאָרמע. אַלענפאַלס, די דראַמאַ, ווי זי איז, איז אַן אומאויסשעפּ־ליכע גאָלד־גרוב פאַר די יעניגע, וועלכע ווילען שטודירען די פּסיכאָלאָגיע פון איהר פאַרפאַסער. וואָס מיר זאָלען ניט אַרויס־טראָגען פון לייענען פון זיינע איבעריגע ווערק, די דראַמאַ שליסט איין אין זיך אַלץ: די טיעפּסטע זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק פון פערדינאַנד לאַסאַל, אַלס כאַראַקטער און פּריוואַט־פּערזאָן, און אַל־זייטיגע און צאָהלרייכע וואונקען פאַר דער פאַרשטענדניס פון זיין וועלט־אנשויאונג, פון זיין געשיכטליכען שטאַנדפּונקט, פון זיין אינערליכער און אויסערליכער פּאָליטיק. אַ גאַנצען בילד גיט די דראַמאַ ניט, און מיר קענען זיך דאַרום ניט באַנוצען מיט איהר, ביי דער שילדערונג פון לאַסאַל'ען, אום אַרויסצוקריגען פון איהר זיין גאַנצע געשטאַלט, אָבער זי קען אונז גוט דיענען אַלס אילוס־טראַציע. אַלזאָ לאָמיר זיך צוקקען צו דער זעלבסט־באַשרייבונג, וואָס זי ענטהאַלט.

ביים ציטירען די וויכטיגסטע שטעלען, וועל איך איבערשריי־בען די ווירקליך גרויליכע פערזען אין פּראָזאַ: בלויז פון צייט צו צייט וועל איך געבען די באַזונדערס כאַראַקטעריסטישע שורות אין פערזען־פאָרמע.

אולריך פאָן הוטען שילדערט זיין עלענד לעבען, זייט ער איז פון פּאַפּסט אין גלות פאַרטריבען געוואָרען. ער דערצעהלט פון די שטעדט, אוים מורא זיך איינצורייסען מיט דעם פּאַפּסט און די פירסטען, האָבען ניט געוואָגט צו געבען איהם אַ באַהעלטעניס הינטער זייערע מויערען. „און דאָך“, זאָגט ער, „זיי וואָלטען מיר אפשר אַ שטילע היים געשענקט, ווען איך פאַרשפּרעך זיי רוהיג

זיך צו פאַרהאַלטען“. אָבער „איך קען ניט שווייגען, קען דורך שווייגען ניט קיין אָבדאַך און געמיינע זיכערהייט מיר קויפען! מיך טרייבט דער גייסט! און צווינגט מיך עדות זאָגען, קען ניט פאַרשליסען, וואָס אין האַרצען קוועלט“.

„ווען די אַלגעמיינע נויט ווערט שאַרפער, — זאָגט ער ווייטער, — פאַרשטעקט זיך יעדערער אין זיין אייגענעם ווינקעל און גנב'עט זיך פאַרביי שטיל, אָהן גערויש, באַגעגענענדיג אַ צווייטען אין גאַס. איך אָבער ווער נאָך מיט מעהר געוואַלט געטריבען פון גייסט צו וואַרפען זיך אין חורבן אַריין; וואָס דראָהענדער די געפאַהר, אַלץ העפטיגער אַטאַקיר איך זי. ווען איך וואָלט טויזענד צונגען געהאַט, וואָלט איך מיט אַלע טויזענד איצט צום לאַנד געשריען. איך וואָלט זיך געטראָגען פון דאָרף צו דאָרף, ווי אַ געהעצטע חיה, איידער קנעכטיש צו שווייגען, פאַרוואַרפענדיג מיין באַרוף אַלס אמת־זאָגער. לויב מיך ניט דערפאַר, פראַנציסקוס;

פיעלע האָבען מיך שוין דערפאַר ביטער געטאַדעלט.
„און דאָך, ווען איך באַטראַכט עס עהרליך, גלויב איך
ניט טאַדעל אָדער לויב דערפאַר פאַרדיען איך.
ווען אַ געמיט מיר מיטגעגעבען איז,
וואָס אַלגעמיינעם וועה פיינליכער ער פיהלט
וואָס אַלגעמיינע נויט פיעל טיעפער איהם
אין האַרצען דרינגט — איך קען'ס ניט ענדערן, העד!
עס איז מיר איינגעבאָרען!“

ער שילדערט די האַלטונג פון זיינע פריינד. איינינע האָבען זיך געפרעהט, וואָס זיי זעהען איהם ווידער, אָבער פיעלע האָבען געוויכט פון איהם אין דער ציטעריגקייט פון זייערע הערצער. „איינינע האָבען מיר עס אָפען ערקלעהרט, אַנדערע האָבען דעם מוט ניט געהאַט עס אָפען אַרויסצוזאָגען, אָבער איך האָב גוט געפיהלט, אַז איך בין אַלעמען צו לאַסט. נאָך אַנדערע ווידער, וועמעס טרייסטער איך בין געווען אין שלעכטע צייטען און וועמעס אַנקער איך בין געווען אין פיעלע שטורמס, האָבען זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז זיי וואָלטען גערן געבליבען מיט מיר פריינד אין געהיים, אָבער זיי קענען זיך ניט וויזען מיט מיר אין דער עפענט־

ליבקייט, ווייל זיי קענען זיך ניט פארגינען איינצורייסען זיך מיט רוים.

„זעה, הער, פון פריינד אזוינס צו הערען דארפען,
פאר וועלכע דו אין ווילינען געמיט
און פרייער ליעבע זיך געאָפּפערט האָסט,
אָה, דאָס טוט וועה!"

אולריך ווערט הערצליך אויפגענומען פון פראנץ פאָן זונינגען און געווינט די ליעבע פון זיין טאָכטער. ווען דאָס יונגע מיידעל אנטפלעקט איהם איהר ליעבע, גיט איהר אולריך אזא ענטפער: איידער דו גיסט זיך איבער דער ליעבע, דערוויס זיך צוערשט פון דער קללה, וואָס טרייבט מיך אַלץ פאָרווערטס! דאָס איז די מעכטיגסטע און אומאויסמיידליכסטע פון אַלע קללות, וואָס נאָט אין גרימצאָרן פון זיין ליעבע קען שליידערן אויף דעם קאָפּ פון א שטערבליכען. אייביג בלייבט וואהל די אַלטע פאבעל! ווען אין אַלטען רים האָט די ערד געפלאצט און געעפענט א תהום, וואָס האָט געדראָהט דער שטאָדט מיט פעסט און פארדארבען, האָט דער אָראקעל אויסגערופען: די געטער וועלען זיך ערשט איבערבעטען, ווען דאָס קאָסטבארסטע, וואָס די שטאָדט פארמאָגט, וועט אין שאנד ארייגעוואָרפען ווערען, און זעה! הויך אויף א פערד, אין שעהנסטען וואפענשמוק, איז קויציקס אין אָפּגרונד אריינגעשפרונגען, זיך אָפּפערענדיג צו די פינסטערע געשפענסטער פון דער אונטערוועלט: די בעסטע מוזען אריינשפרינגען אין דעם כעס פון דער צייט, נאָר איבער זייערע לייבער שליסט זיך דער אָפּגרונד.

און פראנץ דענקט פונקט אזוי ווי אולריך, און פונקט אזוי ווי לאסאל. ער זאָגט: „מיר זיינען שולדיג אונזערע לעבענס צו יענע גרויסע צוועקען, וואָס אין זייערע ווארשטאטען ווערען די דורות געשיקט אַלס טרייע ארבייטער. איך האָב געטאָן, וואָס איך האָב געקענט. איך פיהל מיך דערלייכטערט און גליקליך, ווי איינער, וואָס האָט עהרליך באצאָהלט זיין חוב."

אָבער פון אַלע רעפּליקען אין דעם שטיק כאראקטעריזירט קיינע ניט בעסער און פולער לאסאל'ס טיעפסטע טיעפעניש, ווי די פאָלגענדע, וואָס ווייזט אונז, ווי לאסאל, ארומגערינגעלט פון די טויטליכסטע געפאהרען, שפּאַנט אָן זיין ווילענסקראפט ביז צום

העכסטען גראַד, שעפּענדיג זי פון אומערגרינדליכע קוואַלען אין איהם. אין דער רעפּוּבליק איז ער ווירקליך אַ דיקטער, ווייל דאָ פיהלט ער אזוי טיעף, אַז די ווערטער, אַרויסקומענדיג פון דער טיעפענש, זיינען אָנגעטרונקען מט אמת'ען ליריזם. דער אונטער־שיעד צווישען אַן אָראַטאָר און אַ דיכטער איז דאָך גראַד אין דעם, וואָס דער אָראַטאָר איז אַלעמאַל אויסען אַנדערע, בעת אַ לירישער דיכטער איז אַלעמאַל מיט זיך אַליין. און אַליין מיט זיך איז לאַסאַל אין דעם פאָלגענדען אויסגוס:

„ניט קוק אַרונטער, באַלטה! נאַר, אַרויף;
אין געפאַהרען ערשט פול אַנטפּלעקט זיך
די גבורה פון דעם מאַן, — פאַרשעהמט אַנטלויפען
די בלייכע פאַרזיכט און דער ציטריג שרעק,
די ערד געבאָרענע, צו דר'ערד זיי ציהען,
און אויס דעם שיפבּרוך פון געזונקענע פּלענער
און אויס די חורבנות פון זיין פוסטער חכמה
הויבט זיך דער גייסט אויף אין זיין ריינער גרויס.
אין דער אומענדליכקייט, וואָס אין איהם שלומערט,
דעם ווילענס־אוצר, פלאַנצט ער זיך אריין,
זויגט מיט געשלאָסענע אויגען נייע קראַפט,
נייעם וואוקס און שוואונג פון זיך אַליין,
שטעלט אין קאַן די סומע פון זיין לעבען,
און פריי פון לאַסטען פלאַמט ער אויף צו טאַט —
אַ רגע — ווי צעשמאָלצען פון אַ בליץ. —
דער שטאָף פאַרגליווערטער איז ניי־געגאָסען“.

מיר דוכט זיך, אַז אין די ווערטער געפינען מיר דעם אמת'ען, אידעאַלען לאַסאַלען — לאַסאַלען, ווי ער איז געווען אין זיינע בעסטע שטונדען. און דאַרפען מיר ניט אורטיילען וועגען אַ מענ־שען לויט ווי ער ווייזט זיך אַרויס אין זיינע בעסטע שטונדען? וואָרים דאָס איז דער מענש! וואָרים וואָס פאַר אַ רעזולטאַט וועלען מיר אַרויסקריגען אפילו פאַר די גרעסטע גייסטער, ווען מיר וועלען צענויפנעהמען אַלע שטונדען, אין וועלכע זיי זיינען ניט געווען זיי; און אויפ'ן סמך פון דעם חשבון וועלען מיר אור־טיילען וועגען זיי? וואָרים וויפיעל צייט זיינען זיי געצוואונגען

געווען אָפּצוגעבען פאַר זייערע קערפּערליכע באַדערפֿניסען און פאַר די באַדערפֿנישען און צעשטרייאונגען פֿון זייער וואָכעדיגען לע־בען? וויפֿיעל צייט האָבען זיי פאַרשווענדט אין שלאָף, קראַנק־הייטען, אין אַכטונג געבען אויף זייער קערפּער און אין באַפרידיגען אַנדערע, וועלכע האָבען פאַרלאַנגט פֿון זיי אויפמערקזאַמקייט און סימפּאַטיע! און דאָס, וואָס עס גילט פאַר אָט די דירעקט פאַר־לאָרענע פאַר זייער גייסטיגען לעבען שטונדען, איז כמעט אין דער זעלביגער מאָס ריכטיג אויך פאַר יענעם טייל פֿון זייער געמיטס־לעבען, וואָס געפינט זיך אונטער דעם רשות פֿון אומבאַהערשטע ליידענשאַפטען, אומרוהיגע אַמביציעס, תאוות און שוואַכקייטען? מעג מען ניט און דאַרף מען ניט, ווי ווייט מעגליך, דאָס אַלע פאַרקוקען, ווען מען וויל וויסען וואָס אַ געוויסע פּערזאָן איז געווען אין איהר אינערסטען קערן? איז עס גערעכט, איז עס פאַרנינפ־טיג אייביג זיך צו גריבלען אין די שוואַכקייטען און פעהלערען פֿון אַ גרויסער נשמה? אַלענפאַלס, דאַרף מען פאַרשטעהן, אַז דער, וועלכער לעגט פּונקט אַזאַ געוויכט אויף די נעגאַטיווע, ווי אויף די פּאָזיטיווע אייגענשאַפטען פֿון אַ פּערזאָן, קען דערפֿון מאַכען וואָס ער וויל, אָבער קיין ב י ל ד פֿון דער פּערזאָן וועט ער זיכער ניט שאַפֿען. דען עס איז אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, אַז קיינער וועט ניט קענען מאָלען אַ פּאָרטרעט, ווען ער וועט פאַרזוכען צוצוגעבען איהם אַזאַ אויסדרוק, ער זאָל זיך פּאַסען פאַר'ן אָריגינאַל אין אַלע סיטואַציעס. דער אידעאַל פֿון דער פּערזענליכקייט מוז שוועבען פאַר זיינע אויגען! דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען „אידעאַליזירען", נאָר וועגען דער פעהיגקייט צו זעהן, ניט אָפּלאָזענדיג דאָס אויג פֿון דער ווירקליכקייט, די אידעאַלע געשטאַלט פֿון דער פּערזאָן — וואו זי דריקט זיך אויס אַם שאַרפסטען אין וואָרט און טאַט — אָדער מיט אַנדערע ווערטער, זעהן די גרונד־אייגענשאַפטען פֿון דער פּערזאָן, ווי זי אַנטפּלעקט זיך מעהר אָדער ווייניגער פֿול פאַר איהרע צייט־גענאָסען. און אַזאַ אידעאַלע געשטאַלט פֿון זיך אַליין האָט לאַסאַל געגעבען אין די אויבען־געבראַכטע שורות.

דאָס שטיק ענטהאַלט אויך ביז אַ געוויסען גראַד אַ פאַר־נעפּיהל פֿון זיין פּלוצלונגען טויט. מאַריע, זעהענדיג ווי מרה שחורה'דיג אולריך קוקט אויף זיין צוקונפט, פרעגט זי איהם צי

גלויבט ער דען ניט אין דער העכערער השגחה, וואָס העלפט דאָס גוטע זיעגען איבער דאָס שלעכטע. ער ענטפערט:

„דאָס גרויסע גאַנצע קען אויף צוקונפט האָפען,
אין אייגנער חכמה צוטרויליך פאַרזונקען,
באַוועגט עס זיך צו אייגנעם ציעל און פּלאַן,
אין שטורם־וואַנדעל קיינמאָל ניט פאַרלאָרען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער איינצעלנער — ער שטעהט אויף צופאַלס פּולווער־מינע,
זי פּלאַצט — און שליידערט אין דער לופטען איהם.

אין די ווערטער ליגט אַן אמת און אַ ביטערע לעבענס־פילאָזאָפיע — אמת פאַר'ן פאָלק, ביטער פאַר יעדען איינעם און באַזונדער ביטער פאַר אזא איינעם, וועלכער ווי לאַסאַל, לעבט אליין אונטער די מינען און אליין שטורמט ער די אונטערגעמינעוועטע שאַנצען.

אַט די כמעט אויטאָביאָגראַפישע שטריכען אין דעם שטיק וועלען דעם פאָרשער פון דעם פּראָפעסאָר'ס פּערזענליכקייט אַרויפפיהרען אויפ'ן געדאַנק, אַז זיי זיינען ענג פאַרבונדען מיט יענע שטריכען, וואָס דריקען אויס זיינע היסטאָרישע און פּאָליטישע אנשויאונגען. שוין אין זיין רעדע פאַר די געשוואָרענע שילדערט לאַסאַל, ווי די אינערליכע באַוועגונג פון די געמיטער באַהערשט אין דער ווירקליכקייט דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער געשיכטע און לאָזט זיך ניט אונטערדריקען מיט אויסערליכע מיטלען, וואָס העכסטענס ענדערען זיי בלויז די אויסערליכע סמנים פון דער באַוועגונג. „לאַנג נאָך איידער באַריקאַדען ווערען אויפגעריכט אין די גאַסען, גראָבט זיך אין די נשמות פון די בירגער אַן אָפּגרונד, וואָס שלינגט איין די רעגיערונגס־פאָרם". און אין איינקלאַנג מיט דעם ווענדט זיך פראַנץ פאָן זוקינגען צו קייזער קאַרל מיט דעם פיעלזאָגענדען וואָרט, ער זאָל מאַכט ניט איבערשעצען, וואָרים — „ער קען נאָר פאַרשנעלערען, ניט פאַרהינדערען זאַכען, נאָר פאַרמירען — ניט אונטערדריקען".

דאָ זעהען מיר די גרונד־אידעע פון לאַסאַל'ס היסטאָרישען גלויבען פאַרוואַנדעלט אין אַ פּאָליטישער אַקסיאָמע. יעדע היסטאָרישע איבערצייגונג נעהמט אָן ביי איהם גלייך אַ פּראַקטישע

פּאַרמע. פון אַט דעם גרונד-גלויבען זיינעם אין דעם אומווידער־שטעהליכען היסטאַרישען שטראָם שטאַמט זיין עקעל צו אַלערליי דיפּלאָמאַטישע שפּיצלאַך, צו אַלערליי האַלבוועגען און פאַרשטעלעניש. ווען קאַרל וויל אָנהויבען אונטערהאַנדלען מיט דער רעפאָרמאַציע, ענטפערט איהם פראַנץ: „מיט׳ן אמת לאָזט זיך ניט פיהרען אונטערהאַנדלונגען. מיט פּונקט אַזאַ ערפאָלג וואָלט איהר געקענט אונטערהאַנדלען מיט דעם עמוד האש, וואָס איז פאָראויסגעגאַנגען דעם פאָלק ישראל אין דער מדבר“. און שפּעטער, ווען פראַנץ נעהמט רעקרוטירען זיינע טרופּען, כלומרשט פאַר אַ קריעגסצוג געגען דער שטאָדט, אָבער אין דער אמת׳ען כדי אויף אַזאַ אופן אומבאַמערקט אָנצוזאַמלען אַן אַרמעע, וואָס ער זאָל קענען אַרויסלאָזען געגען די איבעריגע פירסטען — וואַרפט איהם באַלטהאַזאַר פאָר — באַלטהאַזאַר איז דער וויטזיכטיגסטער פּאָליטיק פון שטיק — די נאַרישקייט פון זיין חכמה׳דיגען איינפאַל.

„ווענען ווילסטו אָפּנאַרען? — פרעגט ער. — ניט דיינע שונאים. וואָרים ווי אַ מענש זאָל זיך ניט פאַרשטעלען, דער שונא וועט גלייך זיך כאַפּען, וואָס ער האָט פאַרטראַכט און וואו ער ציעלט. דער לעבענס-אינסטינקט אין איהם דערשמעקט גלייך די פּלענער פון אַנדערען, וועלכער דראָהעט איהם מיט אונטערגאַנג. די פירסטען אַליזאַ האָסטו ניט אָפּגענאַרט. מיט דער זיכערהייט פון אינסטינקט דערקענט זייער האַס אין דיר דעם געשוואָרענעם שונא פון זייער שטאַנד און זיי גלויבען ניט אין דער מעשה וועגען אַ מלחמה׳לע מיט טריער. בלויז דיינע פריינד האָסטו גאַנץ קלעגליך אָפּגענאַרט און איבערגעקליגגט. זיי האָבען דיר געגלויבט אויפ׳ן וואָרט; פאַר זיי איז דער צוג געווען יענע קליינליכע קריעגעריי, ווי דו האָסט די זאַך פאָרגעשטעלט פאַר זיי, און זיי האָבען דיך ניט אונטערשטיצט. ניין, האָסטו איינמאָל געוואָלט זיך אַרויסלאָזען, וואָלט פיעל בעסער געווען, ווען דו טרעטסט אַרויס אָפען געגען קייזער קאַרל און שרייבסט אָן רעפאָרמאַציע פון קירך און רייך מיט גרויסע לעזבאַרע אותיות אויף דיין פאָהן. יאַ, נאָך בעסער: אין נאָמען פון רעכט, וואָס דיין גערעכטער צוועק האָט דיר געגעבען, פּראָקלאַמירסטו זיך אַליין קייזער און לאָזסט לויז די געבונדענע כחות פון דער נאַציאָן — אָנשטאָט צו שפּיעלען באַ־

העלטענים מיט דיינע פריינד, ניט נארענדיג דערמיט קיין איינ־ציגען פון דיינע פיינד.

„אָה ניט דער ערשטער זייט איהר, און אויך ניט
דער לעצטער, וועלכער וועט זיין קאָפּ צעברעכען
פאַר איבערקליגען זיין בארוף. פארקליידונג
גילט ניט אויף דעם געשיכטליכען יריד;
אין אימפעט פון געלאָפּ דערקענען דיך
די פעלקער ערשט אָן שילד און פאַנצער דיינעם.
דארום זיך וויקעל דרייסט פון קאָפּ ביז פוס
אין די קאָלירען פון דיין א י ג נ ע ר פאָהן,
דאן פרובסטו אוים אין אומגעהייערן שטרייט
די גאַנצע טרייבקראפט פון דיין וואהרען באָדען,
און שטעהסט און פאַלסט צוזאַמען מיט דיין גבורה.
דאָס שרעקליכסטע איז ניט דאָס שטירצען, ניין.
נאָר ווען דו שטירצסט נאָך פאַר דיין בליהונגסצייט,
מיט אומבאַזיעגטער, אומפארברויכטער קראַפט, —
דאָס איז עס, וואָס א העלד אַם שווערסטען טראָגט.“

די פּאָליטישע גרונד־אַנשויאונג, וואָס האָט געפונען איהר אויסדרוק אין אָט דער רעפּליק, איז געווי דיזעלביגע, וואָס לאסאַל האָט פּראָקלאַמירט און ביי וועלכער ער האָט זיך געהאַלטען אַלע זיינע שפּעטערדיגע יאָהרען. דאָס איז די אַנשויאונג, וואָס האָט איהם ערביטערט געגען דער דאַמאָלסדיגער „פּאָרטשריטס פּארטיי“, וואָס האָט זיך געהאַט איינגערעדט, בעת איהר קאַמף געגען מיניס־טעריום, אַז אויב זי וועט כסדר פארזיכערען די רעגיערונג, אַז זי איז קאָנסטיטוציאָנעל, וועט יענע סוף כל סוף עס מוזען צוגעבען, אָדער זי וועט טאַקע אַליין נעהמען גלויבען אין דעם. „איהר ווילט — האָט ער איינמאָל אויסגערופען צו די „פּאָרטשריטלער“ — אריינגנארען די רעגיערונג. אָבער אַלע ווירקליכע ערפאָלגען אין לעבען און אין דער געשיכטע לאָזען זיך דערגרייכען נאָר דורך ווירקליכער איבעראַרבייטונג און איבערבויאונג, אָבער ניט דורך איבערכיטרעווען“. און דיזעלביגע אַנשויאונג האָט איהם פעהיג געמאַכט געמאַכט אויגענבליקליך אָפּצושאַצען ביסמאַרק׳ען: ווי נאָר יענער האָט זיך געשטעלט ביים רודער פון דער רעגירונג און

קללות האָבען זיך א שאָט געטאָן אויף איהם פון אַלע זייטען, איז לאַסאַל דער איינציגער געווען, וועלכער האָט דערקענט אין איהם דעם מאַן פון דער צוקונפט, און מיט זיכערער איבערצייגונג האָט ער פאָראויסגעזאָגט וואָס ביסמארק וועט אויפטאָן.*) אָנגעקלאָגט אין הויכפאררעט, אין וועלען שטירצען די קאָנסטיטוציע דורך זיין אגיטאציע פאר דאָס אַלגעמיינע וואהלרעכט, האָט ער דעם 12טען מערץ 1864 צוגערופען צו זיינע ריכטער:

„גוט, מיינע הערדען! איך, כאָטש א פריוואט־מאַן, קען אייך זאָגען: ניט נאָר וויל איך שטירצען די קאָנסטיטוציע, נאָר עס וועט אפשר א יאָהר ניט פארגעהן, און איך וועל זי ווירקליך שטירצען!... עס וועט אפשר א יאָהר ניט פארגעהן, און דאָס אַלגעמיינע וואהלרעכט וועט באוויליגט ווערען. א ש ט א ר ק ע ר ש פ י ע ל, מ י י נ ע ה ע ר ר ע ן, ק ע ן נ אָ ר ג ע ש פ י ע ל ט ו ו ע ר ע ן מ י ט ד י ק אָ ר ט ע ן א ו י פ ׳ ן ט י ש! די שטארקסטע דיפּלאָמאַטיע איז די יעניגע, וואָס מאכט ניט איהרע חשבונות בגניבה, ווייל זי שטיצט זיך אויף דער אייזערנער נויט־ווענדיגקייט. אַלזאָ, דאָ אויף דעם פייערליכען פּלאַץ, קינדיג איך אייך אָן: עס וועט אפשר א יאָהר ניט אוועק — און הער פאָן ביסמארק וועט נעהמען אויף זיך די ראָלע פון ראָבערט פּיל, און דאָס אַלגעמיינע גלייכע וואהלרעכט וועט באוויליגט ווערען".**)

ווי באקאנט, האָט ביסמארק ערפילט די נבואה גלייך נאָך דעם קריעג מיט עסטרייך — פאר דעם נארד־דייטשען בונד און שפּע־טער פאר׳ן גאַנצען דייטשען רייך.

מיר האָבען דאָ אַלזאָ איבערגעגעבען די אַלגעמיינע פּאָליטישע פּרינציפּען, וואָס דאָס שטיק ענטהאַלט, די פּרינציפּען, וואָס זיינען טיעף איינגעוואָרצעלט געווען אין דער נשמה פון פּראָפעסער. דאָ איז ניט דער אָרט צו פארנעהמען זיך מיט דער ספּעציעלער דייטשער פּאָליטיק, אויף וועלכער ער האָט די פּרינציפּען אָנגעווענדעט. איך וויל נאָר באמערקען, אז אַלע אָהן אויסנאַהם זיינען זיי איצט די הערשענדע אין דייטשלאַנד: גליהענדער האַס נעגען די אַלע

*) „וואָס איצט?" ז. 24; פּארגלייך: „אָפענער ענטפער" ז. 5.
**) „הויכפאראַט פּראָצעס", ז. 44.

קליין־פירסטען און קליין־שטאַאַטען ; „די צוקונפט פון דער געשיכטע, — זאָגט פראַנץ פאָן זיקינגען — קען ניט בלאָזען דורך אַלערליי לאַנדפּיצלאַך". ווייטער דער טיעפער צאָרן געגען דער פארטעמפונג פון פאָלק דורך דער פריסטער־הערשאַפט און אַלס נאָהענטסטער ציעל : אַ פּראָטעסטאַנטישער קייזער אין שפּיץ פון דייטשען רייך.

אין הערבסט פון יאָהר 1860, נעהמענדיג אַ קור אין די בעדער פון אַכען, האָט לאַסאַל זיך באַקענט מיט אַ יונגער רוסין, וועלכע האָט אין יאָהר 1878 אויף דריי שפּראַכען מיט אַמאָל פארטראַוט דער וועלט אַ וויכטיגען סוד : אַז לאַסאַל האָט איהר געמאַכט אַ פאָרשלאַג און זי האָט דעם פאָרשלאַג צוריקגעוויזען. די אויסגאַבע, אין וועלכער לאַסאַל'ס בריעף ווערען געבראַכט אין אָריגינאַל — פראַנצויזיש — טראָגט דעם טיטעל : „אַ ליעבעס־בלעטעל פון פערדינאַנד לאַסאַל ; ערצעהלונגען, בריעף, קאָנפעסיאָנען". וואָס מען קען ארויסטראָגען פון דעם פאַרעפענטליכטען מאַטעריאַל איז, אַז לאַסאַל איז געווען אַ שוואַכער מבין אויף פרויען. עס זעהט אויס, אַז נאָך אַ פּאָר טעג באַקאַנטשאַפט מיט'ן פאָטער און דער טאָכטער אין אַכען, פאַלט איהם איין חתונה צו האָבען מיט דער מיידעל. אין פראַנצויזישען טעקסט זאָגט זי אויף זיך, אַז זי איז געווען מיט 20 יאָהר אינגער פון לאַסאַלען ; דאָס מיינט, אַז זי איז אַלט געווען ניט מעהר ווי 15 יאָהר. אין רוסישען טעקסט גיט זי אָן איהר עלטער אַלס 19 יאָהר. אזוי, אַז מיר קענען דרינגען מיט מעהר אָדער וועניגער זיכערהייט, אַז זי איז געווען יונג. און כאָטש זי איז ווייט געווען פון שעהן, און רייך אויך ניט, און באַזונדערס באַגאַבט אודאי ניט — נישט מעהר אַ לעבעדיג, עקזאַלטירט מיידעל — האָט דאָך לאַסאַל, מיט קאָפּברעכענדער שנעלקייט, איהר אָנגעבאָטען זיין האַנד און האַרץ.

דאָס אָריגינעלסטע אין לאַסאַל'ס אויטאָביאָגראַפישע ליעבעס־בריעף איז, וואָס ער האַלט כסדר אין פיהרען אַ מלחמה געגען זיך, רעכענט אויס געגוי און אויספיהרליך אַלץ — ביז צו די מינדסטע חסרונות זיינע — וואָס קען אָפּשלאָגען ביי אַ מיידעל דעם חשק חתונה צו האָבען מיט איהם, און פארטיג דערמיט, פרעגט ער דאָס מיידעל : וועט זי האָבען מוט, ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען,

צו פארבינדען איהר שיקזאל מיט זיינעם? ער האט קיין פאר־מעגען ניט, און ער ערקלעהרט דערביי, אז ער איז צו דעם גאנץ גלייכגילטיג, און ניט דערפאר, ווייל ער איז נאאיוו צו דענקען, אז אין אונזער וועלט שפיעלט געלד קיין ראלע ניט. פארקעהרט, ער איז זיך מודה מיט פולער אפענהערציגקייט, אז ער וואלט חתונה געהאט מיט א פרוי פאר איהרע 3—4 מיליאן גדן, אפילו ניט ליעבענדיג זי, ווייל אזא סומע איז א מאכט פאר זיך, און ער וואלט זיך מיט דער מאכט באנוצט פאר קינסטלערישע, וויסענ־שאפטליכע און פאליטישע צוועקען. אבער איצט האט ער זי ליעב און זעהט נאר זי פאר זיך, און עס הויבט איהם ניט אן צו ארען וועגען געלד. ער גיט איהר א חשבון פון זיין איינקונפט, אז אויף דעם געלד וועט זי ניט קענען לעבען אזוי, ווי זי איז געוואוינט אין רוסלאנד, אויף איהר טאטען'ס הויף (וואס איז אגב שוין לאנג פארקויפט געווען); אז עס וועט איהר אויסקומען אביסעל ענגליך. און ער גיט נאך צו, אז זי דארף ניט ערווארטען, אז פון זיין אר־בייט וועט צוקומען כאטש א גראשען צו דער אויבען־דערמאנטער סומע. ער ארבייט בלויז פאר זיין גייסטיגען פארגעניגען; עס איז אבסאלוט געגען זיינע איבערצייגונגען צו שרייבען פאר האנא־ראר; ער האלט דאס פאר דער „אומווירדיגסטער, אומנאטירליכ־סטער זאך אין דער וועלט".

דאס איז דער שטאנדפונקט פון גייסטיגען אריסטאקראטיזם, אן וועלכען באיראן האט זיך געהאלטען אין זיין יוגענד, אבער פון וועלכען ער האט זיך גאר גיך ענטזאגט. לאסאל האט געפיהלט אזא עקעל צו זשורנאליזם, אז ער האט צונויפגעמישט עהרליכען ליטערארישען פארדיענסט מיט געדונגענער שרייבעריי, ביי וועלכער דער שרייבער, — ווי מיר זעהען עס טעגליך — זאגט זיך אפ יעדע רגע פון זיינע איבערצייגונגען און טרעט נאך ארוים געגען זיי. די זאך איז, וואס אין דאמאלסדיגען דייטשלאנד האט א שריפט־שטעלער, אפילו מיט לאסאל'ס ריעזיגע פעהיגקייטען, געקענט פאר־דיענען עפעס מיט דער פעדער נאר זייענדיג א פראפעסיאנעלער אנגעשטעלטער זשורנאליסט. און כאטש לאסאלען איז גאנץ גוט, אנגעשטאנען צו שטיצען זיין עקאנאמישע עקזיסטענץ אויף דער רענטע פון גרעפין האצפעלד'ס גיטער, האט ער אין זיין שנאה צו

זשורנאַליסטיק אפילו אין געדאַנק ניט געהאַלטען פאַר מעגליך צו פאַרגרעסערען זיין הכנסה מיט ליטעראַרישער אַרבייט.

די דאַמע האָט געפּרובט באַהאַלטען איהר נאַמען. אין גיכען האָט זי זיך גערופען גרעפין סאָפיע סאָלנצעווא, און יעצט ווען די שורות ווערען געשריבען, איז זי ביי די פאַמיליע אַרנדט און איז אויפזעהערין פון א מיידעל־היים אין סימפעראָפּאָל. איהר פאַטער איז געווען א רוסישער באַאַמטער, וויצע־גובערנאַטאָר אין וויטעבסק, פאַרשולדיגט ביז'ן קאָפּ. צוליעב פאַרשידענע אורזאַכען האָט די פאַמיליע געהאַט א שלעכטע רעפּוטאַציע. אָבער ווי עס איז צו זעהן פון דער קאָרעספּאָנדענץ, איז דער פריילין געלונגען איינצור־רעדען לאַסאַל'ן, אַז אין איהרע אָדערן פליסט קעניגליך בלוט. אין איהר אייגענעם קרייז איז זי באַקאַנט געווען דערמיט, וואָס זי פלעגט אַרויספיהרען איהר יחוס, ניט מעהר און ניט וועניגער, פון פאַרצייטיגען פירסט וולאַדימיר, וועלכער האָט איינגעפיהרט קריס־טענטום אין רוסלאַנד. גענומען האָט זי דאָס, ניט חלילה פון סדר הדורות, נאָר דערפון, וואָס איהר נאַמען סאָלנצעווא קלינגט ווי דער צונאָמען, וואָס דאָס פאָלק האָט געגעבען וולאַדימיר'ן—„סאָלנצע“ (זון), ניט מעהר עס פעהר א „וו“. גאַנץ איינפאַך! זי איז אפילו קיין אַדעליגע ניט געווען, און זי מוז אליין צוגעבען, אַז איהר פאַטער האָט ניט פאַרשטאַנען קיין איין פרעמדע שפּראַך — אַן אומערהערטע זאַך צווישען די אויבערשטע קלאַסען פון רוסלאַנד, ווי אַזוי אָט דער פאַטער האָט געקענט אַרויסרופען אַזאַ התלהבות ביי לאַסאַל'ן, ווי די בריעף לאָזען אונז הערען — איז אַבסאָלוט אומערקלערליך, ווייל די צוויי, לאַסאַל און סאָלנצעוו, האָבען זיך ניט געקענט אפילו צונויפרעדען.

אין דער עכטקייט פון די בריעף קען מען ניט צווייפלען; זייער טאָן, זייער סטיל איז פאָלשטענדיג לאַסאַל'אַניש; אפילו די פעהלערען, אויף וועלכע מיר שטויסען זיך דאָרט אָן, זיינען ביז א געוויסען גראַד עדות פאַר זייער עכטקייט, ווייל דאָס זיינען אַלץ פעהלערען, וואָס נאָר א דייטש קען מאַכען שרייבענדיג פראַנצויזיש. אָבער אַזוי ווי עס אוממעגליך צו דערגעהן, וואָס איז געווען דער אינהאַלט פון די בריעף, וואָס ווערען אָנגעגעבען אַלס פאַר־לאָרען, און וואָס אין די אַרויסגעגעבענע בריעף איז אויסגעלאָזען,

געענדערט, א. ז. וו. און נאָך וועניגער איז מעגליך פעסטצושטעלען, וויפיעל קאָקעטעריי, וואָסערע קונצען זיינען אָנגעווענדעט געוואָרען פון דער מיידעל — איהר ערצעהלונג ווייזט, אז זי האָט גאָר ניט שלעכט געקענט שפּיעלען די פּאַרקערפּערטע אומשולד. — קענען מיר דערפאר קיין קלאָרען באגריף זיך ניט מאכען וועגען דעם כאראקטער פון זייערע באציהונגען.

באַלד נאָך איהר איבעררײדען מיט לאַסאַל'ען האָט מאדאם סאָלנצעוואַ מעהרערע מאָל געפּרובט, און אָהן ערפאָלג, צו מאכען זיך א נאמען אלס אַקטריסע און זינגערין; עס לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז אום אויסצונעהמען ביי לאַסאַל'ען, האָט זי זיך ארויסגעגעבען פאַר זיין יונגער ענטוזיסטישער שילערין, וואָס אַלע איהרע געדאנקען, איהר גאַנץ לעבען איז געווידמעט צו די אָרימע פון איהר געבורטסלאנד.

די בריעף ווייזען, אַז לאַסאַל'ס פארליעבטקייט איז פארשוואונדען פונקט אזוי שנעל, ווי זי איז געקומען. דאָס איז געווען א פאנטאזיע פאַר א רגע, וואָס האָט נאָך זיך קיין שפּור ניט איבערגעלאָזען. איינס איז זיכער, אַז לאַסאַל'ס אויסוואהל — ד אָ ס מאָל און א צווייטען מאָל — איז געפאַלען אויף א פּערזאָן, וואָס איז עס ניט ווערט געווען. כאראקטעריסטיש איז אויך, וואָס דיביידע יונגע מיידלאך, מיט וועלכע לאַסאַל האָט געוואָלט חתונה האָבען, זיינען שפּעטער געוואָרען מיטעלמעסיגע אַקטריסעס *)

אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישען „פאָרווערטס" פון 25טען סעפּ־

---

*) אין רוסלאַנד האָט מען מיר צוגעשטעלט אַ היבשע צאָהל מאַטעריאַלען וועגען דער אַרויסגעבערין פון לאַסאַל'ס בריעף, וואָס מאַכען מיך שטאַרק צווייפלען, צי דאָס פארהעלטניס צווישען לאַסאַל'ען און סאָלנצעוואַ איז ריכטיג איבערגעגעבען אין איהר ערצעהלונג. איך האָב געזעהן צוויי פאָטאָגראַפיעס פון איהר: איינע שטעלט זי פאָר אין איהר גאַנץ פריהער יוגענד; אויף דער אנדערער איז זי א באַיאָהרענטע דאמע.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס דער רוסישער און פראַנצויזישער טעקסטען אונטערשיידען זיך שטאַרק אין יענע שטעלען, וואו זי רעדט אין איהר אייגענעם נאָמען. פיעלע זאַכען, וואָס טראָגען, לאָמיר צוגעבען, דעם שטעמפּעל פון אמת, זיינען מיטגעטיילט אין רוסיש, דאָך האָט די שרייבערין געהאַלטען פאַר באקוועמער ניט צו דערצעהלען וועגען זיי די ניט רוסישע לעזער. פארקערט, אין דער רוסישער אויסגאַבע פעהלט אַ שטעלע פון לאַסאַל'ס אַ גרויסען בריעף, גלייך נאָך דער ערקלערונג:

טעמבער פון יאָהר 1878, געפינען מיר אזא מין ערקלערונג : „הגם פון אָנהויב האָבען מיר געהאט ספקות וועגען דער עכטקייט פון די איבען־דערמאָנטע בריעף, נאָר שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזען — די גרעפין האצפעלד קאָווירט פאר דעם — אַז די בריעף זיינען געשריבען פון לאסאל׳ן. מיר האָבען ניט געהערט, אַז די גרעפין זאָל האָבען עפּענטליך אַזוינס געזאָגט, אָבער עס איז לייכט איינצוזעהען, אַז אפילו אַזאַ ערקלערונג פון איהר זייט וואָלט ניט באַוויזען, אַז די בריעף זיינען עכט אין אַלע איינצעלנע פּונקטען, און נאָך וועניגער, אַז זיי זיינען אָפּגעדרוקט אין גאנצען, ניט געריהרט.

דער הויפּט פון דער פירמא בראקהויז, ענטפערענדיג איינעם פון מיינע פריינד, וועלכער האָט אויף מיין בקשה, איהם, אַלס דעם ארויסגעבער פון די בריעף, געשטעלט געוויסע פראגען, שרייבט :

„פארקעהרט, איך קען ענטפערען מיט אַן ענטשידענעם „ניין“ אויף דער צווייטער פראגע : צי נאָך דער פארעפענטליכונג פון

„פריהער פון אלץ מוז איך אייך זאָגען אַז איך וועל מיט אייך ניט חתונה האָבען, אויב איך וועל זיך פאלשטענדיג ניט אויסהיילען פון מיין קראַנקהייט“ — איז אויסגעלאָזען. „ווייל איהר דאַרפט האָבען אַ מאַן, וואָס איז ביי זיין פולער קערפּערליכער קראַפט און ביי אַלע זיינע כחות, ווי איך בין עס נאָך געווען מיט עטליכע חדשים צוריק“. עס איז פארשטענדליך, ווארום דער פלאץ איז אויסגעלאָזען.

עס בלייבט ניט קלאָר דער אמת׳ער גרונד, וואַרום לאַסאַל׳ס פאָרשלאַג איז צוריקגעוויזען געוואָרען. דאָס יונגע מיידעל האָט פּלוצלונג זיך פארבענקט נאָך רוסלאנד, זי האָט דערפיהלט אַ גליהענדען וואונש צו ערציהען און האָדעווען פויערשע קינדער, אַזוי דערצעהלט זי אין איהר רוסישער אוסגאַבע; אָבער דאָס פאַרדיענט פונקט אַזוי וועניג צוטרויען, ווי איהרע מעשות וועגען איהר פירסטליכער אָפּשטאַמונג. דער פאָטער, מעגליך, האָט זיך באטראכט, אַז דער שידוך איז ניט קיין באזינטער. מעגליך, ער האָט מורא געהאַט צו פארלירען זיין אַמט, ווען ער וועט האָבען לאַסאַל׳ען פאַר אַן איידים. ווי עס שיינט, איז ער געווען אויסערגעווענליך פריינדליך מיט דעם געליעבטען פון זיין טאָכטער, וואָרום וואָס אַנדערש באַדייט דער אויסגוס פון ענטציקונג פון לאַסאַל׳ס זייט:

„וואָס איך באוואונדער ניט וועניגער, ווי די גרויסמוטיגקייט און פיינקייט פון אייערע געפיהלען, איז דאָס, וואָס איהר דערצעהלט וועגען אייער פאָטער׳ס האַלטונג. אַ וואונדערבאַרער מענש, וואָס פאר אַ מענש ! דאָס איז אַ מענש, וואָס שטעהט העכער פון אַלע, וואָס איך האָב וועו באַגעגענט אין לעבען“.

די בריעף איז ביי אונז ניט געבאָרען געוואָרען א ספק וועגען זייער עכטקייט? ווען מיר האָבען פריהער קיינמאָל ניט געצווייפעלט אין דעם אויפ׳ן גרונד פון אויסערליכע און אינערליכע סמנים. וואָרים אנדערש וואָלטען מיר די בראָשורע קיינמאָל ניט ארויסגעגעבען, האָבען מיר שפּעטער, אויפ׳ן גרונד פון עטליכע אָריגינאַלען, וואָס מען האָט אונז צוגעשטעלט, זיך איבערצייגט, אז די בריעף זיינען געשריבען אין לאסאל׳ס האנדשריפט, וואָס איז אונז גוט באקאנט געוועזן".

העכסט מאָדנע, וואָס די פירמע בראקהויז האָט זיך אונטערגענומען צו דרוקען די בריעף, ניט אָנקוקענדיג פריהער די אָריגינאַלען און ניט לאָזענדיג עקזאמינירען זייער עכטקייט פון עקספערטען, און נאָך איבערראשענדער איז, וואָס די פירמא האָט שפּעטער — קענטיג ערשט נאכדעם, ווי זי האָט עס געפאָדערט — געקראָגען די געלעגענהייטען צו באקענען זיך בלויז מיט ע ט ל י כ ע אָריגינאַלען. דאָס קען מען ניט ערקלערען דערמיט, אז די ארויסגעבערין האָט מורא געהאט מיטצוטיילען איהר נאמען דער פירמא, ווייל ווי הערר עדוארד בראקהויז פארזיכערט אין דעם אויבען־ציטירטען בריעף, איז דער נאמען נאָך פון פריהער מיטגעטיילט געוואָרען דער פירמע אלס געשעפטס־סוד.

9.

„דער איטאַליענישער קריעג“ — ביי גאַריבאַלדי

פונקט צו דער צייט, ווען לאסאַל האָט פאַרעפענטליכט זיין „פראַנץ פאָן זיבינגען“, האָט ער זיך געפיהלט געצוואונגען, צום ערשטען און לעצטען מאָל אין זיין לעבען, עפענטליך (כאָטש געבען זיין שטייגער — אנאָנים) אַרויסצוזאָגען זיך וועגען דער אויסערער פּאָליטיק, ביי וועלכער פרייסען, לויט זיינע אנשויאונגען, דאַרף זיך האַלטען. דער איטאַליענישער קריעג איז ערקלערט געוואָרען, א מעכטיגע געמיטס־צורודערונג האָט אויפגעטרייסעלט אייראָפּא; די נאַציאָנאַל ליבעראַלע בורזשואַזיע אין פרייסען, ניט פאַרשטעהענ־ריג די סיטואציע, איז ארויס פון די כלים און געשריען קריעג געגען לואי נאַפּאָלעאָן, צו באַשטראָפען איהם פאַר זיין אַטאַקע אויף עסטרייך, וועלכע האָט עס געהייסען, אלס דייטשע מדינה מוז אונ־טערשטיצט ווערען וואָס עס זאָל ניט קאָסטען. די נגרעכטע זאַך פון איטאַליען און דער פּאָליטישער אינטערעס פון פרייסען זיינען לייכטזיניג פאַרגעסען געוואָרען פאַר א בלינדער געפיהלס־פּאָליטיק. אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט לאסאַל אַרויסגעשליידערט א פּאַמפלעט, באַטיטעלט: „דער איטאַליענישער קריעג, א קול פון די רייהען פון דער דעמאָקראַטיע“. דאָ ווייזט לאסאַל צום ערשטען מאָל אָן, אז די דעמאָקראַטיע קען ניט, ניט באַגעהענדיג קיין פאַר־ראַט געגען זיך אליין, טרעטען מ׳ט די פיס דעם פרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעטען־פרייהייט. ער ערקלערט ווייטער, ווי נאַריש דאָס וועט זיין פון זייער זייט, ווען די דייטשען וועלען זיך לאָזען פאַרבלענדען פון האַס צו נאַפּאָלעאָן דעם דריטען און וועלען איהם נעהמען באַקעמפען אויף א פונקט, וואו ער — אלץ איינס אויף וועלכע מאָטיווען — האָט זיך אָנגענומען פאַר א זאַך, וואָס מוז

סוף כל סוף פאַר איהם אַליין ווערען געפעהרליך. ער ענטוויקעלט דערנאָך דעם געדאַנק, אַז נאַפּאָלעאָן, דער שטענדיג זיך קווינקלענ־דער, וועלכער איז צעטיילט און צעשפּליטערט אין אַלע זיינע ציעלען, וועלכער איז פאַרבונדען מיט וויקטאָר עמאַנועל פון איין זייט און שטיצט דעם פּאַפּסט פון דער אַנדערער, וועלכער קעמפּט פאַר פאָלקס פרייהייט, אום צו באַפעסטיגען זיין אייגענע טיראַניי — דער נאַפּאָלעאָן איז ווייט ניט אַזוי געפעהרליך דער דעמאָ־קראַטיע, ווי עסטרייך; דען עסטרייך איז „אין זיך גיכער אַ פעסטער, פאַלשטענדיג אויסגעהאַלטענער און דורכאויס רעאַק־ציאָנערער פּרינציפּ" און צולעצט, טרעפענדיג אין דעם מיטעל־פונקט פון דער פראַגע, ערקלערט לאַסאַל אָפען, אַז דער פּאָליטישער רעזולטאַט פון איטאַליענישען קריעג קען אַנדערש ניט זיין, ווי נאָר אַ טובה פאַר פּרייסען און דייטשלאַנד. וואָרום? ווייל די מפּלה פון עסטרייך וועט אָפּראַמען די שטערונגען, וואָס פאַרשטע־לען דעם וועג צו דייטשלאַנד'ס פאַראייניגונג — די שטערונגען, צוליעב וועלכע די רעוואָלוציע פון יאָהר 1848 און די דאַמאָלסדיגע פאַראייניגונגס באַוועגונג זיינען אַזוי קלעגליך דורכגעפאַלען.

וואָרים צו וואָס האָט עס גענוצט, וואָס די רעוואָלוציע האָט אָפּגעשאַפט דעם דייטשען בונד, וועלכען מען האָט נאַאיוו גע־האַלטען פאַר דער הויפּט־אורזאַך פון דער דייטשער צעשפּליטערונג, — ווען די אמת'ע און אינערליכע אורזאַך פון דער צעשפּליטערונג דער גלייכגעוויכט אין די כוחות צווישען די צוויי גרויסע דייטשע שטאַאטען: פּרייסען און עסטרייך — איז ניט אָפּגעשאַפט גע־וואָרען? אין דער דאָזיגער דאָפּעלטקייט איז ניט געווען שולדיג די שלעכט־געשריבענע קאָנסטיטוציע, נאָר דאָס פּאַקטישע מאַכט־פאַרהעלטניס. דער איטאַליענישער קריעג — אָנגענומען אַז פראַנקרייך וועט אַרוים די זיגערין — וועט דערלאַנגען דעם ערשטען שטויס דער גלייכגעוויכט צווישען די צוויי שטאַאטען. דערצו וועט אומפאַרמיידליך מוזען קומען. „אין דעם טאָג, ווען עסטרייך, אַלס באַזונדערער שטאַאט, וועט פאַרניכטעט ווערען, וועלען אויך גלייך ווערען די קאָלירען אויף די שלאַג־בוימער (גרענעץ סלופּעס) פון בייערן, ווירטעמבערג און אַנדערע קעניגרייכען". אין יענעם טאָג, מיינט לאַסאַל, וועט „געגרינדעט און געזיכערט ווערען דאָס

פאַראייניגטע דייטשלאַנד !“ און מיט אַ מערקווירדיג דורכדרינג־ליכען פּראָפעטישען שאַרפזין, וואָס האָט זיך אייגענטליך ביי איהם גענומען פון אַ טיעפער פאַרשטענדניס פון אַלע פאַקטישע פאַר־העלטניסען, נעמט לאַסאַל פאָראויסזאָגען, ניט קימערנדיג זיך ווע־גען די גאַנץ אַנדערע טרוימערייען און סימפּאַטיען פון פאָלק און ניט באַיינפלוסט פון די גאַנץ אַנטקעגענגעזעצטע פאַראייניגונגען און דראָהונגען פון די צייטונגען — נעמט לאַסאַל פאָראויסזאָגען אַלץ וואָס דאַרף פאַסירען — און וואָס האָט ווירקליך פאַסירט : אַז פראַנקרייך וועט וועלען אַנעקסירען סאַוואָיאַ און ניצאַ, און איטאַליען וועט, נעגען נאַפּאָלעאָן'ס ווילען, ווערען אַן איינהייטלי־כער שטאַאַט. און טיילענדיג דעם אַלגעמיינעם פאַראורטייל פון די דייטשען געגען דענעמאַרק ; פאָדערט ער אין נאָמען פון נאַ־ציאָנאַלען פּרינציפּ, אַז פּרייסען זאָל אַרויס אין קריעג געגען דענע־מאַרק און אַנעקסירען צו זיך שלעזוויג און האָלשטיין, און דאַן אַרויסשטויסען עסטרייך פון דייטשען בונד און ענדיגען מיט דער גרינדונג פון דייטשען רייך.

נאָך דעם שלום פון ווילאַ פראַנקאַ האָט לאַסאַל אונטערנומען אַ רייזע קיין איטאַליען. ער האָט פאַרבראַכט מעהרערע טעג ביי גאַריבאַלדי אויף קאַפּרי און, לויט ווי מען דערצעהלט, האָט ער געפּרובט געווינען דעם גרייז־גראָהען איטאַליענישען העלד, פאַר אַ וואָלונטירען־עקספּעדיציע געגען עסטרייך, כדי אויף אַזאַ וועג צו ברייגגען צו דייטשלאַנד'ס פאַראייניגונג, אויפטאָן פאַר זיין אייגע־נעם לאַנד, וואָס גאַריבאַלדי האָט אויפגעטאָן פאַר זיין פאַטערלאַנד — האָט געהערט מאָדנע געגוג ! — אפשר אין די מאָמענטען פון איבערטריבענעם אָפּטימיזם — צו לאַסאַל'ס ליעבלינג־טרוימען. דערווייל, אין פּאָליטיק האָט דאַמאַלס געהערשט פאָלקאָמענע שטיל־שטאַנד — האָט לאַסאַל זיך צוריקגעצויגען אין זיין שטודיר־צימער און גענומען באַאַרבייטען זיין „סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט“. און איצט, אין יאָהר 1861, מיט צוויי גרויסע טעאָרעטישע ווערק הינטער זיך, מיט פול־ענטוויקעלטע רייף־געוואָרענע קרעפטען, אין עלטער פון 31 יאָהר, איז איהם אויסגעקומען צו זיין אַ געצוואונ־גענער צושויער פון קליינע געשעהעניסען, וואָס האָבען זיך אָפּגע־שפּיעלט אין דער אויסערער וועלט. דאָס איז געווען אַ יאָהר,

איידער ביסמארק האָט פארנומען דעם פּאָסטען פון אויסערען מי־ניסטער, און דאָס פעלד פון אויסערער פּאָליטיק איז געלעגען וויסט און פארלאָזען. די סאָציאַלע פראגע, וואָס האָט מעהר פון אַלע פּאָליטישע פראגען אינטערעסירט דעם יונגען געלעהרטען, איז זייט דעם יאָהר 1849 געווען ארונטער פון דער געזעלשאפט־ליכער ביהנע. און מיט התלהבות, וואָס האָט אויסגעצייכענט לאַסאַל'ן אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען, האָט ער זיך גענומען אַלץ מעהר און מעהר פארטיעפען אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וואָס האָט שוין באַשעפטיגט זיין גייסט זייט זיין פריהעסטער יוגענד. און ערשט אַך א גרינדליכע זעלבסטשטענדיגען שטודיום, ארויסגע־האָלפען פון זיין שעפּפעריש־פּראַקטישען אינסטינקט, איז איהם גע־לונגען אויף א גלענצענדען אופן צו פארענדיגען אַ רייה וויסענ־שאפטליכע פאָרשונגען, וואָס ארויסגעהענדיג פון דער מעטאפיזיק פון גראָהען פארצייטען, און פון דעם אויסגאַנגספונקט זיך גראָבענ־דיג ווייטער דורך געשיכטע און פילאָזאָפיע, האָבען זיי זיך דורכגע־בראָכען אַ וועג צו דער מאָדערנסטער פּאָליטיק און סטאַטיסטיק.

מיט גרימיגער אומגעדולד האָט ער צוגעזעהען, ווי לייכטזיניגע און אומבאַרופענע, שווינדלער און פארפיהרער פון דער עפענטלי־כער מיינונג, מאכען ארונטער איין וויכטיגע געזעלשאפטליכע פראגע נאָך דער אנדערער. און פון דער אנדער זייט קומען עהרליכע גאָרנישטען, אָהן שום וויסען און פארזוכען מיט קלעגליכע מיט־לען, וואָס האָבען אָפט א גאנץ פארקעהרטע ווירקונג, איינצושטי־לען די שרייענדע נויט. א טיעפער מיטלייד האָט געברענט אין זיין נשמה. ניט אויסגענוצטע כוחות האָבען גערדעמעלט אין איהם: ער איז געבאָרען א רעדנער צו זיין, און אָט איז שוין מעהר ווי צעהן יאָהר אוועק, ווי ער האָט קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט. באַשאָנקען מיט אַלע מעלות וואָס זיינען נויטיג צו האנדלונג: זעלבסט־קאָנטראָל, זיכערער האלטונג, ענטשלאָסענהייט, פעהיגקייט צו פיהרען און א זעלטענעם אָרגאַניזאַציאָנס־טאלאנט, און מיט א וועלט פון אומגעלעזטע פּראָבלעמען פאר זיך, האָט ער זיך געזעהן געצוואונגען צו זיצען מיט פארלעגטע הענד. ער האָט פארזוכט די מעכטיגע אויפצוואועקען מיט זיין קול, ער האָט אפשר פאר א מאָמענט געגלויבט, אז פרייסען וועט אויפוואכען

צו טאַט און מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעוויזען. וועט זי זיך געהמען פאַרווירקליכען די דרינגענדע אויפגאַבען און ציעלען, אָבער אומזיסט איז געווען זיין פאַרזוך די געוועלטיגער אויפ־צואוועקען, זיין קול האָט זיך פאַרלאָרען צווישען די געשרייען פון פיעלע אַנדערע. זיין געזעלשאַפטליכע שטעלונג און זיין פאַר־גאַנגענהייט האָבען פאַרשלאָסען פאַר איהם דעם וועג אַליין אַלס מאַכטהאָבער, פון אויבען אַראָפּ, עטוואָס אויפצוטאָן פאַר זיינע אידעען און פאַר טובת הכלל. און ווידער און ווידער האָט דאָרום געמוזט אויפשטייגען אין איהם דער געדאַנק: צי איז ניט מעגליך צו אָרגאַניזירען און צו דיסציפּלינירען צו פּאָליטישער אַקציאָן די פּאָלקסמאַסען, וואָס זיינען פאַר 12 יאָהר צייט אויסגעשלאָסען געוועזען פון יעדער פּאָליטיק, וואָס לאָזט זיך ניט דערגרייכען, אָר־בייטענדיג פון אונטען! שטעהט דאָך שוין ביי ווירגיליוס: „ווען איך קען ניט באַוועגען דעם הימעל׳ס באַוואוינער, וועל איך אויפ־רודערען די אונטערוועלט!”

און איז געקומען די פּעריאָדע פון פּאָליטישען קאַמף אין פּרייסען. דער שטרייט איבער דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציאָן האָט ארויסגערופען אַ טיעפע שנאה צווישען דער רעגיערונג און פּאַרלאַמענט. די מעהרסטע האָבען ערוואַרט, אַז אָט וועט זיך פאַנאַנדערפלאַקערען אַ מלחמה אויף טויט און אויף לעבען צווישען אַבסאָלוטיזם און דעמאָקראַטיע. אויך לאַסאַלען, קענטיג, האָט זיך פאַר אַ רגע אויסגעוויזען, אַז די בורזשואַזיע וועט זיך ענט־שליסען צו ענערגישע שריט דורך איהרע פאַרשטעהער. אין 1861 האָט אַ גרופּע מיטגליעדער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי זיך פאַר־אייניגט מיט דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט פון דאָס ניי אויפגעלעבט זייט דער ערוועהלונג פון וואַלדעק׳ען (אין דעצעמבער 1860) און זיי האָבען צוזאַמען געגרינדעט די אַזוי גע־רופענע „פּראָגרעסיסטען־פּאַרטיי”. לאַסאַל האָט זיך געווענדעט צום קאָמיטעט פון דער ניי־געגרינדעטער פּאַרטיי מיט אַ פאָרשלאַג צו שטיצען זיין קאַנדידאַטור. דער פאָרשלאַג איז ניט אָנגענומען געוואָרען, און די אויפפיהרונג פון פּאַרלאַמענט בכלל האָט איהם אין גיכען איבערצייגט, אַז די פּאָליטישע ראָלע פון דער בור־זשואַזיע איז אויסגעשפּיעלט. איצט האָט זיך איהם גענומען אויס־

ווייזען, אַז די בורזשואַזיע, צוליעב איהרע קאָנסערוואַטיווע אינ־טערעסען, וועט גיכער איינוויליגען צו פאַרלירען איהרע פרייהיי־טען, איידער צו רופען צו הילף דעם פערטען שטאַנד. די מורא פאַר׳ן פערטען שטאַנד איז ביי איהר שטאַרקער, ווי איהר ליעבע צו פרייהייט. אַזוי זיינען די ארבייטס־מאַכער ווידער געוואָרען אַ מאַכט; זיי אַליין האָבען קיין רעאַקציאָנערע אינטערעסען ניט; זיי זיינען פון דער נאַטור באַרופענע שטיצער און שיצער פון דער פאָלקס־פרייהייט. און פאַר דער רעגירונג, וואָס האָט גע־פיהרט אַ קאַמף אויף טויט און אויף לעבען מיט דער בורזשואַזיע, איז נאָך לאַסאַל׳ס מיינונג קיין אַנדער ברירה ניט געבליבען, ווי צו אַפעלירען צו די ארבייטער אַלס שטאַנד. פון אַ וועלכען עס איז דירעקטען איינפלוס אויף דער רעגיערונג און דורך איהר אויף דער ענטוויקלונג פון שטאַאַט און געזעלשאַפט, איז לאַסאַל געווען פאָלשטענדיג אויסגעשלאָסען; צווישען איהם און דער רעגיערונג איז געלעגען אַן אָפגרונד, וואָס טיילט אָפ יונקערשע רעאַקציע פון רעוואָלוציאָנערען ראַדיקאַליזם. אָבער וואָלט ער דען ניט געקענט האָבען אַן אינדירעקטען איינפלוס, ווען איהם זאָל געלינגען — ניט שאַפענדיג זיך קיין אומנויטיגע שונאים, ניט אַטאַקירענדיג די קעניגליכע מאַכט בכלל, ניט די רעגיערענדע דינאַסטיע, ניט די רעגיערונג, ניט דעם נאַציאָנאַלען געפיהל, ניט די רעליגיאָן און ניט דאָס ירושה־רעכט — ווען איהם זאָל געלינגען ארויסצו־פיהרען דעם אַזוי גערופענעם פערטען שטאַנד פון צושטאַנד פון אוממינדיגקייט און אויפצואוועקען צו אַ געזעצליכען, ריכטיג אָנ־געפיהרטען קאַמף פאַר סאָציאַלער און פאָליטישער גלייבבארעכ־טיגונג (ניט גלייכהייט) מיט די איבריגע קלאַסען.

יאַ, אודאי, אודאי. און עס איז גאָר קיין חידוש ניט, ווען לאַסאַל, גריבלענדיג זיך ווי אַכילעס, אין זיין איינזאַמען געצעלט, האָט כסדר, טאָג ווי נאַכט, גע׳חזר׳ט אין זיך די שירה פון וויר־גיליוס:

„ווען איך קען ניט באַוועגען דעם הימעל׳ס באַוואוינער, וועל איך אויפרודערען די אונטערוועלט!"